STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08016

YIDISHE KINDER GIML

S. Yefroikin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן יעפרויקין   יודל מאַרק

יידישע קינדער
ג

לייענבוך פאַרן דריטן לערניאָר

אַרויסגעגעבן פון
בילדונגס־אָפּטיילונג פון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק 1964

S. EFRON (Yefroikin) YUDEL MARK

YIDDISHE KINDER

(JEWISH CHILDREN)

Part III

Copyright 1964
by the
Education Dept.
of the
Workmen's Circle

Printed in the United States
by
ROSKIN PHOTO OFFSET CORP.
147 WEST 15TH STREET
NEW YORK

אותיות

אותיות ריינע, אותיות שטילע,
פֿול מיט בענקשאַפֿט ווי אַ תּפֿילה:
א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ —
טרינק דאָס ליכט אַרויס פֿון זיי!
לערן זיך פֿלײַסיק, קינד מײַנס, לערן,
וועט אין האַרץ דיר ליכטיק ווערן.

יעדער אות איז פֿול מיט וואונדער —
ברענגט געזאַנג און פֿרייד צו קינדער:
יעדער אות וועט דיך דערהייבן
צו אַ ריינעם טיפֿן גלויבן —
פֿול מיט חכמה און מיט וויסן
פֿון דעם לעבן צו געניסן.

א׳ ב׳ ג׳ ד׳ ה׳ —
טרינק דאָס ליכט, מײַן קינד, פֿון זיי:
וועסט פֿון לערנען רײַכער ווערן,
בעסער ווערן, שענער ווערן:
ווי די זון גייט אויף אין שטראַלן —
וועט מיט חכמה פֿון דיר קוואַלן!

(י. ה. ראַדאָשיצקי)

מאַרש־ליד

אײנס און צװײ, און דרײַ, און פֿיר!
װאָס מיר זײַנען — זײַנען מיר!
כאָטש מיר זײַנען יונג און קלײן,
װי די העלדן דאַרף מען גײן.
פֿינף און זעקס, און זיבן, אַכט,
ניט געװײנט און ניט געלאַכט.
ניט געשטאַנען, נאָר ניט שטײן,
ניט געלאָפֿן, גײן, נאָר גײן!
נײַן און צען, און עלף, און צװעלף.
טרעפֿסט אַ מענטשן, זאָג: גאָט העלף!
זעסט אַ פֿױגל — זאָג אים: פֿלי!
טרעפֿסט אַ בלימל — זאָג אים: בלי!

(יצחק קאַצענעלסאָן)

פֿױגל, דער	bird
בלימל, דאָס	small flower
גאָט העלף	God help you (a greeting)

אַ פֿייגעלע

עס איז געווען פֿרײַטיק. מיר זײַנען געגאַנגען אַהיים, עטלעכע ייִנגלעך צוזאַמען. געגאַנגען זײַנען מיר גיך, ווײַל מיר זײַנען געווען הונגעריק.

פּלוצלינג האָט איינער פֿון אונדז אויסגעשריִען:

— „אוי, אַ פֿייגעלע!“ — האָבן מיר זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

אַ קליין יונג פֿייגעלע איז געזעסן אויף דער ערד. דאָס פֿייגעלע האָט געציטערט. עס האָט געמאַכט מיט די פֿליגעלעך, אָבער ניט געקענט פֿליִען. עס האָט געעפֿנט דאָס גענעלע שנעבעלע ווי אַ קליין קינד וואָס וויל עסן.

מיר האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויפֿן פֿייגעלע. מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס טוט מען מיטן פֿייגעלע?

יאָסל האָט געזאָגט: — „מע דאַרף עס לאָזן זיצן אויף דער ערד ביז דעם פֿייגעלעס מאַמע וועט קומען“.

דוד האָט געגעבן אַן עצה: — „זאָל מען עס געבן אַ וואָרף אין דער הייך, וועט עס אַליין אַוועקפֿליִען".

און הערשל האָט געזאָגט: — „דאָס פֿייגעלע קען ניט פֿליִען. לאָמיר עס נעמען אַהיים".

מיר האָבן דאָס פֿייגעלע געבראַכט אַהיים. מיר האָבן אַלע פֿאַרגעסן אַז מיר זײַנען הונגעריק. מיר האָבן געגעבן דעם פֿייגעלע וואַסער. אָבער דאָס פֿייגעלע האָט נאָר געציטערט בײַ אונדז אין די הענט. דאָס פֿייגעלע האָט פֿאַרוואָרפֿן דאָס קעפּעלע אויף אַ זײַט, פֿאַרמאַכט די אייגעלעך. עס איז געווען טויט.

מיר האָבן אויסגעגראָבן אין הויף אַ טיף גריבעלע. מיר האָבן אַרײַנגעלייגט דאָס פֿייגעלע אין גריבעלע און פֿאַרשאָטן מיט זאַמד. איבער דעם האָבן מיר געשטעלט אַ ברעטעלע מיט אַן אויפֿשריפֿט: „דאָ ליגט דאָס קליינע פֿייגעלע" און אָנגעשריבן אַלע נעמען פֿון די קינדער וואָס זײַנען דערבײַ געווען: בערל, יאָסל, דוד, הערשל.

(לויט שלום־עליכם)

רחמנות האָבן	אויסגעגראָבן
געציטערט	אַרײַנגעלייגט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס, מיינט איר, איז געשען מיט דעם פֿייגעלע?
2. האָבן די קינדער רחמנות געהאַט אויף דעם פֿייגעלע?
3. פֿאַרוואָס האָט מען געדאַרפֿט רחמנות האָבן אויף דעם פֿייגעלע?
4. וואָס האָבן די קינדער געטאָן צו העלפֿן דעם פֿייגעלע?
5. וואָס האָבן זיי געטאָן, ווען דאָס פֿייגעלע איז שוין געווען טויט?

drooped	פֿאַרוואָרפֿן	cried out, exclaimed	אויסגעשריִען
dug out	אויסגעגראָבן	to flap its wings	מאַכן מיט די פֿליגעלעך
deep	טיף	little beak	שנעבעלע, דאָס
hole	גריבעלע, דאָס	to throw	געבן אַ וואָרף
filled in	פֿאַרשאָטן		
inscription	אויפֿשריפֿט		

פֿאַרוואָס טרעפֿט ער?

יאַנקעלע טוט איין זאַך און טראַכט וועגן אַן אַנדער זאַך. ווען ער זיצט בײַם טיש און עסט, פֿליט ער אין דער זעלביקער צײַט אין אַן עראָפּלאַן ווײַט, ווײַט. קוקט ער ניט אויף דעם וואָס ער טוט. איז דאָס גאַנצע עסן זײַנס אויף דער בלוזע, אויף די הויזן, אויף די שיך, אַפֿילו אויף דער נאָז.

איין מאָל עסט יאַנקעלע אַ לויז איי צו פֿרישטיק. פֿאַרשטייט זיך אַז יאַנקעלעס קליידער האָבן אויך פֿאַרזוכט דאָס לויזע איי.

יאַנקעלע קומט אין שול, טרעפֿט ער זײַן חבֿר איציקל. גיט איציקל אַ קוק אויף אים און זאָגט:

— „דו ווייסט, יאַנקעלע, איך קען טרעפֿן וואָס אַ מענטש טוט אין דער היים. אָט ווייס איך אַז דו האָסט הײַנט געגעסן אַ לויז איי".

— „טאַקע אמת, איציקל", — האָט יאַנקעלע אויסגערופֿן.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט יאַנקעלע געגעסן נאָר ברויט מיט פּוטער און נאָכן עסן האָט ער אָפּגעווישט די הענט אין די הויזן. ברעקלעך ברויט זײַנען געווען אויף זײַן רעקל.

— „נו, איציקל, קענסטו טרעפֿן וואָס איך האָב הײַנט געגעסן?" — פֿרעגט יאַנקעלע.

איציקל קוקט אויף יאַנקעלעס רעקל און יאַנקעלעס הויזן און זאָגט:

— „הײַנט האָסטו געגעסן ברויט מיט פּוטער".

יאַנקעלע האָט זיך זייער געוואונדערט. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געזאָגט דער מאַמען:

— „דו ווייסט, מאַמע, איציקל טרעפֿט אַלץ! ער טרעפֿט אַלע מאָל וואָס איך האָב געגעסן אין דער פֿרי. פֿאַרוואָס טרעפֿט ער?"

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלעס קליידער און האָט געזאָגט:

— „איך וועל דיר אָנטאָן ריינע הויזן און אַ ריינע בלוזע. ווען דו וועסט עסן, קוק אויף דעם וואָס דו עסט און פֿלי ניט אין די הימלען. זע, דו זאָלסט ניט מאַכן קיין פֿלעקן מיט דײַן עסן".

יאַנקעלען איז געפֿעלן געוואָרן דער מאַמעס עצה. ער האָט זיך געהיט בײַם עסן. ער האָט ניט געמאַכט קיין פֿלעקן אויף די הויזן און אויף דער בלוזע.

— „נו, איציקל, טרעף הײַנט וואָס איך האָב געגעסן!"

איציקל האָט געקוקט און געקוקט אויף די ריינע הויזן, אויף דער ריינער בלוזע און ער האָט געענטפֿערט:

— „ניין, יאַנקעלע, הײַנט קען איך ניט טרעפֿן".

יאַנקעלע האָט זיך געהיט בײַם עסן און איציקל האָט מער ניט געקענט טרעפֿן.

(לויט יהודה שטיינבערג)

טרעפֿן אַ חבר	טרעפֿן וואָס ער האָט געגעסן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט איציקל געטראָפֿן אַז יאַנקעלע האָט געגעסן אַ לויז איי?
2. פֿאַרוואָס האָט איציקל געטראָפֿן אַז יאַנקעלע האָט געגעסן ברויט מיט פּוטער?
3. וואָס האָט יאַנקעלע דערציילט דער מאַמען?
4. וואָס האָט די מאַמע געזאָגט?
5. האָט איציקל אויך ווײַטער געטראָפֿן וואָס יאַנקעלע האָט געגעסן צו פֿרישטיק?

צײַט, די	time	געטראָפֿן	1. guessed. 2. met
הויזן, די	pants	אָפּווישן	to wipe off
לויז	soft-boiled	וואונדערן זיך	to wonder
ברעקלעך	crumbs		



דרײַ ייִנגעלעך

די מאַמע האָט דרײַ ייִנגעלעך,
דרײַ ייִנגעלעך געהאַט,
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.
האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חיים-שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מע זאָל אים קויפֿן שיך...
איך האָב אײַך אָפּגענאַרט!
איך האָב געוואוסט איר וואַרט...
דאָס דריטע, קליינע ייִנגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.
די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך
פֿון דעם יאַריד געבראַכט,
דרײַ גוטע, פֿעטע ניסעלעך,
דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט.



איז איינס געווען פֿאַר בערעלען,
און איינס פֿאַר חיים־שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פֿאַר זיך.

איר וואונדערט זיך אַ ביסל,
פֿאַרוואָס ניט מיר אַ ניסל ?
ווײַל ניסן, ניסן, ניסעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך !

די מאַמע האָט אַהיים געבראַכט
דרײַ ניסעלעך און מיך,
דרײַ ניסלעך פֿאַר די ברידערלעך
און מיר צוויי נײַע שיך.

(י. גויכבערג)

ווי הייסטו ? איך הייס...
וואָס הייסטו ? איך הייס זײַן שטיל
איך הייס עפּעס קויפֿן

סאַמעט	velvet	יאַריד	fair
גלאַט	smooth	פֿעט	fat
ניסל, ניסעלע, דאָס	small nut, hazelnut	פּראַכט	a beauty

אַ גוטער בירגער

א.

עס איז געווען אַ הייסער טאָג. אויפֿן הימל זײַנען געווען וואָלקנס. לעני פּרימאַן האָט זיי אָבער ניט געזען. ער איז געגאַנגען אַהיים אַן אומצופֿרידענער. ווי האָבן מיר געקענט פֿאַרלירן? — האָט ער גערעדט צו זיך, — זיי שפּילן דען באָל? ווי האָבן מיר געקענט פֿאַרלירן?

דער וועג אַהיים איז געווען אַ לאַנגער און דערווײַל האָט גענומען רעגענען ווי פֿון עמערס.

מענטשן האָבן גענומען לויפֿן אין אַלע זײַטן. דער פֿאַרקער אויף דער גאַס איז געוואָרן ווילד. קיין פּאָליציסט איז ניט געווען. דאָס קעסטעלע אויף וועלכן דער פּאָליציסט שטייט בײַ רעגולירן דעם פֿאַרקער איז געשטאַנען אַליין. לעני האָט עס געזען און געטראַכט: דער פֿאַרקער איז ווילד, מאַשינען לויפֿן אַהין און אַהער, עס קען געשען אַן אומגליק.

מיט איין שפּרונג איז לעני אַרויף אויפֿן קעסטעלע. ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט און האָט אָנגעהויבן מיט זיי צו אַרבעטן. דאָ האָט ער געהייסן פֿאָרן, דאָ האָט ער געהייסן וואַרטן, כּדי די פֿוסגייערס זאָלן קענען אַריבערגיין די גאַס. די טרײַבערס פֿון אויטאָמאָבילן האָבן אים געפֿאָלגט. געווען אויך אומצופֿרידענע. אָבער די מערסטע האָבן אים געפֿאָלגט און אַפֿילו געשמייכלט צו אים. אַזוי איז לעני געשטאַנען אַ האַלבע שעה אונטערן רעגן, ביז עס איז געקומען אַ פּאָליציסט און האָט פֿאַרנומען זײַן אָרט.

צופֿרידן — אומצופֿרידן	אַריבערגיין די גאַס

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס איז לעני געווען אומצופֿרידן?
2. ווען האָט אָנגעהויבן צו רעגענען?
3. פֿאַרוואָס האָט געקענט געשען אַן אומגליק?
4. וואָס האָט לעני געטאָן?
5. האָבן די טרײַבערס פֿון די אויטאָמאָבילן אים געפֿאָלגט?
6. ווי לאַנג האָט לעני רעגולירט דעם פֿאַרקער?

בירגער, דער	citizen	אויסשטרעקן די הענט	to put out one's hand
אומצופֿרידן	unhappy	אַריבערגיין די גאַס	to cross the street
טראָפּן, דער	drop	פֿוסגייער, דער	pedestrian
עמער, דער	pail	טרײַבער, דער	driver
פֿאַרקער, דער	traffic	אויטאָמאָביל, דער	car
פּאָליציסט, דער	policeman		
רעגולירן	direct		
אומגליק, דאָס	accident		

ב.

ווען לעני איז געקומען אַהיים, איז ער געווען אינגאַנצן נאַס. די קליידער זײַנען געווען צוגעקלעפּט צום קערפּער. די שיך זײַנען געווען צוגעקלעפּט צו די פֿיס. מע האָט זיי קוים געקענט אויסטאָן.

— „וואו ביסטו געווען?" — האָט די מוטער געפֿרעגט, ווען זי האָט אים געהאָלפֿן אויסטאָן די נאַסע קליידער.

— „אין ערגעץ ניט", — האָט ער געענטפֿערט.

— „אין ערגעץ ניט ווערט מען אַזוי נאַס?" — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט.

לעני האָט ניט געענטפֿערט.

— „איך האָב מורא אַז ער האָט היץ", — האָט די מוטער געזאָגט און געטאַפּט דעם זונס שטערן.

און טאַקע, לענים שטערן האָט געברענט. לעני איז שוין געלעגן אין בעט. די מאַמע האָט אויסגעמאָסטן די היץ. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן 103. לעני איז געלעגן אין בעט און האָט אָנגעהויבן רעדן פֿון היץ. ער האָט זיך געקריגט מיט די טרײַבערס פֿון די אויטאָמאָבילן.

ס'איז געקומען דער דאָקטער. ער האָט אים געגעבן מעדיצין. די מוטער האָט זיך געקלאָגט פֿאַר אים: „די גאַנצע וועלט אַנטלויפֿט פֿון אַ רעגן, נאָר מײַן זון מוז זײַן אַנדערש". און דער פֿאָטער האָט געזאָגט: — „עס זעט אויס אַז ער האָט געוואָלט זײַן אַ פּאָליציסט. אַ נײַער העלד!"

אויסטאָן קליידער	אָנטאָן קליידער	זיך קריגן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט די מאַמע געהאָלפֿן איר יינגל אויסטאָן די קליידער און די שיך?
2. האָט לעני דערציילט וואָס ער האָט געטאָן?
3. פֿאַרוואָס האָט מען גערופֿן דעם דאָקטער?
4. פֿון וואַנען האָט דער פֿאָטער געוואוסט אַז לעני האָט פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון פּאָליציסט?

אינגאַנצן	all	היץ, די	temperature, heat
צוגעקלעפּט	pasted	אויסגעמאָסטן	measured
קערפּער, דער	body	אויסגעמאָסטן	took his
קוים	hardly	די היץ	temperature
אין ערגעץ ניט	nowhere		

ג.

לעני פֿרימאַן איז טאַקע געוואָרן אַ העלד. אין דער צײַטונג איז געווען אַ בילד ווי ער שטייט אויפֿן קעסטל אין רעגן און רעגולירט דעם פֿאַרקער.

גאַנץ פֿרי האָט דער טעלעפֿאָן אָנגעהויבן קלינגען. פֿרײַער האָבן געקלונגען פֿרײַנד און לענים חברים וואָס האָבן געזען דאָס בילד אין דער צײַטונג.

דערנאָך האָט געקלונגען דער אָנפֿירער פֿון די „באָי־סקאַוטס". ער האָט געוואָלט רעדן מיט לענין.

— „ער איז קראַנק און האָט היץ", — האָט די מוטער געזאָגט.

האָט יענער געזאָגט אַז מע האָט באַשלאָסן בײַ די „באָי־סקאַוטס" צו געבן לעאָנאַרדן די גרעסטע אויסצייכענונג פֿון דעם יאָר. דערנאָך האָט מען געקלונגען פֿון דעם פֿײַער־דעפּאַרטמענט:

— „מע מאַכט לעאָנאַרד פֿרימאַן פֿאַר אַן ערן־מיטגליד פֿון דעם פֿײַער־דעפּאַרטמענט".

דערנאָך האָט מען געקלונגען פֿון דער פּאָליציי:

— „מע האָט באַשלאָסן צו באַלוינען פֿרימאַנען מיט אַן ערן־באַנד פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט".

און דער קראַנקער לעני האָט פֿון דעם גאָרניט גע־וואוסט. ער איז געשלאָפֿן פֿון דער מעדיצין וואָס דער דאָק־טער האָט אים געגעבן.

ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן, האָט די מוטער אים געפֿרעגט:

— „ווי פֿילסטו זיך?"

— „פֿײַן", — האָט ער געענטפֿערט.

— „וואָס טוט דיר וויי?"

— „גאָרנישט".

— „ביסט איצט אַ גרויסער מענטש", — האָט דער פֿאָטער געזאָגט צום זון. ער האָט אים דערציילט וועגן זײַן בילד אין צײַטונג און וועגן די אַלע אויסצייכענונגען וואָס ער האָט באַקומען פֿון אַלע זײַטן.

— „אָר־וואַ", — האָט לעני געזאָגט. מער גאָרנישט. אָבער אין די אויגן זײַנען אים געשטאַנען טרערן. פֿאָטער און מוטער האָבן זיך אַראָפּגעבויגן צו אים אין בעט און פֿון ביידע זײַטן אים געקושט.

— „אָר־וואַ", — האָט ער ווידער געזאָגט.

(ל. פּורעם)

ווי פֿילסטו זיך?	איך האָב היץ

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿון וואַנען האָבן אַלע געוואוסט וואָס לעני האָט געטאָן?
2. וואָס האָט מען באַשלאָסן בײַ די „בױ־סקאַוטס"?
3. וואָס האָט מען געזאָגט פֿון פֿײַער־דעפּאַרטמענט?
4. ווי האָט די פּאָליציי באַלוינט דעם יינגל?
5. זײַנען פֿאָטער און מוטער געווען צופֿרידן?
6. איז לעני געווען גליקלעך?
7. האָט די דערציילונג אַ ריכטיקן נאָמען?

גאַנץ פֿרי	very early	ערן	honorary
אָנפֿירער, דער	leader	באַנד, דער	armband
אויסצייכענונג, די	award	פּאָליציי, די	police
מיטגליד, דער	member	אַראָפּגעבויגן זיך	bent down

יום־טוב־מכשירות

לשנה טובה

ניט מיט גלעקער, ניט מיט פֿאָנען,
ניט מיט פֿאַרביקע באַלאָנען
זײַנען מיר מקבל פּנים
אונדזער ייִדיש יאָר.

האָסטו פֿון דײַן לעצטן ביסן
כאַטש אַ ברעקל אָפּגעריסן
יענעמס הונגער צו פֿאַרזיסן —
ווינטש איך דיר: גוט יאָר!

בלײַבן זאָל קיין ברעקל שׂנאה,
ניט קיין וואָלקן פֿון קיין קנאה,
און אין אויג קיין בייזע מינע
אויפֿן נײַעם יאָר.

פֿרייד און פֿריד אין אַלע שטיבער!
האָסט צעקריגט זיך, בעט זיך איבער.
זאָל פֿאַר אונדז דער יום־טובֿ ליבער
שײַנען העל און קלאָר.

(י. גויכבערג)

מקבל פּנים זײַן	איבערבעטן זיך	זיך איבערגעבעטן

גלעקער	bells
מקבל פּנים זײַן	(mekabl ponim) to welcome, to greet
ביסן, דער	bite
אָפּגעריסן	tore away, (gave away)
פֿאַרזיסן	to sweeten
שׂנאה, די	(sine) hatred
קנאה, די	(kine) jealousy
מינע, די	look
פֿריד, די	peace
שטיבער	houses, rooms
איבערבעטן זיך, בעט זיך איבער	to make up, to ask a person's pardon



דעם זיידנס שופֿר

א.

אַרעלע האָט געקענט זיך שפּילן מיט אַלע זאַכן אין הויז. ער האָט אָבער ניט געטאָרט עפֿענען די גרויסע שאַפֿע און נעמען ביכער פֿון דאָרטן. די מאַמע האָט אים געזאָגט:

— „דאָס איז דײַן זיידנס שאַפֿע. אין דער שאַפֿע שטייען דײַן זיידנס ספֿרים. זיי זײַנען טײַערע ספֿרים. אין זיי האָט דײַן זיידע געלערנט אַלע טעג פֿון זײַן לעבן. איצט איז דער זיידע מער ניטאָ. די שאַפֿע מיט די ספֿרים איז דאָס טײַערסטע און דאָס שענסטע וואָס מיר האָבן אין הויז".

און די מאַמע האָט אים ווידער געזאָגט:

— „געדענק, אַרעלע, אַלע זאַכן אין הויז קענסטו נע־מען, נאָר צו דער שאַפֿע גיי ניט צו און נעם ניט קיין ספֿרים פֿון דאָרטן. ווען דו וועסט ווערן אַ גרויסער און דו וועסט קענען לייענען די ספֿרים, וועסטו עפֿענען די שאַפֿע און אַרויסנעמען די ספֿרים".

אַרעלע האָט עס גוט געדענקט. ער האָט די ספֿרים ניט גערירט. אָבער איינמאָל האָט ער געזען אונטן אַ שופֿלאָד. ער האָט זייער געוואָלט וויסן וואָס עס ליגט אין שופֿלאָד. האָט ער אים געעפֿנט. ער האָט דערזען זאַכן וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— „מאַמע, מאַמע, זע נאָר וואָס איך האָב געפֿונען!"
— „וואָס האָסטו געפֿונען?"
די מאַמע איז איצט געשטאַנען לעבן אַרעלען און גע־קוקט אויף אים מיט ברוגזע אויגן.
— „איך האָב דאָך דיר געזאָגט אַז דו זאָלסט ניט צו־גיין צו דער שאַפֿע און דו זאָלסט פֿון דאָרטן קיין זאַך ניט אַרויסנעמען".
אַ שולדיקער האָט אַרעלע געענטפֿערט:
— „איך האָב די שאַפֿע ניט געעפֿנט. איך האָב פֿון דאָרטן קיין זאַך ניט אַרויסגענומען. איך האָב געזען אונטן אַ שופֿלאָד, האָב איך אים געעפֿנט און געפֿונען זאַכן וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזען. וואָס זײַנען זיי, מאַמע?"
די מאַמע האָט זיך געזעצט אויפֿן דיל לעבן אַרעלען און זי האָט אים דערקלערט:
— „דאָס איז דעם זיידנס טלית. אין דעם טלית האָט דער זיידע געדאַוונט אַלע טעג פֿון דער וואָך.
דאָס איז נאָך אַ טלית, פֿון אויבן מיט זילבער. אין דעם טלית האָט דער זיידע געדאַוונט שבת און יום־טוב.
און אָט זײַנען דעם זיידנס תּפֿילין. ווען דו וועסט אַלט ווערן דרײַצן יאָר און דו וועסט ווערן בר־מצווה, וועל איך דיר געבן דעם זיידנס תּפֿילין".
— „וואָס איז דאָס?" — האָט ווידער געפֿרעגט אַרע־לע. — „עס זעט אויס ווי אַ האָרן".
— „דאָס איז אַ שופֿר. דער זיידע האָט געבלאָזן שופֿר ראָש־השנה און ווען עס האָט זיך געענדיקט יום־כּיפּור".
אַרעלע האָט גענומען דעם שופֿר אין האַנט און גע־וואָלט אויך בלאָזן, נאָר די מאַמע האָט צוגענומען דעם שופֿר און האָט געזאָגט:
— „דו וועסט בלאָזן שופֿר, ווען דו וועסט וויסן ווי אַזוי צו בלאָזן שופֿר, און ווען דו וועסט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס מע בלאָזט שופֿר".

די מאַמע האָט אײַנגעוויקלט דעם שופֿר און האָט פֿאַרמאַכט דעם שופֿלאָד. זי האָט געזאָגט:

— „גערענק, אַרעלע, וואָס עס איז באַהאַלטן אין שופֿלאָד. מער זאָלסטו דעם שופֿלאָד ניט עפֿענען און די זאַכן פֿון דאָרטן ניט אַרויסנעמען. ווען דו וועסט גרעסער ווערן, ווען דו וועסט קענען לערנען, וועסטו פֿאַרשטיין וואָס עס ליגט באַהאַלטן אין שאַפֿע.

שופֿר	טלית	תּפֿילין

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געווען אין דער שאַפֿע?
2. פֿאַרוואָס האָט די מאַמע אַזוי טײַער געהאַלטן די שאַפֿע און די זאַכן אין איר?
3. וואָס האָט אַרעלע געפֿונען אין שופֿלאָד פֿון דער שאַפֿע?
4. וואָס איז אַ טלית?
5. ווען וועט אַרעלע קריגן דעם זיידנס תּפֿילין?
6. וואָס איז אַ שופֿר און ווען בלאָזט מען שופֿר?

שופֿר, דער	(shoifer) shofar, ram's horn
שאַפֿע, די	book-case
ספֿר, ספֿרים	(seifer, sforim) religious book(s)
אַרויסנעמען	to take out
איינמאָל	once
טלית, דער	(tales) prayer shawl
דאַווענען	to pray
תּפֿילין, די	(tfilin) phylacteries
בר־מצווה	(bar-mitsve)
ראָש־השנה	(Rosh-Hashone)
יום־כּיפּור	(Yom-Kiper)

ב.



דאָס אַלץ איז געווען, ווען אַרעלע איז נאָך געווען גאָר יונג. ער האָט אַפֿילו ניט געקענט דעם אַלף־בית.

איצט גייט שוין אַרעלע אין אַ ייִדישער שול. ער ווייסט שוין וואָס יום־טובֿ איז, וואָס ראָש־השנה איז, וואָס יום־כּיפּור איז. אַרעלע לערנט שוין אין דריטן קלאַס.

אין דער ערשטער וואָך פֿון לערנען זיך אין דריטן קלאַס, האָט דער לערער געזאָגט צו די קינדער:

— „אין צוויי וואָכן אַרום וועט זײַן ראָש־השנה. מיר וועלן לערנען וועגן ראָש־השנה. מיר הייבן אָן מיט לערנען עטלעכע ווערטער".

דער לערער האָט אָנגעשריבן אויפֿן טאָוול: ראָש־השנה, שנה־טובֿה, שופֿר.

די קינדער האָבן געוואוסט וואָס דאָס איז ראָש־השנה. זיי האָבן געדענקט: ראָש־השנה איז דער אָנהייב פֿון יאָר. מיט ראָש־השנה הייבט זיך אָן בײַ ייִדן דאָס נײַע יאָר. די קינדער האָבן שוין אויך געוואוסט וואָס דאָס איז אַ לשנה־טובֿה. ייִדן שיקן איינער דעם אַנדערן לשנה־טובֿות און ווינטשן אַ גוט יאָר. איצט האָט דער לערער דערציילט:

— „שנה־טובֿה באַטײַט אַ גוט יאָר. ייִדן ווינטשן זיך איינער דעם אַנדערן אַז דאָס נײַע יאָר זאָל זײַן אַ גוט יאָר, אַ גליקלעך יאָר".

דער לערער האָט אַ סך גערעדט וועגן שופֿר. ער האָט געזאָגט אַז ראָש־השנה בלאָזט מען שופֿר. ער האָט דערקלערט פֿאַרוואָס מע בלאָזט שופֿר. ער האָט אויך געזאָגט אַז אַ שופֿר מאַכט מען פֿון אַ האָרן פֿון אַ שעפּס.

אַרעלע האָט אויפֿגעהויבן די האַנט און האָט אויסגערופֿן:

— „בײַ אונדז איז דאָ אַ שופֿר".

אַלע קינדער האָבן איצט געקוקט אויף אַרעלען וואָס האָט אַ שופֿר. און דער לערער האָט געזאָגט:

— „אויב דו קענסט, ברענג מאָרגן דעם שופֿר אין שול. וועלן די קינדער זען דעם שופֿר".

— „איך וועל פֿרעגן מײַן מאַמען", — האָט אַרעלע שטיל געזאָגט.

אַרעלע האָט דערציילט דער מאַמען וואָס מע האָט געלערנט אין שול און אַז דער לערער האָט געבעטן, ער

זאָל ברענגען דעם שופר אין שול. האָט די מאַמע געזאָגט:

— „גוט, אַרעלע, אָבער זע אַז דער שופר זאָל ניט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד".

די מאַמע האָט דעם שופר אַרײַנגעלייגט אין אַ קעסטעלע און זי האָט ווידער געזאָגט:

— „עפן ניט דאָס קעסטעלע. גיב דעם לערער דאָס קעסטעלע מיטן שופר. שפּיל זיך ניט מיטן שופר אין גאַס. ברענג אים פון שול גלײַך אַהיים".

אַרעלע האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט טאָן אַזוי ווי די מאַמע הייסט. דער לערער האָט געעפנט דאָס קעסטעלע. ער האָט אַרויסגענומען דעם שופר און געוויזן אַלע קינדער. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט דעם שופר צו די ליפּן און געבלאָזן אַז אַלע קינדער זאָלן הערן די קלאַנגען פון שופר.

אַ לערער פון אַן אַנדער קלאַס האָט געהערט די קלאַנגען פון שופר, איז ער אַרײַנגעקומען פרעגן פון וואַנען דער שופר קומט אין שול. דער לערער פון אַרעלעס קלאַס האָט דערציילט אַז אַרעלע האָט געבראַכט אין שול זײַן זיידנס שופר. די קינדער פון דעם אַנדערן קלאַס זײַנען אויך אַרײַנגעקומען, זיי האָבן געקוקט אויפן שופר און זיי האָבן געזען און געהערט ווי מע בלאָזט שופר.

אַרעלע איז געזעסן און געהערט דאָס בלאָזן פון שופר. אַרעלע האָט געזען זײַן זיידן, דעם זיידן וואָס איז שוין לאַנג ניטאָ:

אָט שטייט זײַן זיידע. ער איז אָנגעטאָן אין ווײַסן קיטל. ער טראָגט דעם טלית וואָס איז באַצירט מיט זילבער אויבן און אָט בלאָזט ער שופר. אַרעלע איז געווען זייער שטאָלץ וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ שיינעם זיידן.

(בערל סיגאַל)

בלאָזן שופר	אַרויסגענומען — אַרײַנגעלייגט אַרײַנגעקומען

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט דער לערער געלערנט מיט די קינדער וועגן ראָש־השנה?
2. וואָס האָט דער לערער געזאָגט וועגן בלאָזן שופֿר?
3. פֿאַרוואָס האָט דער לערער געבעטן אַרעלען ברענגען דעם זיידנס שופֿר?
4. ווי האָט אַרעלע געדאַרפֿט ברענגען דעם שופֿר אין שול?
5. ווי אַזוי האָבן די קינדער פֿון אַן אַנדער קלאַס אויך געזען דעם שופֿר?
6. ווי האָט אַרעלע „געזען" זײַן זיידן?

באַטײַטן	to mean	צולייגן	to put, to apply
שעפּס, דער	ram, sheep	קלאַנג, דער	sound
אַראָפּפֿאַלן	to fall down	קיטל	white linen robe
צוזאָגן	to promise	שטאָלץ	proud

יום־כּיפּור

הײַנט גיב איך יעדערן די האַנט
און זאָג: דו ביסט מײַן פֿרײַנד!
הײַנט איז דער טאָג פֿון מוחל זײַן,
עס איז יום־כּיפּור הײַנט!
האָט שלעכטס אַ חבֿר מיר געטאָן —
פֿאַרגעס איך דאָס, פֿאַרגיב.
איך בין ניט ברוגז מער אויף אים
און האָב אים ווידער ליב.
ווײַל איך אַליין בין אויך גאַנץ אָפֿט
געווען צו אים ניט פֿײַן.
זײַ מוחל, חבֿר טײַערער,
איך וועל שוין בעסער זײַן!

(מ. אָליצקי)

ברוגז זײַן — מוחל זײַן	גאַנץ אָפֿט, גאַנץ גוט

יעדערער	everybody
פֿאַרגיב	forgive
גאַנץ	quite

דער רבֿ וואָס איז געקומען שפּעט צו כּל־נדרי

א.

די הייליקסטע נאַכט פֿון יאָר איז די נאַכט פֿון כּל־נדרי.

די גרויסע שול איז פֿול. ייִדן שטייען מיט טליתים איבער די קעפּ. אַנדערע ייִדן טראָגן ווײַסע קיטלען. עס איז שטיל. קיינער רעדט ניט קיין וואָרט. מע וואַרט. אָט וועט מען באַלד אָנהייבן די תּפֿילה כּל־נדרי.

פֿאַרוואָס הייבט מען ניט אָן? דער חזן שטייט און וואַרט. אויף וועמען וואַרט מען? עס איז דאָך שוין לאַנג צײַט אָנצוהייבן כּל־נדרי!

דער אַלטער רבֿ איז נאָך ניט געקומען! מע וועט ניט אָנהייבן אָן דעם רבֿ. דאַרף מען וואַרטן. אָבער וואו קען ער זײַן, דער רבֿ? ווי קומט עס אַ רבֿ שפּעט צו כּל־נדרי? וואָס איז געשען? דער שמשׂ איז שוין געווען בײַם רבֿ אין דער היים — דאָרטן איז ער ניטאָ. דער רבֿ איז שוין אַ לענ־

גערע צייט אַוועק פֿון שטוב — צו כּל־נדרי איז ער אַוועק, און אין שול איז ער ניט געקומען. וואו זשע איז דער אַלטער רבֿ?

טלית—טליתים	תּפֿילה—תּפֿילות

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט אויסגעזען די גרויסע שול פֿאַר כּל־נדרי?
2. וואָס טוט אַ חזן?
3. וואָס טוט אַ שמש?
4. פֿאַרוואָס האָט מען ניט אָנגעהויבן דאַוונען?
5. האָט מען זיך געשראָקן וואָס דער רבֿ איז ניט געקומען?

כּל־נדרי	(kolnidre) Yom-Kippur Eve prayer
הייליק, הייליקסטע(ר)	holy, holiest
קעפּ	heads
תּפֿילה, תּפֿילות	(tfile, tfiles) prayer, prayers
חזן	cantor
שמש	(shames) sexton

ב.

מיט שטילע טריט איז דער רבֿ געגאַנגען צו כּל־נדרי. ער גייט פֿאַרבײַ אַ קליין הײַזל. הערט ער: קינדער וויינען. דער רבֿ שטעלט זיך אָפּ. ער הערט נאָך אַלץ דאָס געוויין וואָס קומט פֿון דעם אָרעמען הײַזל. דער רבֿ עפֿנט די טיר.

ער זעט אַ וויגעלע און אַ קליין קינד, אַן עופּעלע אין אַ וויגעלע. בײַם וויגעלע שטייט אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר זעקס. ביידע קינדער וויינען.

— „וואָס וויינסטו, מיידעלע?" — פֿרעגט דער אַלטער רבֿ.

— „די מאַמע איז אַוועק צו כּל־נדרי און מיך געלאָזט היטן דאָס קינד. עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און וויינט. ווייס איך ניט וואָס צו טאָן."

דער רבֿ האָט גענומען אויף די הענט דאָס וויינענדיקע עופֿעלע. ער איז אַרומגעגאַנגען מיטן קינד איבערן אָרעמען שטיבל. ער האָט געשמייכלט צום קינד, גערעדט צום קינד.

דאָס קינד האָט אויפֿגעהערט וויינען. עס האָט אויס־געצויגן דאָס הענטל צו דעם רבֿס גרויער באָרד און זיך גע־שפּילט מיט די לאַנגע האָר פֿון דער באָרד.

די זעקס־יאָריקע שוועסטער האָט אויך שוין ניט גע־וויינט.

— „נו, דו זעסט? אַלץ איז גוט!" — האָט דער רבֿ געזאָגט און אַוועקגעלייגט אין וויגעלע דאָס קינד.

האָט דאָס קינד ווידער גענומען וויינען און דאָס שוועס־טערל האָט אויך אָנגעהויבן וויינען.

דער רבֿ האָט ווידער גענומען אויף די הענט דאָס ווײ־נענדיקע עופֿעלע. ער האָט ווידער געטראָגן דאָס קינד אי־בערן שטיבל און האָט געזונגען צום קינד דעם ניגון פֿון כּל־נדרי. דאָס קינד איז געוואָרן רואיק. אָבער ווי נאָר דער אַלטער רבֿ האָט געלייגט דאָס קינד אין וויגעלע, האָט עס ווידער געוויינט.

— „דאָס קינד איז מסתּמא הונגעריק", — האָט דער רבֿ געזאָגט צום שוועסטערל.

— „קען זײַן", — האָט דאָס מיידעלע געענטפֿערט, — „די מאַמע האָט ניט געקענט געבן עסן דעם קינד, ווײַל עס איז געשלאָפֿן און זי האָט ניט געוואָלט וועקן דאָס עופֿעלע".

— „אויב אַזוי", — האָט דער אַלטער רבֿ געזאָגט, — „גיי אין שול און רוף די מאַמע".

— „איך קען ניט לאָזן דאָס עופֿעלע אַליין", — זאָגט דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע.

— „איך וועל דאָ וואַרטן ביז דו וועסט קומען צוריק מיט דײַן מאַמען".

די שוועסטער איז אַוועק רופֿן די מאַמע. דער רבֿ האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט און געזונגען אים דעם ניגון פֿון כּל־נדרי. דאָס הונגעריקע קינד האָט געשמייכלט און זיך געשפּילט מיט די האָר פֿון רבֿס פּנים. עס איז רואיק גע־לעגן אויף די הענט פֿון דעם אַלטן רבֿ און זיך צוגעהערט צום ניגון... ביז די מאַמע איז געקומען פֿון שול.

דער ניגון	דעם רבֿס פּנים	דאָס פּנים

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער רבֿ זיך אָפּגעשטעלט, ווען ער איז מיט שטילע טריט געגאַנגען צו כּל־נדרי?
2. פֿאַרוואָס האָט געוויינט דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע?
3. וואָס האָט דער אַלטער רבֿ געטאָן?
4. ווען איז דאָס עופֿעלע געווען שטיל און ווען האָט עס געוויינט?
5. פֿאַרוואָס האָט דאָס עופֿעלע געוויינט?
6. וואָס האָט דער רבֿ געהייסן טאָן?

טריט	steps	אויסגעצויגן	stretched out
שטילע טריט	slow steps	ניגון, דער	(nign) melody
עופֿעלע, דאָס	(oyfele) infant	מסתּמא	(mistome) probably
אַרומגעגאַנגען	walked around		

ג.

מיט גיכע טריט איז דער רבֿ אַוועק אין שול.

— „רבי, וואָס איז געשען מיט אײַך? רבי, זײַט איר געזונט?" — איז מען אים געלאָפֿן אַנטקעגן.

— „גאָרניט", — האָט דער אַלטער רבֿ געזאָגט, — „אויפֿן וועג צו כּל־נדרי האָט גאָט מיר באַשערט אַ גרויסע

מצווה. געהערט — אַ קינד וויינט. בין איך אַרײַן, געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט. אײַנשטילן אַ געוויין פֿון אַ קינד איז אַ גרויסע מצווה".

אַזוי האָט דער רבֿ דערציילט, פֿאַרוואָס ער איז געקומען שפּעט צו כּל־נדרי.

— „כּל־נדרי"... — האָט דער חזן אָנגעהויבן זינגען.

דער גאַנצער עולם האָט פֿרום געזאָגט די תּפֿילה פֿון יום־כּיפּור. דער אַלטער רבֿ האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט.

(פֿאָלקס־מעשׂה)

אַ מצווה	דער עולם	דער גאַנצער עולם

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס איז דער רבֿ געקומען שפּעט צו כּל־נדרי?
2. וואָס — האָט ער געזאָגט — איז אַ גרויסע מצווה?
3. וואָס לערנט אונדז די מעשׂה מיטן רבֿ וואָס איז געקומען שפּעט צו כּל־נדרי?

רבי, דער — teacher, master, rabbi
באַשערט זײַן — to be destined
מצווה, די — good deed
אײַנשטילן — to calm
עולם, דער — (oylom) public, folks, people

אַ סוכּה פֿון שלום

אַבֿרהם און יהודה האָבן געוואוינט אין איין הויז. זיי זײַנען געווען גוטע חבֿרים. זיי פֿלעגן זיך שפּילן צוזאַמען אין הויף.

זייערע עלטערן האָבן אַלע יאָר אויפֿגעשטעלט אַ סוכּה אין ווינקל פֿון הויף. זיי האָבן געגעסן צוזאַמען אין דער סוכּה און זיך געפֿרייט מיט דעם יום־טובֿ סוכּות.

אַבֿרהמס פֿאָטער פֿלעגט בויען די סוכּה און ביידע ייִנגלעך, אַבֿרהם און יהודה, פֿלעגן העלפֿן. אַבֿרהמס פֿאָטער פֿלעגט זאָגן די ייִנגלעך וואָס צו טאָן.

אָט איז שוין די סוכּה פֿאַרטיק. איצט דאַרף מען קריגן סכך און צודעקן די סוכּה מיט סכך.

דאָס טוען שוין די ייִנגלעך. זיי זײַנען אַוועק אין וועלדל וואָס איז געווען ניט ווײַט פֿון הויז. זיי האָבן געבראַכט צווײַגלעך פֿון סאָסנע־ביימער.

איצט דאַרף מען אַרויפֿלייגן דעם סכך. אַבֿרהם קריכט אַרויף אויפֿן לייטער און שרײַט צו זײַן חבֿר יהודה: „היי, יהודה, גיב מיר דעם סכך".

— „וואָס עפּעס דו אַליין?" — פֿרעגט יהודה. — „איך וויל אויך לייגן דעם סכך אויף דער סוכּה".

— „ניין", — שרײַט אַבֿרהם, — „איך וועל צודעקן די סוכּה מיט סכך! מײַן טאַטע האָט געבויט די סוכּה, דאַרף איך לייגן דעם סכך!"

— „אויב אַזוי, וועל איך דיר ניט געבן דעם סכך", — ענטפֿערט יהודה ברוגז.

בײדע חבֿרים הייבן זיך אָן קריגן. אַבֿרהם שטייט אויפֿן לייטער און שרײַט. יהודה איז אונטן און שרײַט אויך.

בײדע פֿאָטערס האָבן געהערט די געשרייען. זײַנען זיי אַרויס אויפֿן הויף.

— „שעמען זאָלט איר זיך", — האָט יהודהס פֿאָטער געזאָגט צו זיי, — „בײַ ייִדן רופֿט מען אַ סוכּה — סוכּת שלום, דאָס באַטײַט — אַ סוכּה פֿון שלום. קיין סוכּה איז נישט קיין אמתע סוכּה, אויב די וואָס בויען זי קריגן זיך צווישן זיך".

די ייִנגלעך האָבן זיך פֿאַרשעמט און געשוויגן. און אַבֿרהמס פֿאָטער האָט געזאָגט: — „לייגט דעם סכך בײדע, העלפֿט איינער דעם אַנדערן און פֿאַרגעסט ניט דערנאָך אויפֿצוהענגען אַ שילדל מיט גרויסע אותיות:

סוכּת שלום — אַ סוכּה פֿון שלום".

די ייִנגלעך האָבן אַזוי געטאָן. זיי האָבן בײדע געלייגט דעם סכך אויף דער סוכּה.

ווען די סוכּה איז געוואָרן פֿאַרטיק, איז אויף דער טיר פֿון דער סוכּה געהאַנגען אַ שילדל מיט שיינע אותיות:

סוכּת שלום — אַ סוכּה פֿון שלום

(לויט י. האַלפּערין)

בויען, אויפֿשטעלן אַ סוכּה	
אַרויפֿקריכן	אַרויפֿלייגן

פֿראַגעס:

1. איז אַבֿרהמס טאַטע געווען אַ גוטער חבֿר מיט יהודהס טאַטן?
2. ווי האָט מען געבויט די סוכּה פֿאַר בײדע משפּחות?

3. וואָס האָבן געטאָן די ייִנגלעך, אַבֿרהם און יהודה?
4. פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך געקריגט?
5. וואָס האָט געזאָגט יהודהס פֿאָטער?
6. וואָס האָט געזאָגט אַבֿרהמס פֿאָטער?

שלום, דער	(sholem) peace	סאָסנע, די	pine
סוכּות	(Sukes) Feast of Tabernacles	אַרויפֿלייגן	to put on
		לייטער, דער	ladder
סכך, דער	(skhakh) twigs to cover the Succah	וואָס עפּעס?	why?
		אויפֿצוהענגען	to hang up
וועלדל, דאָס	woods	שילדל, דאָס	sign

תּורה איז די בעסטע סחורה

אַ שיף איז געפֿאָרן אין ווײַטע לענדער. אויף דער שיף זײַנען געווען אַ סך סוחרים וואָס האָבן געפֿירט מיט זיך פֿאַרשיידענע סחורות. זיי האָבן געוויזן איינער דעם צווייטן זייערע סחורות, זיי האָבן געקויפֿט און געביטן זיך מיט די סחורות.

צווישן די סוחרים איז געזעסן אַ געלערנטער מענטש.

— „וואו איז דײַן סחורה?" — האָבן די סוחרים אים געפֿרעגט.

— „מײַן סחורה וועל איך ווײַזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאַנד", — האָט געענטפֿערט דער געלערנטער.

די סוחרים האָבן געלאַכט איבער אַזאַ סחורה וואָס מע זעט זי ניט און זי פֿאַרנעמט ניט קיין אָרט אויף דער שיף.

אין מיטן ים זײַנען ים־רויבערס אָנגעפֿאַלן אויף דער שיף. זיי האָבן צוגענומען פֿון דער שיף די גאַנצע סחורה וואָס אַלע סוחרים האָבן געפֿירט. זיי האָבן אויך צוגענומען דאָס געלט פֿון אַלע מענטשן.

ווען די שיף איז אָנגעקומען, זײַנען אַלע סוחרים אַראָפּ

אַן סחורה און אַן געלט. זיי האָבן אַפֿילו ניט געהאַט אויפֿן ערשטן מאָלצייַט.

אויפֿן געלערנטן האָבן געוואַרט אַ סך תּלמידים און פֿרייַנד. מע האָט אים באַגריסט מיט גרויס כּבֿוד.

דעמאָלט האָבן די סוחרים פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַר אַ סחורה דער געלערנטער האָט געפֿירט. זיי זייַנען צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— „גליקלעך ביסטו מיט דייַן סחורה. איצט ווייסן מיר אַז זי איז די בעסטע. מע קען זי ניט רויבן און זי גייט קיין־מאָל ניט פֿאַרלאָרן.

(אַגדה)

סוחר	סוחרים	סחורה
ווייַזן — געוויזן		בייַטן — געביטן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָבן די סוחרים געטאָן, ווען זיי זייַנען צוזאַמען געפֿאָרן מיט אַ שיף?
2. פֿאַרוואָס האָבן זיי געלאַכט פֿון דעם געלערנטן מאַן?
3. וואָס איז געשען מיט די סחורות און מיטן געלט פֿון די סוחרים?
4. ווען האָבן די סוחרים געזען אַז תּורה איז די בעסטע סחורה?
5. איז טאַקע תּורה — סחורה?

סוחר, סוחרים	(soykher, sokhrim) merchant(s)
סחורות	(skhoyres) merchandise, goods
פֿאַרשיידענע	different, all kinds of
געביטן זיך	exchanged
פֿאַרנעמען אָרט	to occupy
ים־רויבערס	pirates
כּבֿוד, דער	(koved) respect
צוגעגאַנגען	approached, walked over to
רויבן	to rob, to plunder
פֿאַרלאָרן גיין	to get lost, to be lost
צוגענומען	took away

שׂמחת־תּורה

פֿריילעך, קינדער, האָט ניט מורא,
טאַנצט, עס איז הײַנט שׂמחת־תּורה.
ייִדן טאַנצן מיט דער תּורה,
ס׳איז די שענסטע, בעסטע סחורה.

משה האָט זי אונדז געגעבן
פֿאַר אַ שיינעם, ריינעם לעבן.
תּורה ליכט איז, תּורה־אורה,
הײַנט איז יום־טובֿ, שׂמחת־תּורה.

הייבט זשע, קינדער, אויף די פֿאָן,
נעמט מיך אויך אַרײַן אין קאָן.
שיין און פֿריילעך, אין די מאַסן,
זינגט און לאָזט זיך אין די גאַסן.

זאָגט אָן אַלע, שטאָלץ, אָן מורא,
ס׳איז בײַ ייִדן שׂמחת־תּורה.
אונדזער תּורה הײַנט מיר לויבן,
ווײַל זי האָט דעם מענטש דערהויבן.

(ת. באַרקאָן)

תּורה־אורה	אַרײַננעמען אין קאָן

אורה — ליכט (oyro)
אַרײַננעמען אין קאָן — to include in a game
לאָזן זיך אין די גאַסן — אַנהייבן גיין איבער די גאַסן
לויבן — to praise
דערהויבן — elevated



אַמעריקע איז ווײַט, ווײַט

לייבעלע איז נאָך אַ קליינער. ווען ער הערט אַז דער טאַטע וועט באַלד פֿאָרן קיין אַמעריקע, פֿאַרשטייט ניט לייבעלע וואָס דאָס איז. ער ווייסט, דער טאַטע פֿאָרט אַמאָל אין אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון זייערס און ער קומט צוריק אויף מאָרגן. מיינט לייבעלע אַז אַמעריקע איז אויך אַזאַ שטעטל.

— „זאָל איך פֿאָרן קיין אַמעריקע?" — פֿרעגט דער טאַטע לייבעלען.

— „פֿאָר, פֿאָר, טאַטע", — זאָגט לייבעלע — „און ברענג מיר אַ פּאָר נײַע שיך".

ווען דער טאַטע האָט שוין טאַקע געדאַרפֿט פֿאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער אַ סך מאָל געקושט לייבעלען. לייבעלע האָט אַפֿילו געזען טרערן בײַם טאַטן אין די אויגן. לייבעלע האָט זיך זייער געוואונדערט:

— „דו פֿאָרסט דאָך נאָר קיין אַמעריקע", — האָט ער געזאָגט דעם טאַטן, — „דו וועסט דאָך באַלד קומען צוריק".

דער טאַטע האָט געשוויגן און נאָך אַ מאָל אַ קוש געטאָן זײַן קינד.

עס זײַנען אָבער אַוועק וואָכן און וואָכן — און דער

טאַטע איז נאָך אַלץ ניטאָ. דערנאָך זײַנען אַוועק חדשים און חדשים — און דער טאַטע איז נאָך אַלץ ניטאָ. לייבעלע האָט שטענדיק געפֿרעגט בײַ דער מאַמען:

— „נו, ווען קומט דער טאַטע? — פֿאַרוואָס קומט נאָך ניט דער טאַטע פֿון אַמעריקע?"

די מאַמע האָט געוויינט, ווען לייבעלע האָט געפֿרעגט אַזעלכע פֿראַגעס. דערנאָך האָט זי געזאָגט: — „דער טאַטע וועט ניט קומען פֿון אַמעריקע. מיר וועלן פֿאָרן קיין אַמעריקע צום טאַטן".

— „גוט, לאָמיר הײַנט פֿאָרן", — האָט לייבעלע געזאָגט.

— „מיר קענען ניט פֿאָרן הײַנט, מיר קענען ניט פֿאָרן מאָרגן" — האָט די מאַמע דערקלערט, — „מיר דאַרפֿן וואַרטן ביז דער טאַטע וועט האָבן גענוג געלט צו קויפֿן פֿאַר אונדז שיפֿסקאַרטעס".

דערווײַל האָט לייבעלע זיך אויסגעלערנט דאָס ליד וואָס די מאַמע פֿלעגט אים זינגען בײַם לייגן שלאָפֿן:

אין אַמעריקע דער טאַטע

דײַנער, זונעניו.

שלאָף, מײַן קינד.

ס'איז ווײַט דער טאַטע —

אײַלע־ליולע־ליו.

ער וועט שיקן צוואַנציק דאָלאַר,

און זײַן בילד דערצו.

נעמען וועט ער, לעבן זאָל ער,

אונדז אַהינצוצו.

פֿאַרן אײַנשלאָפֿן האָט לייבעלע אַלע מאָל געטראַכט: אַמעריקע איז ווײַט, זייער ווײַט. דאַרף מען לאַנג וואַרטן ביז מע קען פֿאָרן.

עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר יאָר. לייבעלע איז שוין דערוויַיל געוואָרן אַכט יאָר אַלט. ער האָט שוין אַ סך זאַכן פֿאַרשטאַנען. ער האָט שוין געקענט לייענען די בריוו וואָס דער טאַטע האָט געשריבן דער מאַמען און אים, לייבעלען. ער האָט שוין אַליין אויך געשריבן בריוו דעם טאַטן. איצט האָט ער שוין געוווּסט אויף אַן אמת: אַמעריקע איז ווײַט, זייער ווײַט.

לייבעלע און זײַן מאַמע האָבן דערלעבט זייער אַ גליקלעכן טאָג: עס זײַנען אָנגעקומען פֿון אַמעריקע שיפֿסקאַרטעס און געלט. לייבעלע און די מאַמע האָבן זיך געפֿרייט. זיי וועלן באַלד זײַן בײַם טאַטן אין אַמעריקע.

חודש	עס איז אַוועק אַ חודש
חדשים	עס זײַנען אַוועק חדשים

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט לייבעלע געמיינט, ווען ער האָט געהערט אַז דער טאַטע פֿאָרט קיין אַמעריקע?
2. פֿאַרוואָס זײַנען געווען טרערן בײַם טאַטן אין די אויגן פֿאַרן פֿאָרן קיין אַמעריקע?
3. פֿאַרוואָס האָט די מאַמע געוויינט, ווען לייבעלע פֿלעגט פֿרעגן, ווען דער טאַטע קומט?
4. אויף וואָס האָבן לייבעלע און זײַן מאַמע געמוזט וואַרטן?
5. מיט וואָס האָט זיך געענדיקט זייער וואַרטן?
6. פֿאַרוואָס איז לייבעלעס טאַטע געפֿאָרן קיין אַמעריקע?

זייערס	theirs	דערצו	also, too
זאָל איך?	should I?	אַהינצוצו	over there
פֿראַגע, די	question	דערלעבן	to live to see
לייגן שלאָפֿן	put to bed	אָנגעקומען	arrived

צו אַ נײַער וועלט

א.

לואי דע־טאָרעס איז געשטאַנען אויפֿן דעק פֿון דער שיף סאַנטאַ מאַריִאַ. ער האָט געזונגען. אַרום אים האָבן מאַטראָסן געשריִען. זיי זײַנען אַלע געווען זייער אין כּעס. איינער האָט אויסגערופֿן: — „מע האָט אונדז צוגעזאָגט גליקן! מע האָט אונדז צוגעזאָגט אַ נײַעם וועג קיין אינדיע!”

דער צווייטער האָט געשריִען: — „וואַסער, מע זעט גאָרניט, נאָר וואַסער! איך בין שוין מיד און קראַנק”.

— „וואָס שרײַט איר?” — האָט לואי דע־טאָרעס געפֿרעגט, — „וועט אײַך גרינגער ווערן פֿון שרײַען? וואָס

האָבן מיר דען צו פֿאַרלירן ? געווינען קענען מיר אַ גאַנצע וועלט".

— „מיר וועלן אַלע שטאַרבן", — האָט אַ מאַטראָס געענטפֿערט.

און אַ צווייטער האָט אים געפֿרעגט: — „דו ביסט דאָך אַ געלערנטער מענטש. גלייבסטו טאַקע קאָלומבוסן אַז מיר וועלן אָנקומען קיין אינדיע ?"

— „יאָ, איך גלייב קאָלומבוסן. ער איז גערעכט", — האָט לואי דע־טאָרעס רואיק געענטפֿערט. — „די ערד איז קײַלעכדיק און אונדזער וועג פֿירט קיין אינדיע".

קאָלומבוס האָט דורך דער אָפֿענער טיר געהערט די רייד. ער האָט גערופֿן צו זיך דע־טאָרעסן.

— „איך האָב געהערט דײַנע רייד", — האָט קאָלומבוס אים געזאָגט, — „איך בין צופֿרידן וואָס איך האָב דאָ אַזאַ מענטש ווי דו, וואָס פֿאַרלירט ניט דעם מוט".

— „אַ דאַנק", — האָט געענטפֿערט דע־טאָרעס.

און קאָלומבוס האָט ווײַטער גערעדט: — „דו האָסט טאַקע מוט. דו האָסט דעם מוט פֿון אַ מענטשן וואָס האָט גאָרניט וואָס צו פֿאַרלירן".

דע־טאָרעס האָט געשוויגן. און קאָלומבוס האָט געזאָגט:

— „דו האָסט דעם מוט פֿון די מאַראַנען". — קאָלומבוס האָט אים געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן און אים געפֿרעגט: — „ביסטו אַ מאַראַן ?"

— „יאָ, איך בין פֿון די מאַראַנען", — האָט דע־טאָרעס געענטפֿערט.

— „איך האָב עס געוואוסט פֿון לאַנג", — האָט קאָלומבוס געזאָגט, — „אויפֿן ים דאַרפֿן מאַראַנען קיין מורא ניט האָבן. דאָ זײַנען מיר אַלע מאַטראָסן. דאָ איז ניטאָ די אינקוויזיציע. זאָג מיר וואָס האָט דיך געבראַכט צו מיר אויף דער שיף ?"

— „איר האָט געזוכט אַן איבערזעצער און איך האָב קיין מורא ניט פֿאַר סכּנות".

— „דו ביסט מיר געטרײַ, דע־טאָרעס. איך וועל דיך באַלוינען ווי דו פֿאַרדינסט. האָב קיין מורא ניט. קיינער וועט דײַן סוד ניט וויסן".

סכּנה — סכּנות	איך בין גערעכט	פֿאַרלירן מוט

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס איז עס געווען פֿאַר אַ שיף די סאַנטאַ מאַריאַ?
2. ווער איז לואי דע־טאָרעס?
3. פֿאַרוואָס האָבן די מאַטראָסן געשריִען?
4. וואָס האָט לואי דע־טאָרעס געזאָגט די מאַטראָסן?
5. ווער זײַנען געווען די מאַראַנען?
6. וואָס האָט קאָלומבוס געזאָגט דע־טאָרעסן?
7. ווי האָט קאָלומבוס פֿאַרשטאַנען אַז דע־טאָרעס איז אַ מאַראַן?

מאַטראָס	sailor	אינקוויזיציע, די	Inquisition
גליק, דאָס	happiness	איבערזעצער	interpreter
קײַלעכדיק	round	סכּנה, די	(sakone) danger
מוט, דער	courage	געטרײַ	faithful
מאַראַן, דער	Marrano	פֿאַרדינען (זיך), דאָ:	to deserve

ב.

די סאַנטאַ מאַריאַ און די צוויי שיפֿן הינטער איר זײַנען געפֿאָרן אַלץ ווײַטער און ווײַטער איבערן וואַסער. די מאַטראָסן אויף די שיפֿן זײַנען געוואָרן אַלץ בייזער, אַלץ מער אין כּעס. עסן איז געוואָרן אַלץ ווייניקער. פּלוצלינג האָט אַ מאַטראָס אויסגעשריִען:

— „לאַנד! לאַנד!" — עס האָבן זיך געהערט פֿרייד־לעכע געשרייען: — „לאַנד, לאַנד!" — די מאַטראָסן האָבן געוויינט פֿון פֿרייד ווי קליינע קינדער.

ניט ווײַט פֿון דעם ברעג לאַנד האָט קאָלומבוס געהייסן פֿאַראַנקערן די שיפֿן. זיי זײַנען געווען לעבן אַן אינדזל. קאָ־

לומבוס איז געגאַנגען צווישן די מאַטראָסן, געקוקט יעדן אין פּנים. פּלוצלינג האָט ער אויסגערופן: — „לואי דע־טאָרעס!"

לואי דע־טאָרעס איז צוגעקומען.

— „לואי דע־טאָרעס, דײַן מוט און דײַן קענען שפּראַכן װעלן אונדז איצט העלפן. גײ אַראָפּ אױפֿן לאַנד, געפֿין פֿאַר אונדז אױס אַלצדינג. קלײַב אױס אײנעם װאָס זאָל גײן מיט דיר".

אין אַ קלײן שיפֿעלע זײַנען די צװײ צוגעקומען צום ברעג און זײַנען אַװעק װײַט אין לאַנד. פֿינף טעג זײַנען אַװעק און מע האָט פֿון זײ ניט געהערט. די מאַטראָסן האָבן שױן גענומען רײדן אַז זײ זײַנען טױט. אױפֿן זעקסטן טאָג איז לואי דע־טאָרעס געקומען צוריק צוזאַמען מיט זײַן חבר.

לואי דע־טאָרעס האָט איצט דערצײלט װעגן די מענטשן װאָס ער האָט געזען אױפֿן אינדזל. זײ זײַנען אַנדערש װי די מענטשן אין שפּאַניע. זײ זעען אױס אַ ביסל אַנדערש. זײער הױט איז רױט װי קופּער. דע־טאָרעס האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע בלעטער און ער האָט דערצײלט: — „די מענטשן אױפֿן אינדזל װיקלען די בלעטער, זײ לײגן אַרײַן אײן ענד אין מױל, אַן אַנדער ענד צינדן זײ אָן און זײ בלאָזן אַרױס דעם רױך פֿון מױל. די בלעטער רופֿן זײ טאַבעק".

— „און די מענטשן — זײַנען זײ געװען פֿרײַנדלעך?" — האָט קאָלומבוס געפֿרעגט.

— „יאָ, זײ זײַנען געװען פֿרײַנדלעך. זײ האָבן אונדז געקושט די הענט און די פֿיס".

— „איך בין צופֿרידן" — האָט קאָלומבוס געזאָגט, — „מיר דאַרפֿן פֿאָרן װײַטער. און דו, דע־טאָרעס, זאָג — מיט װאָס זאָל איך דיך באַלױנען?"

דע־טאָרעס האָט זיך דערמאָנט שפּאַניע. ער האָט זיך דערמאָנט װי עס לעבן זײַנע ברידער, די מאַראַנען, און

ווי מע שרעקט זיך פֿאַר דער אינקוויזיציע. האָט ער געזאָגט: — „איך וויל בלײַבן דאָ, אויף דעם אינדזל. איך וויל בלײַבן דאָ אין לאַנד וואו מע האָט מיך באַגריסט ווי אַ פֿרײַנד. דאָ וויל איך זײַן דער ערשטער ווײַסער מענטש".

האָט קאָלומבוס געזאָגט: — „איך וויל דיך האָבן מיט זיך. אָבער אויב דו ווילסט, קענסטו בלײַבן אויפֿן אינדזל".

די דרײַ שיפֿן האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן. פֿון דעק פֿון סאַנ־טאַ־מאַריאַ האָט קאָלומבוס געקוקט אויף זײַן פֿרײַנד לואי דע־טאָרעס וואָס איז געשטאַנען איינער אַליין אויפֿן ברעג פֿון דעם נײַעם לאַנד.

לואי דע־טאָרעס האָט געטראַכט פֿון שפּאַניע, פֿון זײַנע ברידער די מאַראַנען און צו זיך אַליין גערעדט: דאָ וועט זײַן אײַער וועלט! דאָ וועט אויך מײַן פֿאָלק לעבן רואיק, לעבן אין פֿרידן!

(לויט דבורה פעסין)

אויסגעפֿינען	אויסגעשריִען	זיך דערמאָנען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז פּלוצלינג געשען?
2. פֿאַרוואָס האָבן די מאַטראָסן געוויינט ווי קליינע קינדער?
3. פֿאַרוואָס האָט קאָלומבוס אויסגעקליבן דע־טאָרעסן, ער זאָל זײַן דער ערשטער אויפֿן אינדזל?
4. וואָס האָט דע־טאָרעס דערציילט וועגן די מענטשן פֿון אינדזל?
5. פֿאַרוואָס האָט דע־טאָרעס געוואָלט בלײַבן אויפֿן אינדזל?
6. איז געשען אַזוי ווי דע־טאָרעס האָט געטראַכט?
7. פּאַסט דער נאָמען צו דער דערציילונג?

ברעג, דער	shore
פֿאַראַנקערן	to anchor
אינדזל, דער	island
שפּראַך, די	language
אויסגעפֿינען	to explore, to find out
הויט, די	skin
קופּער	copper
שפּאַניע	Spain
וויקלען	to roll
בלאָזן	to blow
טאַבעק, דער	tobacco
פֿרײַנדלעך	friendly

דאָס ציכל

ווען זי איז אַראָפּ פֿון דער שיף, האָט חיה־שׂרה געטראָגן אין האַנט אַ ציכל. מע האָט געקענט זען אַז אין ציכל ליגט עפּעס. דאָס ציכל איז אָבער ווײַט ניט געווען פֿול.

חיה־שׂרה האָט פֿעסט געהאַלטן דאָס ציכל אין האַנט און האָט געזאָגט צו איר מאַן: — „יוסף, איך ווינטש זיך נאָר, גאָט זאָל מיר העלפֿן אַז דאָס ציכל זאָל ווערן פֿול אין דעם נײַעם לאַנד".

זי און איר מאַן יוסף, וואָס האָט געשלעפּט צוויי פּעק, זײַנען אַרײַן אין דעם גרויסן הויז פֿאַר די אימיגראַנטן. זיי זײַנען געשטאַנען אין ריי צוויי שעה צײַט, ביז זיי זײַנען צוגעקומען צו אַ באַאַמטן.

— „האָט איר עפּעס טײַערע זאַכן מיט זיך?" — האָט דער באַאַמטער געפֿרעגט מיט דער הילף פֿון אַן איבערזעצער.

— „ניין", — האָט יוסף געענטפֿערט. און ער האָט געעפֿנט די בײדע פּעק.

— „וואָס איז דאָ אין דעם ציכל?" — האָט דער באַאַמטער געפֿרעגט.

— „גאָרניט", — האָט חיה־שׂרה געענטפֿערט און נאָך פֿעסטער געהאַלטן דאָס ציכל.

— „לאָמיר זען", — האָט געזאָגט דער באַאַמטער. ער האָט גענומען דאָס ציכל און עס איבערגעקערט. אויף זײַן טיש זײַנען אַרויסגעפֿאַלן צעטעלעך, ווײַסע און פֿון פֿאַרשײדענע אַנדערע פֿאַרבן.

— „וואָס איז דאָס?" — האָט ער געפֿרעגט. חיה־שׂרה האָט געשוויגן אַ מינוט און דערנאָך גענומען רעדן:

— „דאָס איז די איינציקע טײַערע זאַך וואָס איך האָב. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איז טאַקע מײַנס. די צעטע-

לעך זײַנען קװיטלעך. אַט איז אַ קװיטל פֿון אַ יתומים־הױז, אַט איז אַ קװיטל פֿון אַ שול. אין דער הײם האָבן מיר װײניק פֿאַרדינט, האָבן מיר געלעבט אָרעם און מײַן ציכל איז נאָך כּמעט ליידיק. אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ גוט לאַנד. האָף איך — אַז מײַן ציכל װעט דאָ גאָר גיך װערן פֿול, אינגאַנצן פֿול״.

יוסף האָט געשװיגן. דער באַאַמטער האָט אַלע צעטע־לעך אַרײַנגעלײגט אין דעם ציכל און עס אָפּגעגעבן צוריק חיה־שׂרהן. ער האָט געגעבן די האַנט יוספֿן און חיה־שׂרהן און זײ בײדן געװאונטשן זײ זאָלן זײַן גליקלעך אין דעם נײַעם לאַנד.

עס זײַנען אַװעק אַ סך יאָרן. יוסף און חיה־שׂרה האָבן געלעבט אין ברוקלין. יוסף האָט געאַרבעט און האָט פֿאַר־דינט און חיה־שׂרה האָט זיך פֿאַרנומען מיטן לײגן אין ציכל נאָך און נאָך שטיקלעך פּאַפּיר. דאָס זײַנען געװען קװיטלעך װאָס חיה־שׂרה האָט באַקומען פֿאַר געבן צדקה.

חיה־שׂרהס ציכל איז געװאָרן פֿולער און פֿולער. עס איז שױן אַזױ פֿול אַז זי האָט שױן דאָס ציכל ניט געקאָנט טראָגן מיט זיך. אָבער יעדן אָװנט פֿלעגט זי ברענגען נײַע צעטעלעך און זײ אַרײַנלײגן אין ציכל.

חיה־שׂרה איז שױן געװען זײער אַלט. זי האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. זי איז געלעגן אין בעט און דאָס פֿולע ציכל איז געלעגן אויף אַ שטול לעבן בעט.

— „איך האָב צו אײַך אײן בקשה״, — האָט זי געזאָגט צו אירע קינדער און אײניקלעך, — „לײגט אַװעק דאָס ציכל מיר צוקאָפּנס. איך װיל דאָס ציכל אויך האָבן אין קבֿר. איך װיל די צעטעלעך װײַזן גאָט״.

(דזשעראַלד בלײדשטײן)

יתום — יתומים	צדקה	בקשה	װײַזן — געװיזן

פֿראַגעס:

1. ווען קריגט מען אַ קוויטל?
2. פֿאַרוואָס האָט חיה־שׂרה אַזוי פֿעסט געהאַלטן אין האַנט דאָס ציכל, ווען זי איז געקומען קיין אַמעריקע?
3. פֿאַרוואָס האָט דער באַאַמטער איבערגעקערט דאָס ציכל?
4. פֿאַרוואָס איז דאָס ציכל נאָך ניט געווען פֿול, ווען חיה־שׂרה איז געקומען קיין אַמעריקע?
5. ווי אַזוי איז דאָס ציכל געוואָרן פֿול?
6. וואָס איז געווען חיה־שׂרהס לעצטע בקשה?
7. וואָס קענט איר זאָגן וועגן צדקה בײַ ייִדן?

ציכל, דאָס	pillow case	יתום	(yosem) orphan
חיה־שׂרה	Khaye-Sore	יתומים	(yesoymim) orphans
פּאַק, דער; פּעק	pack, packs	כּמעט	(kimat) almost
הילף, די	help	בּקשה	(bakoshe) request
באַאַמטער	officer	קבֿר	(keyver) grave
קוויטל, דאָס	receipt	צוקאָפּנס	at one's head

מעשׂיות

אַמאָל איז געווען...

אַמאָל איז געווען אַ פּאַסטעך פֿון שאָף,
איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַ שלאָף.
האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף,
ערשט — ניטאָ די שאָף.

גייט ער זיך אַרויס אויפֿן שליאַך,
זעט ער — מע פֿירט אַ וואָגן מיט דערנערלעך.
האָט ער געמיינט, דאָס איז פֿון זײַנע שאָף די הערנערלעך.

גייט ער זיך אַרויס אויפֿן שליאַך,
זעט ער — מע פֿירט אַ וואָגן מיט עפּעלעך.
האָט ער געמיינט: פֿון זײַנע שאָף די קעפּעלעך.

גייט ער אַרויס אויפֿן שליאַך,
זעט ער — מע פֿירט אַ וואָגן מיט שטיינדעלעך.
מיינט ער: פֿון זײַנע שאָף די ביינדעלעך.

גייט ער אָבער אַרויס הינטערן באַרג,
זעט ער — די שעפּעלעך טאַנצן און שפּרינגען.
האָט גענומען דאָס פּאַסטעכל לאַכן און זינגען.

(פֿאָלקסליד)

אָנגעפֿאַלן אַ שלאָף	fell asleep
ערשט	look
שליאַך, דער	road
וואָגן, דער	wagon
דאָרן, דער; די דערנערלעך	thorn(s)
שטיינדעלעך	small stones
ביין, דער	bone
ביינדעלעך	small bones

דאָס בעסטע איז צו זײַן פֿרײלעך

אַ געלערנטער האָט אַמאָל געזאָגט צו זײַנע תּלמידים:

— „קומט, לאָמיר אַרויס אין מאַרק זען ווי מענטשן פֿירן זיך און לאָמיר לערנען פֿון דעם ווי אַליין זיך צו פֿירן".

זײַנען זיי אַרויס אין מאַרק און געקוקט וואָס מענטשן טוען. האָבן זיי געזען ווי מענטשן קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, ווי מענטשן דינגען זיך, ווי מענטשן קריגן זיך. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם ווי עס פֿירן זיך ערלעכע לײַט און ווי עס פֿירן זיך אַזעלכע מענטשן וואָס זײַנען ניט אינגאַנצן ערלעך. האָט איינער פֿון די תּלמידים געפֿרעגט דעם געלערנטן:

— „זאָגט אונדז, ווער פֿון די מענטשן געפֿעלט אײַך צום בעסטן".

— „אָט די צוויי", — האָט געזאָגט דער געלערנטער און אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר מענטשן וואָס האָבן קיין זאַך נישט געקויפֿט און קיין זאַך נישט פֿאַרקויפֿט. זיי זײַנען נאָר גע־גאַנגען און האָבן געשמייכלט, געלאַכט, דערציילט מעשׂות.

— „איר זעט? זיי ביידע זײַנען שטענדיק פֿריילעך. זיי ביידע ווילן אַז אויך אַנדערע זאָלן זײַן פֿריילעך. ווען זיי האָבן געזען ווי אַ פּאָר קריגן זיך, זײַנען זיי גלײַך צוגע־גאַנגען און געמאַכט שלום צווישן זיי. זיי האָבן פֿאַר יעדערן געפֿונען אַ גוט וואָרט. זיי האָבן אַלעמען געבראַכט פֿרייד. און אַליין זײַנען זיי די גאַנצע צײַט געווען פֿריילעכע".

וואָס געפֿעלט דיר?	ווער געפֿעלט דיר?
מעשׂה—מעשׂות	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. צוליב וואָס איז דער געלערנטער געקומען מיט זײַנע תּלמידים אין מאַרק?
2. וואָס האָבן די תּלמידים געזען אין מאַרק?

3. ווער איז דעם געלערנטן מער פֿון אַלץ געפֿעלן געוואָרן?
4. איז דער געלערנטער געווען גערעכט?
5. ווער געפֿעלט אײַך צום בעסטן?

מאַרק, דער	market	צוקוקן זיך	to observe
פֿירן זיך	to behave	אָנגעוויזן אויף	pointed at, indicated
דינגען זיך	to bargain		

צוויי ברידער

אַמאָל האָבן געלעבט צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און ניט קיין קינדער, דער ייִנגערער האָט געהאַט אַ ווײַב מיט עטלעכע קליינע קינדער.

זיי זײַנען ביידע געווען אָרעם. זיי האָבן געהאַט אַ שטיקל ערד וואָס איז זיי געבליבן פֿון זייער פֿאָטער. זיי האָבן ניט געוואָלט צעטיילן צווישן זיך דאָס שטיקל ערד. זיי האָבן זי באַאַרבעט צוזאַמען.

ווען די תּבֿואה איז שוין געווען אָפּגעשניטן, פֿלעגן זיי צעטיילן די גאַרבן פּונקט העלפֿט אויף העלפֿט. די גאַרבן זײַנען געלעגן לעבן זייערע הײַזלעך.

איין נאַכט, נאָכן אָפּשנײַדן די תּבֿואה, האָט דער עלטערער ברודער ניט געקענט שלאָפֿן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן ברודער:

מײַן ברודער האָט אַ פֿרוי און קינדער און איך בין איינער אַליין. עס איז ניט ריכטיק וואָס איך נעם אַ העלפֿט פֿון דער תּבֿואה. דאָס איז ניט קיין יושר.

ער איז אויפֿגעשטאַנען אין מיטן נאַכט, האָט גענומען אַ פּאַק גאַרבן און אַוועקגעטראָגן צום הײַזל פֿון זײַן ברודער.

אין דער זעלביקער נאַכט האָט דער ייִנגערער ברודער

אויך ניט געקענט שלאָפֿן. ער איז געלעגן און געטראַכט וועגן זײַן עלטערן ברודער:

עס איז אַ רחמנות אויף אים. ער איז נעבעך אַליין. איך האָב אַ ווײַב מיט קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זײַן. זיי וועלן מיר העלפֿן אויף די עלטערע יאָרן. אָבער וואָס וועט זײַן מיט מײַן ברודער? עס איז ניט ריכטיק וואָס מיר טיילן די תּבֿואה פֿון פֿעלד אויף העלפֿט.

איז דער ייִנגערער ברודער אויפֿגעשטאַנען, האָט גענומען אַ פּאַק גאַרבן און זיי געטראָגן צום הײַזל פֿון זײַן ברודער.

אויף מאָרגן זעען בײדע ברידער אַז זיי האָבן די זעלביקע צאָל גאַרבן. האָבן זיי זיך בײדע געוואונדערט און געשוויגן.

די צווייטע נאַכט האָבן די ברידער ווידער געטאָן דאָס זעלביקע. אויף מאָרגן האָבן זיי ווידער געזען אַז זיי האָבן די זעלביקע צאָל גאַרבן. זיי האָבן זיך נאָך מער געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבן געטראָגן זייערע גאַרבן, האָבן זיי זיך געטראָפֿן אין מיטן וועג. די ברידער האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך צעקושט.

(אַגדה)

תּבֿואה	אָפּשנײַדן — אָפּגעשניטן
צעטיילן צווישן זיך	זיך צעקושן

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. פֿון וואָס האָבן געלעבט בײדע ברידער?
2. מיט וואָס איז דער ייִנגערער ברודער געווען אַנדערש פֿון עלטערן?
3. פֿאַרוואָס האָט דער עלטערער געטראַכט אַז עס איז ניט קיין יושר, ער זאָל נעמען אַ העלפֿט פֿון דער תּבֿואה?
4. פֿאַרוואָס האָט דער ייִנגערער אויך אַזוי געטראַכט?

5. פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך געוואונדערט, ווען זיי האָבן געזען די זעל־
ביקע צאָל גאַרבן?

6. עס איז דאָ אַ לעגענדע אַז אויף דעם אָרט וואו די ברידער האָבן
זיך געטראָפֿן האָט מען אויפֿגעבויט דעם בית־המקדש. קענט איר
עס דערקלערן?

exactly	פּונקט	to cultivate	באַאַרבעטן
to carry away	אַוועקטראָגן	to cut off	אָפּשנײַדן
it's a pity	נעבעך	cut off	אָפּגעשניטן
to kiss each other	צעקושן זיך	sheaves	גאַרבן

דרײַ קלוגע עצות

אַ מאַן איז געווען אין זײַן גאָרטן. האָט ער געזען ווי זײַן נעץ האָט געכאַפּט אַ פֿייגעלע. האָט ער אַרויסגענומען דאָס פֿייגעלע פֿון נעץ און עס געהאַלטן אין האַנט. האָט דאָס פֿייגעלע גערעדט צו אים מיט אַ מענטשלעך קול:

— „לאָז מיך אָפּ. דו דאַרפֿסט מיך ניט. איך בין ניט שיין. איך קען ניט זינגען און צום עסן טויג איך אויך ניט. אויב דו וועסט מיך לאָזן פֿרײַ, וועל איך דיר געבן דרײַ עצות".

האָט דער מאַן געזאָגט: — „גוט, גיב מיר די דרײַ עצות".

האָט דאָס פֿייגעלע געזאָגט: — „מײַן ערשטע עצה איז — זאָרג ניט וועגן דעם וואָס איז שוין פֿאַרבײַ".

— „מײַן צווייטע עצה איז — וויל ניט וואָס דו קענסט ניט קריגן".

— „מײַן דריטע עצה איז — גלייב ניט אין דעם וואָס קען ניט זײַן".

דעם מאַן זײַנען געפֿעלן געוואָרן די עצות און ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פֿייגעלע. דאָס פֿייגעלע האָט זיך צעלאַכט ווי אַ מענטש.

— „וואָס לאַכסטו?" — האָט דער מאַן געפֿרעגט.

האָט דאָס פֿייגעלע געענטפֿערט: — „איך לאַך פֿון

דיר, ווײַל איך האָב דיך אָפּגענאַרט. אינעווייניק אין זיך האָב איך אַ דימענט וואָס איז גרויס ווי אַן איי".

האָט דער מאַן געזאָגט: — „טײַער פּייגעלע, קום צו מיר צוריק. איך וועל דיר געבן צו עסן און צו טרינקען. באַלד קומט דער קאַלטער ווינטער און דו וועסט אויסגיין פֿון הונגער און פֿון קעלט".

האָט דאָס פּייגעלע נאָך מער געלאַכט און געזאָגט:

— „דו האָסט שוין פֿאַרגעסן אַלע דרײַ עצות. מײַן ערשטע עצה איז געווען — זאָרג ניט וועגן דעם וואָס איז שוין פֿאַרבײַ. און דיך פֿאַרדריסט וואָס דו האָסט מיך אָפּגעלאָזט.

מײַן צווייטע עצה איז געווען — וויל ניט וואָס דו קענסט ניט קריגן, און דו ווילסט מיך איצט קריגן צוריק.

מײַן דריטע עצה איז געווען — גלייב ניט אין דעם וואָס קען ניט זײַן. דו גלייבסט שוין אַז איך האָב אינעווייניק אין זיך אַ דימענט וואָס איז גרויס ווי אַן איי".

דאָס פּייגעלע איז אַוועקגעפֿלויגן.

עצה — עצות	עס פֿאַרדריסט מיך
אויסגיין פֿון הונגער	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געווען די צווייטע עצה?
2. זײַנען די דרײַ עצות טאַקע קלוגע עצות?
3. פֿאַרוואָס האָט דער מאַן אָפּגעלאָזט דאָס פּייגעלע?
4. ווי האָט דער מאַן געוואָלט קריגן דאָס פּייגעלע צוריק?
5. האָט ער געפֿאָלגט די קלוגע עצות פֿון פּייגעלע?
6. וועלכע עצה איז די קליגסטע?

גאָרטן, דער	garden	פֿאַרבײַ	over, passed
אַרויסגענומען	took out	צעלאַכן זיך	to burst into laughter
מענטשלעך	human	אינעווייניק	inside
קול, דאָס	(kol) voice	אויסגיין	to die
טויגן	to be good for; to be of use		

דער קלוגער משפּט

א.

מאָל זײַנען געווען צוויי קרעמערס. זייערע קראָמען זײַנען געווען איינע לעבן דער אַנדערער. נאָר אַ דינע וואַנט איז געווען צווישן די קראָמען. איין קרעמער האָט געהאַנדלט מיט גרינסן, דער צווייטער קרעמער — מיט אייל.

איין מאָל אין אָוונט האָט דער הענדלער פֿון גרינסן געקוקט אין קראָם פֿון זײַן שכן, דעם הענדלער פֿון אייל. זעט ער ווי דער אייל־הענדלער ציילט גאָלדענע רענדלעך און לייגט זיי אַרײַן אין אַ רויט טיכל. ער האָט אַרײַנגעלייגט הונדערט פֿינף און זעכציק רענדלעך.

אַ שלעכטער געדאַנק איז אַרײַן דעם גרינסן־הענדלער אין קאָפּ. ער איז אַרויס אין גאַס מיט אַ געשריי: — „ראַטעוועט! מע האָט געגנבֿעט מײַן געלט!"

עס איז געקומען פּאָליציי. מע האָט גענומען פֿרעגן, ווער האָט געקענט גנבֿענען דאָס געלט. האָט דער הענדלער פֿון גרינסן געענטפֿערט:

— „איך ווייס ניט. קיינער איז בײַ מיר אין קראָם ניט געווען, נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעציילט מײַן געלט. עס זײַנען געווען הונדערט פֿינף און זעכציק רענדלעך און איך האָב זיי אײַנגעבונדן אין אַ רויט טיכל. נאָר מײַן שכן, דער הענדלער פֿון אייל, איז דאָ געווען".

מען איז אַרײַן צו דעם אייל־הענדלער אין קראָם און מע האָט בײַ אים געפֿונען הונדערט פֿינף און זעכציק רענדלעך, אײַנגעבונדן אין אַ רויט טיכל.

דער אייל־הענדלער האָט זיך געשוואָרן: — „דאָס איז מײַן געלט! איך האָב עס ניט געגנבֿעט!"

אָבער מע האָט אים ניט געגלייבט. איז מען אַוועק צום ריכטער. אָבער דער ריכטער האָט ניט געקענט אויסגעפֿינען ווער פֿון די צוויי קרעמערס זאָגט דעם אמת.

אַרײַנלייגן — אַרײַנגעלייגט	אײַנבינדן — אײַנגעבונדן

פֿראַגעס:

1. וואָס האָט געזען דער גרינסן־הענדלער?
2. וואָס פֿאַר אַ שלעכטער געדאַנק איז אים אַרײַן אין קאָפּ?
3. וואָס האָט ער געטאָן?
4. וואָס האָט דער אייל־הענדלער געזאָגט?
5. פֿאַרוואָס האָט דער ריכטער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן?

משפט, דער	(mishpet) trial, judgement	גנבֿענען	(ganvenen) to steal
גרינסן	vegetables	אויסציילן	to count
אייל	oil	אײַנגעבונדן	tied up (in)
הענדלער, דער	merchant	געשוואָרן	swore
געדאַנק, דער	thought	רענדלעך	gold coins, ducats

ב.

אַלע אין שטאָט האָבן גערעדט וועגן דעם משפט. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער עס זאָגט דעם אמת: דער גרינסן־הענדלער אָדער דער אייל־הענדלער? קליינע קינדער האָבן אויך געוואוסט פֿון דעם משפט.

איין מאָל איז דער ריכטער געגאַנגען אין גאַס שפּאַצירן. זעט ער ווי ייִדישע קינדער שפּילן זיך. איין ייִנגל זאָגט צו די חבֿרים: — „לאָמיר זיך שפּילן אין דעם משפט צווישן גרינסן־הענדלער און אייל־הענדלער. איך וועל זײַן דער ריכטער. צוויי פֿון אײַך וועלן זײַן די קרעמערס און איך וועל אײַך משפּטן".

דער ריכטער האָט זיך אָפּגעשטעלט צו זען ווי דער יִינגל וועט משפּטן. דער יִינגל, דער ריכטער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און די צוויי אַנדערע יִינגלעך האָבן גענומען רײדן.

— „די הונדערט פינף און זעכציק רענדלעך האָט דער אייל־הענדלער געגנבֿעט בײַ מיר", — האָט איינער געזאָגט.

— „ניין, איך האָב דאָס געלט ניט געגנבֿעט", — האָט דער צווייטער געזאָגט. — „איך האָב דאָס געלט באַקומען פאַר מײַן אייל וואָס איך האָב פאַרקויפט".

דער יִינגל וואָס איז געווען דער ריכטער האָט געזאָגט: — „ברענגט אַ טאָפּ מיט הייס וואַסער. זאָל מען די רענדלעך אַרײַנלייגן אין וואַסער. אויב אויפן וואַסער וועלן זײַן אייגעלעך פון פעטס, איז אַ סימן אַז דאָס געלט איז געווען בײַם אייל־הענדלער אין די פעטע הענט. הייסט עס אַז עס איז זײַן געלט. אויב עס וועלן ניט זײַן קיין אייגעלעך פון פעטס, איז אַ סימן אַז דער אייל־הענדלער האָט דאָס געלט געגנבֿעט בײַם גרינסן־הענדלער".

דער ריכטער האָט געהערט די רייד פון דעם יִידישן יִינגל. ער האָט זיך זייער דערפרייט. אויף מאָרגן האָט ער ווידער געמשפּט. ביידע הענדלערס האָבן ווידער געזאָגט דאָס זעלביקע וואָס פריִער. האָט דער ריכטער געהייסן ברענגען אַ טאָפּ מיט הייס וואַסער. ער האָט אַרײַנגעלייגט די רענדלעך אין דעם הייסן וואַסער. אויפן וואַסער האָבן זיך באַוויזן אייגעלעך פון פעטס. האָט דער ריכטער געזאָגט די מענטשן אַרום:

— „איר זעט איצט אַלע וועמעס געלט עס איז".

אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס געלט איז דעם אייל־הענדלערס און אַז דער גרינסן־הענדלער איז אַ ליגנער.

מע האָט געלויבט דעם ריכטער פֿאַר זײַן חכמה. אָבער דער ריכטער האָט געזאָגט:

— „עס איז ניט מײַן חכמה, נאָר די חכמה פֿון אַ קליין ייִדיש ייִנגעלע וואָס האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו געפֿינען דעם אמת".

(פֿאָלקס־מעשׂה)

משפּט, משפּטן	אמת — ליגן	חכם, חכמה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט דער ריכטער זיך אָפּגעשטעלט צו זען ווי ייִדישע קינדער שפּילן זיך?
2. פֿאַרוואָס האָבן די קינדער זיך געשפּילט אין משפּט?
3. וואָס איז געווען די עצה פֿון דעם קליינעם ייִנגל?
4. וואָס האָט דער ריכטער געטאָן?
5. וואָס האָט דער ריכטער געזאָגט, ווען מע האָט אים געלויבט?
6. מע דערציילט אַז פֿון דעם ייִנגל איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער מענטש. מיינט איר אַז דאָס איז אמת?

משפּטן	(mishpetn) to judge	באַוויזן זיך	showed up
טאָפּ, דער	pot	וועמעס	whose
סימן, דער	(simen) sign	ליגנער, דער	liar
הייסט עס	it means; it proves	לויבן	to praise
		חכמה, די	(khokhme) wisdom



דער שבת קומט

מיט שניי־ווײַסע פֿליגל,
אין בלוי פֿון פֿאַרנאַכט,
איז שבת געקומען
און רו אונדז געבראַכט.
מיט טריט שטילע־שטילע
אין הויז איז אַרײַן,
געפֿונען שוין גרייטע
די חלות און ווײַן.

געפֿונען די בלומען,
די שטראַליקע ליכט,
דעם שמייכל דעם ליבן
אויף מאַמעס געזיכט.
באַגעגנט דעם שבת
מיט פֿרייד און געזאַנג,
און גליקלעכע, פֿרײַע
מיר זאָגן: אַ דאַנק.



אַ דאַנק פֿאַרן נחת
פֿון רו און פֿון פֿרידן,
געבראַכט האָסטו, שבת,
פֿאַר אונדז און פֿאַר ייִדן.
באַגעגנט דעם שבת
מיט ליכט און מיט לידער.

מיר פֿילן זיך אַלע
ווי לײַבלעכע ברידער.
עס גייט אויף דער חלום,
אין האַרצן צעהעלט,
פֿון אייביקן שלום,
פֿון גליק אויף דער וועלט.

פֿאַרנאַכט, דער	evening
רו, די	rest
שטראַליק	radiant
באַגעגענען	to meet
געזאַנג	singing, song
דאַנק, דער	thanks
פֿרידן, דער	peace
לײַבלעכע ברידער	blood brothers
גליק, דאָס	happiness

יוסף דער שבת־היטער

א.



ײַ אַ רײַכן פּריץ האָט אַמאָל געוווינט אַן אָרעמער ייִד יוסף. יוסף האָט געאַרבעט בײַ דעם פּריץ וואָס איז געווען זייער אַ שלעכטער. פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט בײַנאַכט האָט יוסף געהאָרעוועט און דער פּריץ פֿלעגט אים אָפּנאַרן בײַם באַצאָלן.

אָט דער אָרעמער ייִד האָט געטרײַ אָפּגעהיט שבת. אַ גאַנצע וואָך פֿלעגט יוסף און זײַן הויזגעזינד עסן נאָר ברויט מיט וואַסער, אָבער אויף שבת פֿלעגט ער אָנגרייטן פֿיש מיט פֿלייש. שבת האָט ער זיך אָנגעטאָן אין שיינע קליידער. דערפֿאַר האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: יוסף דער שבת־היטער.

יוסף האָט געטרײַ געדינט דעם פּריץ און דער פּריץ איז רײַכער און רײַכער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג.

אָפּהיטן שבת	אָנגרייטן אויף שבת

פ ר אַ ג ע ס:

1. מיט וואָס איז דער פּריץ געווען אַ שלעכטער?
2. פֿאַרוואָס האָט מען יוספֿן גערופֿן דער שבת-היטער?
3. פֿאַרוואָס איז דער פּריץ געוואָרן רײַכער פֿון טאָג צו טאָג?

היטער, דער	observer	האָרעווען	to toil, to labor
פּריץ, דער	(porits) nobleman, landowner	אָפּהיטן	to observe
		הויזגעזינד	household, family

ב.

אַמאָל חלומט זיך דעם פּריץ: אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד קומט אַרײַן אין פּאַלאַץ. ער קומט צו צום פּריץ און שרײַט אויף אים: — „פֿאַרוואָס מוז יוסף אַזוי שווער אַרבעטן? פֿאַרוואָס נאַרסטו אים אָפּ בײַם באַצאָלן? דו ביסט רײַך, ווײַל יוסף אַרבעט פֿאַר דיר. מיט דער צײַט וועט דײַן גאַנץ פֿאַרמעגן געהערן יוספֿן".

דער פּריץ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף אַ דערשראָקענער. ווי זאָל איך ראַטעווען מײַן פֿאַרמעגן פֿון דעם ייִדנס הענט? — האָט ער לאַנג געטראַכט. צום סוף האָט ער באַשלאָסן: איך וועל פֿאַרקויפֿן מײַנע פֿעלדער און פֿאַר דעם געלט וועל איך קויפֿן אַ טײַערן שטיין. דעם שטיין וועל איך שוין אויסהיטן פֿון דעם ייִדנס הענט.

געטראַכט און געטאָן. דער פּריץ האָט אַלץ פֿאַרקויפֿט און פֿאַר דעם געלט האָט ער געקויפֿט אַ טײַערן דימענט. דעם דימענט האָט ער אַרײַנגענייט אין זײַן היטל. איצט וועט שוין יוסף אַ ביסל וואַרטן, ביז ער וועט קומען צו מײַן פֿאַרמעגן — האָט דער פּריץ געטראַכט.

חלום	עס חלומט זיך מיר	נייען, אײַנייען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס פֿאַר אַ חלום האָט דער פּריץ געזען?
2. האָט ער געטראַכט צו ווערן בעסער צו יוספֿן?
3. וואָס האָט דער פּריץ געטאָן?

to dream	חלומען זיך
property, wealth	פֿאַרמעגן
frightened, alarmed	דערשראָקענער
safeguard	אויסהיטן
to sew in, to stitch into	אײַננייען

ג.

דער פּריץ איז איין מאָל געגאַנגען איבער אַ בריק. האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שטאַרקער ווינט און האָט אים אַראָפּגעריסן דאָס היטל פֿון קאָפּ. דאָס היטל איז אַרײַנגעפֿאַלן אין טײַך. אַ גרויסער פֿיש האָט אײַנגעשלונגען דעם טײַערן שטיין. אַ פֿישער האָט געכאַפּט דעם פֿיש.

דער פֿישער האָט דעם פֿיש געבראַכט אין שטאָט צו פֿאַרקויפֿן. קיינער האָט אים ניט געוואָלט קויפֿן, ווײַל דער פֿישער האָט געבעטן פֿאַרן פֿיש אַ סך געלט. דערמאָנט זיך דער פֿישער אַז עס איז דאָ אַ ייִד וואָס קאַרגט ניט קיין געלט אויף צו קויפֿן פֿיש אויף שבת. איז ער צו אים אַוועק.

יוסף האָט געקויפֿט דעם פֿיש. אַז מע האָט דעם פֿיש געמאַכט אויף שבת, האָט מען אין אים געפֿונען דעם דימענט.

נאָך שבת האָט יוסף פֿאַרקויפֿט דעם טײַערן שטיין און איז געוואָרן זייער אַ רײַכער מענטש.

(פֿאָלקס־מעשׂה)

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געשען מיטן טײַערן שטיין וואָס דער פּריץ האָט געקויפֿט?
2. וואָס איז געשען מיטן פֿיש וואָס האָט אײַנגעשלונגען דעם טײַערן שטיין?
3. פֿאַרוואָס איז יוסף באַלוינט געוואָרן?
4. איז דאָ יושר אין דער מעשׂה?

tore off	אַראָפּגעריסן
swallowed (up)	אײַנגעשלונגען
spends freely, does not spare	קאַרגט ניט

אַ מעשׂה מיט אַ מטבע

א.

עס איז פֿרײַטיק־צונאַכט. דער אָרעמער חיים גייט אַהיים פֿון שול. אויפֿן וועג זעט ער, עס ליגט אַ מטבע.

חיים האָט זיך זייער דערפֿרייט. ער האָט זיך אָבער גלײַך דערמאָנט: עס איז דאָך שבת. און שבת טאָר מען ניט טראָגן קיין געלט. טראַכט ער: אַ מזל פֿון אַן אָרעמאַן! ווען איך געפֿין די מטבע אַ ביסל פֿריִער, וואָלט איך געקענט קויפֿן ווײַן אויף שבת אָדער אַ שיינע ווײַסע חלה. איז חיים געגאַנגען אַהיים. אין דער היים איז ניט געווען קיין ווײַן, אין דער היים איז ניט געווען קיין חלה. חיים איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.

שבת אין דער פֿרי, אויפֿן וועג אין שול, טראַכט חיים: מע דאַרף אַ קוק טאָן, צי די מטבע ליגט נאָך וואו זי איז געלעגן נעכטן. ער קומט צום אָרט און... וואונדער איבער וואונדער! — אַנשטאָט דער קופּערנער מטבע ליגט אַ זילבערנע.

— „דאָס הייסט אַ מזל", — רעדט דער אָרעמאַן צו זיך אַליין, — „אַ זילבערנע מטבע!" — אָבער ער טראַכט: אפֿשר וויל גאָט מיך אויספּרוּוון. לייגט ער אַרײַן די הענט אין די קעשענעס און גייט אַוועק אין שול דאַווענען.

פֿראַגעס:

1. ווי האָט אויסגעזען דער שבת בײַ חיימען אין דער היים?
2. פֿאַרוואָס האָט חיים ניט אויפֿגעהויבן די מטבע, ווען ער איז געגאַנגען פֿון שול?
3. וואָס האָט חיים געטראַכט, ווען ער האָט אַנשטאָט דער קופּערנער מטבע געזען אַ זילבערנע?

מטבע, מטבעות	(matbeye, matbeyes) coins
פֿרײַטיק־צונאַכט	Friday evening
חיים	(Kha-yim)
שול, די	synagogue
מזל, דאָס	(mazl) luck
אָרעמאַן, דער	poor man
וואונדער איבער וואונדער	great miracle
אַנשטאָט	instead
אויספּרוּוון	to try out, to test

ב.

נאָכן דאַווענען גייט חיים אַהיים. ער איז זיכער אַז די מטבע איז שוין ניטאָ. ווער וועט לאָזן ליגן אויף דער ערד אַ זילבערנע מטבע? ער קומט צום אָרט. יאָ, די מטבע ליגט. אָבער וואונדער איבער וואונדער! אַנשטאָט דער קופּער־נער מטבע פֿון נעכטן, אַנשטאָט דער זילבערנער מטבע פֿון פֿריִער — ליגט גאָר אַ גאָלדענע מטבע.

חיים זעט שוין אין די געדאַנקען די אַלע גוטע זאַכן וואָס ער קען קויפֿן פֿאַר אַ גאָלדענער מטבע. ער בייגט זיך אײַן און וויל שוין אויפֿהייבן די מטבע. די מטבע איז שוין באַלד אין זײַנע פֿינגער. אָבער — עס איז דאָך שבת. און דער אָרעמאַן גייט אַהיים מיט ליידיקע הענט.

איך בין זיכער	גאָלדן, זילבערן, קופּערן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווען האָט חיים געזען אַז די מטבע איז אַ גאָלדענע?
2. וואָס וואָלט חיים געקענט קויפֿן פֿאַר אַ גאָלדענער מטבע?
3. איז חיימען געווען גרינג צו גיין אַהיים מיט ליידיקע הענט?

זיכער — positive, sure
געדאַנק, געדאַנקען — thought, imagination
אײַנבייגן זיך — to bend (down)

ג.

בײַטאָג גייט דער אָרעמער חיים אין שול שוין מיט אַן אַנדער וועג. ער האָט מורא, ער וועט ניט קענען אויסהאַלטן, ער וועט אויפֿהייבן די מטבע.

אָבער דערנאָך טראַכט ער: איך וועל ניט אויפֿהייבן. איך וועל נאָר אַ קוק טאָן. קוקן קען מען דאָך. קוקן איז ניט קיין עבֿירה. קומט ער צו דעם זעלביקן אָרט... אָבער וואונ־דער איבער וואונדער! אַנשטאָט איין־איינציקער מטבע ליגן פֿאַר אים אַ סך גאָלדענע מטבעות.

ער קען די אייגענע אויגן ניט גלייבן. אַזוי פֿיל געלט

וואָלט געווען גענוג צו לעבן דריי אָדער פיר וואָכן. און ער ווייס אַז ווען דער שבת ענדיקט זיך, איז אַפילו קיין אָרעמער מאָלצייט ניטאָ. ער בייגט זיך איין, אָבער גלייך גייט אים דורך אַ געדאַנק: דאָס איז אַ שפּיצל פון שטן. ניין, איך וועל די גאָלדענע מטבעות ניט אויפהייבן.

עס איז אַן עבירה	עס איז ניט קיין עבירה

פ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס האָט חיים געוואָלט גיין בייטאָג אין שול מיט אַן אַנדער וועג?
2. האָט ער דאָס מאָל אויך אויסגעהאַלטן?
3. וואָס האָט חיים געטראַכט?

אויסהאַלטן	to bear, to endure, to hold out
עבירה, די	(aveyere) transgression, sin
שפּיצל, דאָס	trick
שטן, דער	(sotn) devil, Satan

ד.

ווען עס איז שוין געווען אויס שבת, האָט חיים גאָרניט געוואָלט מער קומען צו דעם אָרט וואו עס זיינען פריער געלעגן די גאָלדענע מטבעות. ער האָט זיך געטראַכט: דעם גאַנצן שבת האָט דער שטן זיך גערייצט מיט אים. דאָרטן איז קיין זאַך ניטאָ. אָבער... וואָס קען שאַטן אַ קוק צו טאָן?

חיים קומט צו צום אָרט און... וואונדער איבער וואונדער! פאַר זיינע אויגן זעט ער אַ בערגעלע מיט גאָלדענע מטבעות.

ער בייגט זיך איין. ער האַלט די גאָלדענע מטבעות אין די הענט. ער פילט אָן די קעשענעס מיט גאָלד. דערנאָך איז ער אַוועק אין אַ קראָם און געקויפט פאַר איין מטבע ווייַן אויף הבדלה, ברויט, הערינג און אַלץ וואָס עס ווילט זיך אים.

יענע נאַכט איז בײַ דעם אָרעמען חײמען אין דער הײם געװען אַ פֿרײלעכע סעודה. פֿון יענעם טאָג אָן האָט אים גאָרניט געפֿעלט. װען עס איז געקומען שבת, איז שטענדיק געװען בײַ חײמען אין דער הײם װײַן און חלה, און פֿיש און פֿלײש. חײם האָט שטענדיק באַגעגנט שבת װי אַ חתן באַגעגנט זײַן כּלה.

(לויט ש. י. עגנון)

אוים שבת	הבֿדלה	חתן־כּלה

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. װאָס האָט חײם געטראַכט, װען עס איז שױן געװען אוים שבת?
2. װאָס האָט ער איצט געטאָן מיט די מטבעות?
3. װי האָט איצט אויסגעזען דער שבת בײַ חײמען אין דער הײם?

רײַצן זיך	to tease
שאַטן	to harm
הבֿדלה, די	(havdole) benediction at the conclusion of the Sabbath to separate it from the weekdays.
פֿעלן	to be lacking, to miss
חתן, דער	(khosn) bridegroom

דער פּירשט און דער ייִד

א.

אַמאָל האָט אין האָלאַנד געוואוינט אַ רײַכער ייִד. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר פֿון טעפּעכער. איין פֿרײַטיק־צונאַכט איז דער ייִד געזעסן מיט דער משפּחה בײַם טיש און האָט געגעסן דעם שבּתדיקן מאָלצײַט. פּלוצלינג הערן זיי אַ קלאַפּ אין טיר און עס איז אַרײַנגעקומען אַ דינער פֿון פּירשט.

דער דינער האָט געזאָגט: — „עס זײַנען צום פּירשט איצט געקומען אַ סך גרויסע לײַט פֿון לאַנד. ער וויל זיי געבן מתּנות. ער וויל זיי געבן טעפּעכער, וואָס נאָר איר האָט צו פֿאַרקויפֿן. בעט דער פּירשט, איר זאָלט מיט די טעפּעכער גלײַך קומען צו אים אין פּאַלאַץ".

— „הײַנט איז בײַ אונדז ייִדן שבּת", — האָט דער ייִד געענטפֿערט, — „זאָל דער פּירשט וואַרטן ביז מאָרגן אָוונט".

— „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן ענטפֿער?" — זאָגט דער דינער, — „דער פּירשט דאַרף די טעפּעכער הײַנט. ער וויל ניט וואַרטן ביז מאָרגן".

— „און איך קען ניט הײַנט. עס איז שבּת", — ענטפֿערט פֿעסט דער פֿרומער ייִד, — „זאָל דער פּירשט מיר מוחל זײַן".

סוחר—סוחרים	שבּתדיקער מאָלצײַט	מוחל זײַן

פֿ ר א ג ע ס:

1. וואָס איז געשען, ווען דער סוחר פֿון טעפּעכער איז געזעסן בײַם שבּתדיקן טיש?
2. וואָס האָט דער סוחר געענטפֿערט דעם דינער?
3. פֿאַרוואָס האָט דער סוחר אַזוי געענטפֿערט? האָט ער דען ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן טעפּעכער?

פּירשט, דער	duke	**טעפּעך, טעפּעכער**	rug(s)
סוחר, דער	(soikher) merchant	**קלאַפּ, דער**	bang

ב.

דער דינער איז אַוועק. אין אַ קורצער צײַט איז ער ווידער געקומען. דאָס מאָל איז ער געקומען מיט אַ בריוו פֿון פּירשט. אין דעם בריוו האָט דער פּירשט געשריבן: — „איך דאַרף די טעפּעכער הײַנט אָוונט. איך קען זיי בײַ קיין אַנדערן ניט קריגן. איך וועל צאָלן צוויי אָדער דרײַ מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל די טעפּעכער זײַנען ווערט. אויב דו פֿאָלגסט ניט, וועט עס דיר קיין טובֿה ניט טאָן. באַטראַכט זיך וואָס דו טוסט".

דער פּרומער סוחר האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געענטפֿערט דעם דינער:

— „זאָג דעם פּירשט אַזוי: ער איז טאַקע אַ הויכער האַר, אָבער עס איז דאָ אַ העכערער פֿון אים. און אים מוז איך דינען. און ער האָט אָנגעזאָגט אַז מע מוז היטן שבת".

אָנזאָגן	איבערלייענען
דאָס וועט דיר קיין טובֿה ניט טאָן	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געווען אין דעם בריוו פֿון פּירשט?
2. פֿאַרוואָס האָט דער פּירשט געשריבן אַז עס וועט דעם ייִדן קיין טובֿה ניט טאָן, אויב ער פֿאָלגט ניט?
3. וואָס איז געווען איצט דעם ייִדנס ענטפֿער?

ווערט	worth	איבערלייענען	to read
טובֿה, די	(toive) favor	האַר	lord, master
עס וועט דיר קיין טובֿה ניט טאָן	it will be bad for you	דינען	to serve
		אָנזאָגן	to command
		היטן	to observe

ג.

שבת־צונאַכטס איז ווידער געקומען דער דינער און גע־
רופֿן דעם ייִד צום פּירשט אין פּאַלאַץ. די פֿרוי און די קינדער

האָבן זיך זייער דערשראָקן. דער ייִד איז אָבער רואיק אַוועק אין פּאַלאַץ. דער פּירשט איז אים אַרויס אַנטקעגן און האָט אים זייער פֿריינדלעך באַגריסט. דער ייִד האָט זיך זייער געוואונדערט וואָס דער פּירשט איז אַזוי פֿריינדלעך. און דער פּירשט האָט דערציילט:

— „ביי מיר איז געווען מיינער אַ גוטער פֿריינד. איין טאָג זאָגט צו מיר מיין פֿריינד, אַז מע קען ייִדן ניט געטרויען. ייִדן טוען אַלץ פֿאַר געלט. איך האָב געלאַכט פֿון אים און געזאָגט: ער איז ניט גערעכט. האָט ער מיר געענטפֿערט: — 'פּרואוו אַליין אויס אַ ייִדן, וועסטו זען אַז אַ ייִד טוט אַלץ פֿאַר געלט'.

— נו, איך האָב דיך אויסגעפּרואווט. איך בין זייער צופֿרידן וואָס איך קען איצט זאָגן מיין פֿריינד, ווי ניט גערעכט ער איז".

דער פּירשט און דער ייִד זיינען געוואָרן פֿון דעמאָלט אָן גוטע פֿריינד.

(פֿאָלקס־מעשה)

פֿרייטיק־צונאַכט, שבת־צונאַכט
דערשרעקן זיך, דערשראָקן זיך

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָבן זיך דערשראָקן די פֿרוי און די קינדער פֿון דעם סוחר, ווען מע האָט אים ווידער גערופֿן אין פּאַלאַץ?
2. פֿאַרוואָס האָט דער סוחר זיך געוואונדערט?
3. ווי האָט דער פּירשט דערקלערט די גאַנצע זאַך?
4. פֿאַרוואָס איז דער פּירשט געוואָרן דעם ייִדנס פֿריינד?

Saturday evening	שבת־צונאַכט
came out to meet him	אַרויס אַנטקעגן
to trust	געטרויען
then	דעמאָלט
since then	פֿון דעמאָלט אָן

די ייִדישע שול

ניט הויך איז דער בנין,
מיט רײַכקייט ניט פֿול —
דאָך לעבעדיק, פֿריילעך
די ייִדישע שול.

די אויגן, זיי קוקן
פֿאַרחלומט און קלוג
בײַ פּרץ־געשיכטעס,
בײַ לידער פֿון פֿרוג.

ווען אַנדערע שולן
שוין זײַנען פֿאַרמאַכט,
די ייִדישע שול ערשט
צום לעבן דערוואַכט.

בײַ ראָזענפֿעלד, ביאַליק
שטײַגט הויך דאָס געזאַנג,
ווי דורות מיט דורות
זיך טרעפֿן אין גאַנג.

מיט ליבע און פֿרייד,
מיט געזאַנג קומען דאָרט
קינדער זיך לערנען
דאָס ייִדישע וואָרט.

בײַ שלום־עליכם
צעוואַקסט זיך די פֿרייד,
עס פֿרישט און עס מונטערט
די ייִדישע רייד.

(אַבֿרהם רייזען)

בנין, דער	(binyen) building
רײַכקייט	riches
לעבעדיק	full of life, lively
ערשט	only now, just now
דערוואַכן	to awake
ליבע, די	love
פֿאַרחלומט	dreamy
געשיכטע, די	story
שטײַגן	to rise
דור, דורות	(dor, doyres) generation(s)
גאַנג, דער	course, way
צעוואַקסן זיך	to grow rapidly
פֿרישן	to enliven, to freshen
מונטערן	to encourage, to inspire, to stimulate

אַבֿרהם רייזען צו גאַסט אין אַ ייִדישער שול

א.

איך בין געווען אַ לערער אין אַ ייִדישער שול אין אַ ווײַטער און אַ קליינער שטאָט פֿון קאַנאַדע.

איין מאָל האָבן מיר געמאַכט אַ יום־טובֿ אין שול און מיר האָבן באַשלאָסן: מיר וועלן פֿאַרבעטן צום יום־טובֿ אַ ייִדישן שרײַבער פֿון ניו־יאָרק. מיר האָבן געוואָלט אַז די קינדער און זייערע עלטערן זאָלן זען אַ ייִדישן שרײַבער וואָס זיי לערנען זײַנע לידער אָדער זײַנע דערציילונגען.

האָבן די זיידעס און די באָבעס געזאָגט:

— „לאָמיר פֿאַרבעטן אַ שרײַבער, וואָס מיר פֿלעגן זינגען זײַנע לידער, ווען מיר זײַנען נאָך געווען יונג".

האָבן די טאַטעס און די מאַמעס געזאָגט:

— „לאָמיר פֿאַרבעטן אַ שרײַבער, וואָס אַלע האָבן אים ליב און וואָס אַפֿילו מיר ווייסן וועגן אים".

האָבן די קינדער געזאָגט:

— „לאָמיר פֿאַרבעטן אַ שרײַבער, וואָס מיר לערנען זײַנע מעשׂות און לידער אין שול".

האָב איך, דער לערער, אַזוי געזאָגט:

— „אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס די זיידעס און די באָבעס האָבן נאָך אין זייערע יונגע יאָרן געזונגען זײַנע לידער; אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס אַלע האָבן אים ליב און וואָס אונדזערע עלטערן קענען אים; אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס די קינדער לערנען זײַנע לידער און זײַנע מעשׂות"...

— „איז אַבֿרהם רייזען!" — האָבן אַלע אויסגערופֿן.

האָט מען געשריבן אַ בריוו צו אַבֿרהם רייזען און אים פֿאַרבעטן, ער זאָל קומען און זײַן אַ גאַסט אין דעם קליי־נעם און ווײַטן שטעטל פֿון קאַנאַדע.

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס פֿאַר אַ גאַסט האָבן געוואָלט פֿאַרבעטן די זיידעס און די באָבעס?
2. וואָס פֿאַר אַ גאַסט האָבן געוואָלט פֿאַרבעטן די טאַטעס און די מאַמעס?
3. וואָס פֿאַר אַ גאַסט האָבן געוואָלט די קינדער?

on a visit	צו גאַסט
to invite	פֿאַרבעטן

ב.

אַבֿרהם רייזען איז געקומען. עס איז געווען אַ יום־טובֿ פֿאַר גרויס און פֿאַר קליין.

די זיידעס און די באָבעס, די טאַטעס און די מאַמעס און די קינדער פֿון דער שול האָבן אַלע געזונגען אַבֿרהם רייזענס לידער און האָבן געענדיקט זינגען מיט דעם שיינעם ליד פֿון האָפֿענונג:

אוּן זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
פֿון ליבע און פֿון שלום...

די קינדער האָבן דעקלאַמירט אַבֿרהם רייזענס לידער וואָס מע האָט געלערנט אין שול. מע האָט אויך דעקלאַמירט די פּאָעמע:

ניט הויך איז דער בנין,
מיט רײַכקייט ניט פֿול,
דאָך לעבעדיק, פֿריילעך
די יידישע שול.

דערנאָך האָט מען ווידער געזונגען אַבֿרהם רייזענס לידער. די קינדער האָבן זייער ליב די לידער פֿון פּסח:

שווימט דאָס קעסטל אויפֿן טײַך,
אויפֿן גרויסן ניל...

און דאָס ליד:

זאָג, מאַראַן, דו ברודער מײַנער...

אַלע האָבן די לידער געזונגען זייער שיין.

אַבֿרהם רייזען איז געזעסן מיט אַ ליבן שמייכל אויפֿן

פנים. זײַנע ליפּן האָבן שטיל געזאָגט אַלע ווערטער פֿון די לידער וואָס מע האָט געזונגען. שפּעטער האָט ער גע־רעדט צו די זיידעס און די באָבעס, צו די טאַטעס און די מאַמעס און צו די קינדער פֿון דער שול. ווען ער האָט געענ־דיקט רעדן, האָט ער געלייענט אַ ליד וואָס ער האָט אָנגע־שריבן פֿאַר די קינדער פֿון דער שול. דאָס ליד הייסט „ייִדישע אותיות". אָט איז דאָס ליד:

עס וועלן זיך ציִען
אין דורות אַרײַן
די אותיות וואָס גליִען
מיט פֿרייד און מיט שײַן.

די ייִדישע שולן,
מיט מי אויפֿגעשטעלט,
זיי וועלן פֿאַרפֿולן
די פֿרייד אויף דער וועלט.

די ווערטער — זיי זינגען
פֿון טיפֿסטן געמיט,
זיי שאַלן און קלינגען
אין בוך און אין ליד.

זיי וועלן פֿאַרבינדן
אַ דור מיט אַ דור
און פֿײַערלעך צינדן
אין אייגעלעך קלאָר.

אַבֿרהם רייזען האָט געענדיקט לייענען דאָס נײַע שיי־נע ליד. מיר אַלע האָבן געפֿילט אַז דאָס האָט ער, אונדזער גרויסער שרײַבער, פֿאַרבונדן אַ דור מיט אַ דור.

(יאָסל מלאָטעק)

דור, דורות	אות, אותיות	זינגען — געזונגען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס זײַנען די ערשטע ווערטער פֿון אַבֿרהם רייזענס ליד פֿון האָ־פֿענונג?
2. וואָס זײַנען די ערשטע ווערטער פֿון אַבֿרהם רייזענס ליד וועגן דער ייִדישער שול?
3. וואָס זײַנען די לעצטע פֿיר שורות פֿון דעם ליד „ייִדישע אותיות"?
4. וואָס הייסט עס — „פֿאַרבינדן אַ דור מיט אַ דור"?
5. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען אַבֿרהם רייזען?

האָפֿענונג, די	hope	שאַלן	to sound
דעקלאַמירן	to recite	מי, די	effort
גליִען	to glow	פֿאַרפֿולן	to complete
שײַן, די	shine	פֿאַרבינדן	to bind together
געמיט	spirit, heart	פֿאַרבונדן	bound together

חנהלעס טאַטע

אַ לערער דערציילט:

עס האָט גערעגנט און עס האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. איך האָב אָנגעטאָן אַ רעגן־מאַנטל, גענומען אַ שי־רעם און אַוועק אין שול. ווען איך בין אַרויס אין דרויסן, האָב איך געעפֿנט דעם שירעם. אָבער דער ווינט האָט צעבראָכן דעם שירעם. דער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים אַרײַן. עס איז געווען שווער צו גיין. איך בין געוואָרן נאַס ביזן ביין.

עס איז מיר געווען ניט גרינג צו קומען ביז צו דער שול. אין ערשטן צימער וואו מע גייט אַרײַן פֿון גאַס איז געשטאַנען מײַן שילערין חנהלע, דאָס אָרעמע מיידעלע חנה־לע, וואָס איז אַלע מאָל געגאַנגען אין צעריסענע שיך. זי איז געשטאַנען און האָט געציטערט פֿון קעלט. איך האָב געוואָלט זי פֿרעגן פֿאַרוואָס זי איז ניט אַרויף אין קלאַס־צי־מער, וואו עס איז וואַרעם.

אָבער איך האָב דערזען ווי איר טאַטע לויפֿט אין גאַס. ער לויפֿט גיך, די שיך זײַנען צעריסן, דאָס רעקל איז צעריסן. אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ זאַק. דער ייִד איז געווען נאַס ביזן ביין. עס איז אויף אים נישט געווען קיין טרוקענער פֿאָדעם.

ער איז אַרײַנגעלאָפֿן אין שול. ער האָט אַרויסגענומען פֿון הינטער זײַן העמד אַ דין פּעקעלע און געזאָגט מיט פֿרייד צו חנהלען:

— „נאַ,קינד מײַנס, איך האָב געהאַלטן וואָרט!"

געזאָגט די פּאָר ווערטער, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס דינע מיידעלע, זי אויפֿגעהויבן, זי אַ קוש געטאָן און איז אַרויסגעלאָפֿן.

חנהלע איז צו מיר צוגעקומען אַ פֿריילעכע, אַ צו־פֿרידענע:

— „איר זעט, לערער, איך האָב שוין דאָס נײַע ביכל. מײַן טאַטע האָט עס מיר געקויפֿט".

איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. יאָ, נעכטן האָב איך אָנגעזאָגט די קינדער, אַז זיי מוזן ברענגען דאָס נײַע לערנביכל אין קלאַס. חנהלעס טאַטע, אַן אָרעמער היטער בײַ אַ נײַעם בנין, איז אַוועק אין מיטן טאָג פֿון זײַן אַרבעט און איז געלאָפֿן אין רעגן און ווינט קויפֿן אַ ייִדיש ביכל פֿאַר זײַן קינד.

איך האָב אָנגענומען חנהלען בײַ דער האַנט און געזאָגט צו איר נאָר צוויי ווערטער:

— „קום, חנהלע!"

מער האָב איך ניט געקענט זאָגן, ווײַל עס האָט מיך געשטיקט צו וויינען.

(לויט דניאל פּערסקי)

אַרײַנגעלאָפֿן — אַרויסגעלאָפֿן
גענומען, אָנגענומען, אַרויסגענומען

פֿראַגעס:

1. וואָס פֿאַר אַ וועטער איז געווען אין דרויסן?
2. ווער איז געווען חנהלע? ווער איז געווען איר טאַטע?
3. וואָס האָט חנהלעס טאַטע איר צוגעזאָגט?
4. איז אים געווען גרינג צו האַלטן וואָרט?
5. האָט חנהלעס טאַטע טײַער געהאַלטן די ייִדישע שול? פֿון וואַנען ווייסן מיר עס?
6. פֿאַרוואָס האָבן טרערן גענומען שטיקן דעם לערער?

געשמיסן	lashed, whipped	אַרויסגעלאָפֿן	ran out
צעריסן	torn	אויפֿגעהויבן	picked up
טרוקן	dry	צעטומלט	confused
אַרײַנגעלאָפֿן	ran in	שטיקן	to choke

משהלע קאַפּיטאַן

א.

ווען משהלע איז געקומען אין שולהויף, רײַטנדיק אויף זײַן ברוין פֿערדל, זײַנען אַלע קינדער אים געלאָפֿן אַנטקעגן.

— „ברוך־הבא, משהלע איז דאָ. וואָס פֿאַר אַ גאַסט!"

משהלע איז אַראָפּ פֿון פֿערדל, און זײַן חבֿר בערעלע האָט עס אַ נעם געטאָן און עס צוגעבונדן צו אַ בוים.

משהלע איז געשטאַנען אַ שײַנענדיקער, אַ גליקלע־כער. אַלע חבֿרים און חבֿרטעס אַרום אים. משהלע איז דאָך אין די פֿאַר וואָכן וואַקאַציע געווען אין בוענאָס־אײַרעס. אַלע קינדער האָבן געוואָלט וויסן ווי עס זעט אויס די גרויסע שטאָט, וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער שטאָט.

— „לאָמיר זיך אַוועקזעצן אויף די טרעפּ פֿון דער שול און משהלע וועט אונדז דערציילן פֿון אַלצדינג".

— „גערעכט, טאַקע גערעכט!"

אַלע קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט, משהלע אין מיטן און ער האָט גענומען דערציילן. ער האָט גערעדט וועגן די גרויסע גאַסן, די הויכע הײַזער, די שיינע קראָמען...

— „נו, און אַ שול, אַ יידישע שול האָסטו געזען?" — האָט דודל, דער עלטסטער, געפֿרעגט. — „דערצייל אונדז בעסער ווי עס זעט אויס אין בוענאָס־אײַרעס אַ יידישע שול. געווים מיט עטלעכע קלאַסן, יינגערע קינדער אין איין קלאַס, עלטערע אין אַנדערע קלאַסן, ניט ווי מיר דאָ אַלע אינאיי־נעם, קליין און גרויס".

— „יאָ. מײַנע שוועסטער־קינדער האָבן מיך געפֿירט אין דער שול וואו זיי לערנען זיך. קינדער!" — און משהלע

האָט פֿאַרמאַכט די אויגן כּדי ער זאָל ווידער דערזען דעם שיינעם בנין פֿון דער שול.

— „קינדער, אַזאַ גרויסע שול! מיט אַזוי פֿיל קלאַסן! אומעטום מיט ייִדישע אויפֿשריפֿטן אויף די ווענט. און בי־כער, ביכער! און אַזאַ גרויסער פֿרײַער הויף!"

און משהלע האָט ווײַטער דערציילט:

— „אַלע זײַנען געווען גוט צו מיר. פֿון אַלע זײַטן: שלום־עליכם, שלום־עליכם".

— „און וויפֿל קינדער", — פֿרעגט דודל, — „לערנען זיך דאָרטן? אַ פּאָר הונדערט?"

— „אַ פּאָר הונדערט? און מער קענסטו ניט ציילן? און איך זאָג אפֿשר אַ טויזנט! און ווי שיין די קינדער מאַרשירן אַרײַן אין די קלאַסן. און ווי שיין זיי זינגען אַלע, ווען זיי זײַנען אַלע אין הויף פֿון שול, ווען מע גייט שוין אַהיים!"

אַלע קינדער זײַנען שטיל געזעסן און זיך צוגעהערט צו יעדער וואָרט וואָס איז אַרויס פֿון משהלעס מויל.

שׂרהלע האָט שטיל און פֿאַרשעמט געזאָגט:

— „ניט אַזוי ווי מיר דאָ אין דער קאָלאָניע, אַ הויפֿן קינדער!"

געקומען רײַטנדיק	שטייט אַ שײַנענדיקער
ברוך־הבא	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט משהלע געדאַרפֿט קומען צו רײַטן אין שול?
2. וואו איז משהלע געווען אין דער צײַט פֿון וואַקאַציע?
3. וואָס האָבן די קינדער געוואָלט וויסן?
4. וואו האָבן די קינדער געלעבט?
5. וואָס האָט משהלע דערציילט וועגן דער גרויסער שול אין בוענאָס־אײַרעס?
6. אין וואָס פֿאַר אַ שול האָבן די קינדער זיך געלערנט?

קאַפּיטאַן, דער — captain
ברוך־הבא — (borukh habo) greeting to a newcomer ('blessed be he who comes')

וואַקאַציע, די — vacation
טרעפּ — stairs
שוועסטערקינד — cousin
מאַרשירן — to march
קאָלאָניע, די — colony

ב.

— „דער לערער, דער לערער קומט!" — זײַנען די קינדער אויפֿגעשפּרונגען. דער לערער איז אויך געווען אַ קאָלאָניסט. ער האָט געוואוינט אַ צען קילאָמעטער פֿון דער שול. יעדן טאָג פֿלעגט ער קומען אין שול מיט זײַן פֿערד און אַ קליינעם וואָגן אויף צווײ רעדער. די קינדער זײַנען אים געלאָפֿן אַנטקעגן און אָנגעזאָגט די גרויסע שׂמחה אַז משהלע איז שוין געקומען צוריק פֿון בוענאָס-אײַרעס.

— „וואָס מאַכסטו, משהלע?" — און דער לערער האָט אים אַרומגענומען.

אַלע קינדער זײַנען אַרײַן אין קלאַס און האָבן גענומען דערציילן דעם לערער וואָס זײ האָבן געהערט פֿון משהלען. מער פֿון אַלץ זײַנען זײ געווען באַגײַסטערט פֿון אַ שול וואו עס לערנען זיך אפֿשר טויזנט קינדער.

— „און אַז מיר האָבן ווייניק תּלמידים, איז וואָס?" — האָט לאהלע געזאָגט, — „קען זײַן אַז דאָ לערנען מיר זיך בעסער ווי דאָרטן".

— „יאָ, ס'איז אמת", — האָט משהלע געזאָגט, — „איך האָב זיך פֿאַרהערט מיט מײַנע שוועסטער-קינדער. מיר קענען ניט ווייניקער ווי זײ. דאָרטן איז זײ נאָך גרינגער. עס קומט אַ באַקוועמער אויטאָבוס וואָס פֿירט זײ פֿון דער היים אין שול אַרײַן און פֿון דער שול צוריק אַהיים. אויפֿן וועג זיצט מען אויף ווייכע בענקלעך, און מע רעדט, און מע זינגט, און מע פֿאָרט איבער שיינע גאַסן".

לאהלע גיט אַ זאָג: — „ניט אַזוי ווי בײַ אונדז. אונדז קומט אַלץ אָן שווער. מיר דאַרפֿן רײַטן אויף פֿערדלעך, צו צווײ-דרײַ אויף איין קליין פֿערדל".

— „אין ווינט און אין שטויב, אין היץ און אין קעלט און אין רעגן" — זאָגט דודל.

— „זאָג ניט קיין ליגן", — רופֿט אויס בערעלע, — „אַז עס רעגנט, קומען מיר ניט אין שול".

תלמידים פֿאַרהערן זיך
גיין אין שול, קומען אין שול, פֿאָרן אין שול

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען דער לערער און וואו האָט ער געוואוינט?
2. ווי קומען די קינדער אין שול אין בוענאָס־אײַרעס?
3. ווי קומען די קינדער אין דער שול פֿון דער קאָלאָניע?
4. וועמען איז גרינג און וועמען איז שווער?

אויפֿגעשפּרונגען	jumped up
באַגײַסטערט	enthused, inspired
פֿאַרהערן זיך	to examine, to test each other
באַקוועם	convenient
שטויב, דער	dust
ליגן, דער	the lie

ג.

משהלע האָט אויך דערציילט וועגן דעם שיינעם יום־טובֿ וואָס עס האָט דורכגעפֿירט די שול וואו עס לערנען זיך זײַנע שוועסטער־קינדער.

— „לערער, וואָס וועט זײַן מיט אונדזער יום־טובֿ?"
— האָט געפֿרעגט לאהלע.

— „איך ווייס ניט, קינדער, צי מיר זאָלן דאָס יאָר האָבן אַ יום־טובֿ", — האָט דער לערער געזאָגט.

— „אָבער פֿאַראַיאָרן האָבן מיר געהאַט אַזאַ שיינעם יום־טובֿ", — האָט לאהלע ווידער געזאָגט.

— „יאָ, עס איז געווען אַ נחת. אָבער אונדזער שול איז קלענער געוואָרן. עטלעכע קאָלאָניסטן זײַנען אַוועק אין שטאָט צוזאַמען מיט זייערע קינדער. מיינט איר אַז מיר וועלן קענען דורכפֿירן אויך דאָס יאָר אַ שיינעם יום־טובֿ?"

— „יאָ, יאָ!" — האָבן זיך געהערט שטימען פֿון קינ־דער. און משהלע האָט שוין גערעדט פֿאַר אַלעמען:

— „דעם יום־טובֿ וועלן מיר דורכפֿירן ווי אַלע יאָר, נאָך בעסער און שענער. מיר זאָגן צו אַלע אויסצולערנען גוט אונדזערע ראָלן. מיר וועלן אַלע אויסלערנען וואָס מע דאַרף דעקלאַמירן און וואָס מע דאַרף זינגען".

דעם לערערס פּנים איז געוואָרן פֿריילעך. און דאָך האָט ער געזאָגט:

— „איר ווייסט דאָך, קינדער. עס הייבן זיך באַלד אָן די גרויסע רעגנס. הערט איר אויף צו קומען אין שול. ווי וועט מען זיך צוגרייטן צום יום־טובֿ?"

— „מיר וועלן סײַ ווי קומען, אַפֿילו אין די גרעסטע רעגנס. מיר וועלן נישט פֿאַרפֿעלן אין שול אַפֿילו קיין איין טאָג נישט", — האָבן זיך געהערט קינדערשע שטימען.

— „טאָמער רעגנט שטאַרק און די וועגן וועלן זײַן פֿאַרגאָסן?" — האָט לאהלע געפֿרעגט.

— „וועלן מיר שווימען!" — האָט בערעלע אויסגע־רופֿן.

— „ניט שווימען, נאָר פֿאָרן מיט אַ שיף", — האָט געזאָגט משהלע.

— „ווער האָט דען אַ שיף?"

— „איך", — האָט משהלע זיך באַרימט. — „איך האָב אַ שיף".

— „מיט אַ זעגל?" — האָט זיך דודל געחכמהט.

— „יאָ, אַ שיף מיט אַ זעגל, און איך בין דער קאַפּי־טאַן".

אַלע קינדער האָבן געלאַכט.

חכם, חכמה, חכמהן זיך	דאָס יאָר, פֿאַראַיאָרן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווען האָבן די קינדער זיך דערמאָנט וועגן אַ יום־טובֿ אין דער שול?
2. פֿאַרוואָס האָט דער לערער געטראַכט אַז דאָס יאָר קען מען ניט דורכפֿירן קיין יום־טובֿ?
3. וואָס האָבן די קינדער צוגעזאָגט דעם לערער?
4. וואָס האָבן די קינדער גערעדט וועגן די רעגנס וואָס קענען פֿאַרגיסן די וועגן?

פֿאַראַיאָרן	last year	פֿאַרגאָסן	flooded
שטים, די	voice	באַרימען זיך	to brag
ראָל, די	role	חכמהן זיך	(khokhmen) to joke, to kid around
סײַווי	anyhow		
פֿאַרפֿעלן אין שול	to miss school		

ד.

די קינדער האָבן געהאַלטן וואָרט.

די טעג זײַנען געוואָרן הייסער, אָבער קיינער האָט ניט פֿאַרפֿעלט קיין איינציקן טאָג אין שול. פֿאַרקערט, מען איז געבליבן נאָכן לערנען, מע האָט זיך געמיט מער ווי אַלע מאָל עס זאָל זײַן אַ שיינער יום־טובֿ.

איין מאָל, שפּעט אין אָוונט, אַ פּאָר טעג פֿאַרן יום־טובֿ, איז דער הימל געוואָרן באַדעקט מיט שווערע וואָלקנס. ס'האָט גענומען בליצן און דונערן. אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט. משהלע איז אײַנגעשלאָפֿן מיט שווערע געדאַנקען. וואָס וועט זײַן? אַלע וועגן וועלן מאָרגן זײַן פֿאַרגאָסן מיט וואַסער.

אין דער פֿרי האָט נאָך אַלץ גערעגנט. משהלע איז אויפֿגעשטאַנען, עפּעס וואָס געגעסן. ער האָט ניט לאַנג געטראַכט. ער האָט אָנגעטאָן דעם טאַטנס לאַנגן רעגן־מאַנטל און אַרויס אָנזאָטלען זײַן ברוין פֿערדל.

— „וואוהין?" — האָבן טאַטע־מאַמע אים געפֿרעגט.

— „אין שול, ווי אַלע טאָג".

— „אין אַזאַ משוגענעם וועטער?"

— „יאָ. מיר האָבן זיך געגעבן אַ וואָרט!"

— „אָבער מיר וואוינען אַזוי ווײַט פֿון דער שול!“

— „וועל איך שווימען. דאָס פֿערדל איז מײַן שיף און איך בין דער קאַפּיטאַן“.

עס האָבן ניט געהאָלפֿן טאַטע־מאַמעס רייד. משהלע האָט זיך געזעצט אויף זײַן פֿערדל און טראָט בײַ טראָט גענומען רײַטן איבער די פֿאַרגאָסענע וועגן צו דער שול. אויפֿן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַרויפֿגענומען לאהלען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט און אַרויפֿגענומען בערעלען. לאהלע האָט מיט בײדע הענט אַרומגענומען משהלען און בערעלע האָט פֿעסט געהאַלטן לאהלען.

אַלע דרײַ קינדער אויף איין פֿערד. אַלע דרײַ אונטער דעם גרויסן רעגן־מאַנטל.

— „מיר שווימען, מיר שווימען", — האָט לאהלע אויסגערופֿן.

— „דו ביסט דער קאַפּיטאַן", — האָט בערעלע געזאָגט.

אַזוי זײַנען אַלע דרײַ געקומען אין שול. זיי האָבן שוין געפֿונען די קינדער מיטן לערער. די קינדער האָבן געלערנט און זיך געגרייט צום יום־טובֿ.

און עס איז טאַקע געווען דער שענסטער יום־טובֿ אין דער שול. אַלע קאָלאָניסטן, אויך די וואָס האָבן געוווינט גאַנץ ווײַט, זײַנען געקומען צום יום־טובֿ.

און משהלע — די קינדער האָבן אים שוין גערופֿן משה־לע קאַפּיטאַן — האָט געזאָגט: — „ס'איז אַזוי שיין ווי אין בוענאָס־אײַרעס".

(מאַשע שטוקער־פּאַיוק)

זיך מיִען	זיך אָפּשטעלן
אַרומנעמען — אַרומגענומען	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָבן די קינדער זיך געגרייט צום יום־טובֿ אין דער שול?
2. פֿאַרוואָס האָבן טאַטע־מאַמע ניט געוואָלט אַז משהלע זאָל רײַטן אין שול?
3. וואָס האָט משהלע געזאָגט?
4. וועמען האָט ער אַרויפֿגענומען אויף זײַן פֿערדל?
5. פֿאַרוואָס האָבן די קינדער אים גערופֿן משהלע קאַפּיטאַן?
6. ווי איז געווען דער יום־טובֿ אין דער שול?

פֿאַרקערט	on the contrary	משוגע	crazy
בליצן	lightnings	טראָט בײַ טראָט	step by step
דונערן	to thunder	אַרויפֿגענומען	placed upon, lifted up, picked up
אָנזאָטלען	to saddle		



מאַמעס האָבן ליב צו וויינען

א.

עס איז געווען אַ ליכטיקער טאָג אָנהייב האַרבסט. די מאַמע האָט געפֿירט גיטעלען אין דער ייִדישער שול.

— „מאַמע, וואָס וועל איך טאָן אין שול? וואָס וועל איך זאָגן?״

— „דו וועסט זאָגן ווי דו הייסט, ווי אַלט דו ביסט און וואו דו וואוינסט״.

— „וועלכן נאָמען זאָל איך זאָגן, מאַמע? דעם נאָמען פֿון סקול אָדער דעם נאָמען פֿון דער היים?״

— „דו וועסט זאָגן אַז דו הייסט גיטעלע. גיטעלע — אַזוי ווי איך און דער טאַטע רופֿן דיך. זאָג אַז דײַן ייִדישער נאָמען איז גיטל־רחל. אַזוי האָבן געהייסן דײַנע צוויי באָבעס: איינע גיטל, די אַנדערע — רחל. אויב מײַן מאַמע גיטל וואָלט געלעבט, וואָלט זי דיך איצט געפֿירט אין שול״.

גיטעלע האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צו דער מאַמען און געזען טרערן אין דער מאַמעס ברוינע אויגן. נאָר די מאַמע האָט געשמייכלט צו גיטעלען און זי ווײַטער געפֿירט פֿאַר דער האַנט.

***

גיטעלע האָט געבראַכט אַהיים פֿון דער שול אַ ייִדישן העפֿט. אויף דער ערשטער זײַט פֿון העפֿט זײַנען געווען ייִדישע אותיות. דאָרטן איז געווען איר נאָמען נאָך די צוויי באָבעס — גיטל־רחל.

די מאַמע האָט אַ קוש געגעבן איר טאָכטער. גיטעלע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. זי זעט, די מאַמע האַלט אין האַנט דעם העפֿט. זי שמייכלט, אָבער צוויי טרערן שײַנען אין אירע אויגן.

יענע נאַכט, איידער זי איז אײַנגעשלאָפֿן, האָט גיטעלע געטראַכט: פֿאַרוואָס קומען טרערן אין דער מאַמעס שײַנע אויגן, ווען די מאַמע קוקט אויף די ייִדישע אותיות מיט די נעמען פֿון אירע צוויי באָבעס?

איצט, ווען גיטעלע דאַרף שרײַבן אויפֿן טאָוול, פֿאַרמאַכט זי אויף אַ רגע די אייגעלעך און זי זעט אין דער לופֿט די ייִדישע אותיות צוזאַמען מיט דער מאַמעס טרערן. קיינער ווייסט ניט פֿאַרוואָס גיטעלע האָט ליב צו פֿאַרמאַכן די אויגן אויף אַ רגע, איידער זי שרײַבט אָן איר נאָמען. קיינער ווייסט ניט פֿאַרוואָס זי שמייכלט, ווען זי עפֿנט צוריק די אויגן. זי איז שוין איצט אין דריטן קלאַס. זי קען שוין גוט אָנשרײַבן אַפֿילו שווערע ווערטער. אָבער ווען זי דאַרף אָנשרײַבן איר ייִדישן נאָמען, פֿאַרמאַכט זי די אויגן אויף אַ רגע, זי עפֿנט זיי מיט אַ שמייכל — און ערשט דערנאָך שרײַבט זי דעם נאָמען גיטל־רחל.

ווי הייסטו?	הייסן נאָך אַ זיידן	אויג—אייגעלע

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. נאָך וועמען איז געווען דער נאָמען גיטל־רחל?
2. פֿאַרוואָס זײַנען געווען טרערן אין דער מאַמעס אויגן, ווען זי האָט געפֿירט איר טעכטערל אין דער ייִדישער שול?
3. פֿאַרוואָס זײַנען געווען טרערן אין דער מאַמעס אויגן, ווען זי האָט געזען די ייִדישע אותיות מיט די נעמען פֿון די צוויי באָבעס?
4. האָט גיטעלע געוואוסט, פֿאַרוואָס עס קומען טרערן אין דער מאַמעס אויגן?
5. פֿאַרוואָס פֿאַרמאַכט גיטעלע די אויגן אויף איין רגע, ווען זי דאַרף אָנשרײַבן איר נאָמען?

ווי הייסטו?	what's your name	איידער	before
לופֿט, די	air	זײַט, די	page

ב.

גיטעלע האָט צוויי געבורטסטעג. איין געבורטסטאָג איז אַלע מאָל דעם זעלביקן טאָג אין דעצעמבער און דער אַנדערער איז דעם ערשטן טאָג חנוכּה.

ווען דער לערער האָט געפֿרעגט גיטעלען, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, האָט זי געענטפֿערט:

— „דעם ערשטן טאָג חנוכּה".

דער לערער האָט עס פֿאַרשריבן אין אַ ביכעלע.

די לערערין אין דער ענגלישער שול און די חבֿרטעס אירע אין קלאַס באַגריסן זי צו איר געבורטסטאָג אין דעצעמבער, יעדער יאָר אין דעם זעלביקן טאָג. און אין דער ייִדישער שול גיט איר דער לערער אַ ייִדיש ביכעלע, אַ מתּנה צו איר געבורטסטאָג — דעם ערשטן טאָג חנוכּה.

גיטעלע איז אַלט געוואָרן צען יאָר. די מאַמע האָט פֿאַר גיטעלעס קלאַס אין דער ייִדישער שול געבאַקן אַ קוכן. זי האָט געקויפֿט צוקערקעס און ניס. זי האָט דאָס אַלץ געבראַכט אין שול.

עס איז דער ערשטער טאָג חנוכּה. לערנט מען ניט ווי אַלע מאָל. מע צינדט אָן איין חנוכּה־ליכטל, מע זינגט חנוכּה־לידער. מע פֿרייט זיך מיט דעם יום־טובֿ חנוכּה און מע פֿרייט זיך מיט גיטעלעס געבורטסטאָג.

די מאַמע גיט אַלעמען קוכן, צוקערקעס און ניס, און דער לערער גיט גיטעלען אַ ביכל און זאָגט:

— „אַזוי ווי דײַן געבורטסטאָג איז דעם ערשטן טאָג חנוכּה, גיב איך דיר אַ מתּנה אַ חנוכּה־שפּיל מיטן נאָמען 'חנוכּה־געלט', פֿון שלום־עליכם".

גיטעלע האָט גענומען די מתּנה און געזאָגט דעם לערער:

— „אַ שיינעם דאַנק".

דער לערער האָט געשמייכלט און האָט געזאָגט:

— „איצט דאַרפֿסטו אונדז געבן אַ מתּנה. געפֿין אין

דײַן לײענבוך עפּעס וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן און לײען עס פֿאַר אונדז".

גיטעלע האָט געפֿונען. זי האָט זיך אױפֿגעשטעלט און געלײענט:

— „שאַט, מיר פֿאָרן קײן אַמעריקע! וואו איז אַמע־ריקע? װײס איך ניט. איך װײס נאָר אַז ס'איז װײַט. מע דאַרף אַהין פֿאָרן און פֿאָרן אַזױ לאַנג ביז מע קומט. און אַז מע קומט, קוקט מען אײַך אין די אױגן. האָט איר געזונ־טע אױגן — איז גוט. אױב ניט, פֿאָרט, זײַט מוחל, צוריק. דאַכט זיך אַז איך האָב געזונטע אױגן... זעט איר, מיט מײַן מאַמען איז ניט פֿרײלעך. װער איז שולדיק? אַז טאָג און נאַכט װײנט זי.

— איבער דיר װעלן חלילה אַלע דאַרפֿן פֿאָרן צוריק.

— אַזױ טענהט מיט איר מײַן ברודער עליע.

און זי ענטפֿערט אים:

— נאַריש קינד װאָס דו ביסט! איך װײן דען? עס װײנט זיך אַלײן..."

דאָ האָט גיטעלע געגעבן אַ קוק אױף איר מאַמען װאָס איז געזעסן בײַ דער װאַנט. יאָ, געטראָפֿן! איר מאַמע װישט די אױגן...

מאַמעס האָבן ליב צו װײנען.

(בערל סיגאַל)

מוחל זײַן — זײַט מוחל	חלילה
שרײַבן, אָנשרײַבן	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. װען איז גיטעלעס געבורטסטאָג?
2. װאָס קומט פֿאַר אין שול דעם ערשטן טאָג חנוכּה?
3. װאָס פֿאַר אַ מתּנה האָט גיטעלע באַקומען?

4. וואָס האָט גיטעלע געלייענט פֿון שלום-עליכמען?
5. פֿאַרוואָס האָט געוויינט די מאַמע פֿון שלום-עליכמס מעשׂה?
6. פֿאַרוואָס זײַנען געווען טרערן אין די אויגן פֿון גיטעלעס מאַמען?
7. מיינסטו אויך אַז מאַמעס האָבן ליב צו וויינען?

צוקערקע(ס)	candy	חלילה	(kholile) God forbid!
שאַט!	hush	טענהן	to argue, to plead
זײַט מוחל	please excuse	ווישן	to wipe

אַ ייִדישע שול

די ייִדישע שול פֿאַרן ייִדישן קינד —
אַזוי ווי אַ ליכטל אַ קליינס וואָס מע צינדט.
ווערט ליכטיק אַרום און דאָס האַרץ ווערט דערפֿרייט,
דאָס קינד ווערט אַ גאָלדענער רינג אין דער קייט.

די ייִדישע שול איז אַ שליסל פֿון גאָלד.
זי עפֿנט די טיר צו אַ וועלט פֿון אַמאָל,
אַ וועלט פֿון געזאַנג, פֿון געבעט און פֿון טרערן,
פֿון זיידעס וואָס ציילן די זילבערנע שטערן.

די ייִדישע שול איז אַ גאָלדענע בריק
וואָס פֿירט פֿון דער פֿרעמד, פֿון דער ווײַט דיך צוריק.
און ס׳נעמען דיך האַרציק אַרום די פֿיר ווענט,
אַזוי ווי זיי וואָלטן אַ חבֿר דערקענט.

(חנן קיעל)

שליסל, דער	key
געבעט, דאָס	prayer
דערקענען	to recognize

חנוכה

אַכט קליינע ברידער

אַכט קליינע ברידער
פֿון אַ גרויסן פֿלאַם
זינגען שטומע לידער
פֿון אַ בראַוון שטאַם,

פֿון אַ שטאַם פֿון קריגער,
מוטיק און געטריי —
און פֿון שטאָלצע זיגער
איבער שקלאַפֿעריי.

אַכט שטומע עדות,
אייער ליכט דערמאָנט
אין די עלטערזיידעס
פֿון אַ ווייטן לאַנד.

(אַלף כּץ)

פֿלאַם, דער	flame	זיגער, דער	victor
בראַוו	brave	שקלאַפֿעריי, די	slavery
שטאַם, דער	origin, race, tribe	עדות, דער	witness
קריגער, דער	warrior	עלטערזיידע, דער	great grandfather
מוטיק	courageous		



די מעשׂה פֿון חנוכּה

א.

אין זייער אייגן לאַנד, אין ארץ־ישׂראל, האָבן ייִדן שוין געהאַט איבער זיך אַ פֿרעמדן קיניג. דאָס ייִדישע לאַנד האָט געהערט צו די גריכן. די גריכן האָבן זיי געלאָזט לעבן ווי זיי ווילן און זיך פֿירן אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן זיך געפֿירט.

עס איז אָבער אויפֿגעשטאַנען אַ שלעכטער קיניג מיט אַ לאַנגן און שווערן נאָמען אַנטיאָכוס עפּיפֿאַנעס. ער האָט געוואָלט אַז אַלע פֿעלקער זאָלן ווערן גריכן, אַז אַלע פֿעלקער זאָלן זיך פֿירן ווי די גריכן. האָבן אַלע פֿעלקער אים געפֿאָלגט. נאָר די ייִדן האָבן געזאָגט:

— „מיר ווילן לעבן אַזוי ווי אונדזערע עלטערן האָבן געלעבט. מיר ווילן היטן די געזעצן פֿון דער תּורה. מיר ווילן האַלטן אונדזערע שיינע יום־טובֿים. מיר ווילן רוען איין טאָג אין וואָך“.

דער שלעכטער קיניג איז געוואָרן זייער בייז. ער האָט געשיקט אַ סך סאָלדאַטן אין ייִדישן לאַנד. די גריכן זײַנען געקומען אין ירושלים און זיי האָבן אין בית־המקדש אַוועקגעשטעלט אַ געץ. דער קיניג האָט געהייסן, אַז ייִדן זאָלן דינען די גריכישע געטער. דער קיניג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, מע זאָל טייטן אַלע ייִדן וואָס היטן די געזעצן פֿון זייערע עלטערן.

זײַנען ייִדן געוואָרן זייער טרויעריק. זייער אַ סך זײַנען געבליבן געטרײַ צו זייער פֿאָלק. אָבער עס זײַנען אויך געווען ייִדן — צווישן די רײַכע — וואָס האָבן געטאָן ווי דער שלעכטער קיניג האָט געהייסן.

די סאָלדאַטן פֿון שלעכטן קיניג זײַנען געגאַנגען איבערן לאַנד צו זען, צי די ייִדן לעבן אַזוי ווי די גריכן. אַ סך

ייִדן האָט מען דערהרגעט, אַ סך ייִדן האָט מען געפּײַניקט. עס איז געווען זייער שלעכט.

ירושלים, בית־המקדש	בלײַבן געטרײַ

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווען גריכן האָבן געהערשט אין ארץ־ישׂראל — אין וואָס זײַנען ייִדן געווען פֿרײַ? אין וואָס זײַנען ייִדן ניט געווען פֿרײַ?
2. וואָס האָט געוואָלט אַנטיאָכוס עפּיפֿאַנעס?
3. וואָס האָבן ייִדן געוואָלט?
4. וואָס האָט דער קיניג געטאָן?
5. זײַנען אַלע ייִדן געבליבן געטרײַ זייער פֿאָלק?
6. וואָס האָט מען געטאָן צו די געטרײַע ייִדן?

זיך פֿירן	to behave	געץ, דער	idol
גריך, דער	Greek	געטער	gods
פֿעלקער	nations, peoples	פּײַניקן	to torture
סאָלדאַטן	soldiers		

ב.

די גריכישע סאָלדאַטן זײַנען אויך געקומען אין אַ קליין שטעטל מודיעין. דאָרטן האָט געלעבט אַן אַלטער מאַן וואָס האָט געהייסן מתתיהו. ער האָט געהאַט פֿינף זין. זיי זײַנען אַלע געווען שטאַרקע און העלדישע מענער. דער פֿאָטער און די זין זײַנען געווען געטרײַ זייער פֿאָלק.

די סאָלדאַטן האָבן געהייסן אַלע אײַנוואוינערס פֿון שטעטל קומען אויף איין אָרט, אויפֿן מאַרקפּלאַץ. דער פֿירער פֿון די סאָלדאַטן האָט געזאָגט צו מתתיהו:

— „דו ביסט דער עלטסטער און דו ביסט זייער חשובֿ אין דעם אָרט. דאַרפֿסטו זײַן דער ערשטער וואָס וועט טאָן ווי דער קיניג הייסט. ווען דו פֿאָלגסט דעם קיניגס באַפֿעל, וועסטו ווערן דעם קיניגס פֿרײַנד. אָט איז אַ חזיר. ברענג אים פֿאַר אַ קרבן דעם גריכישן גאָט. דער קיניג וועט דערפֿאַר באַלוינען דיך און דײַנע קינדער".

מתתיהו האָט געענטפֿערט מיט אַ הויכער שטים אַז אַלע זאָלן הערן:

— „אַלע פֿעלקער פֿאָלגן דעם קיניג און גייען אָוועק פֿון זייערע אַלטע געזעצן, און לעבן ווי מע הייסט זיי. אָבער מיר ייִדן ווילן בלײַבן בײַ אונדזער גלויבן און מיר ווילן לעבן ווי אונדזערע עלטערן. איך און מײַנע קינדער וועלן בלײַבן געטרײַ אונדזער פֿאָלק".

מתתיהו האָט געענדיקט רעדן. אַלע זײַנען געבליבן שטיל. אַלע האָבן געוואַרט וואָס דאָ וועט זײַן. פּלוצלינג איז אַרויסגעקומען אַ ייִד מיט אַ מעסער אין האַנט און געוואָלט ברענגען פֿאַר אַ קרבן דעם חזיר. דער אַלטער מתתיהו האָט געכאַפּט דעם ייִדנס מעסער און מיט דעם מעסער אים דערהרגעט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפֿשטאַנד. מתתיהוס זין און אַלע אײַנוואוינערס פֿון מודיעין האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די סאָלדאַטן. אַ טייל האָט מען געטייט, די איבעריקע זײַנען אַנטלאָפֿן.

אַלט — עלטער — עלטסטער	די עלטערן

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואו האָבן געלעבט מתתיהו און זײַנע זין?
2. פֿאַרוואָס האָט דער פֿירער פֿון די גריכישע סאָלדאַטן גערעדט צו מתתיהון?
3. וואָס, האָט ער געזאָגט, זאָל מתתיהו טאָן?
4. פֿאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן אַ חזיר פֿאַר אַ קרבן?
5. וואָס האָט מתתיהו געענטפֿערט?
6. איז דער ייִד וואָס איז אַרויסגעקומען צו ברענגען פֿאַר אַ קרבן דעם חזיר געווען אַ פֿאַררעטער (traitor)?
7. האָט מתתיהו געהאַט רעכט צו דערהרגענען דעם פֿאַררעטער?
8. ווי אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפֿשטאַנד קעגן די גריכן?

מתתיהו (Matisyohu)
זין sons
חשובֿ (khoshev) respected
חזיר (khazer) pig, swine
קרבן, דער (korbn) sacrifice

העלדיש heroic, brave
מענער men
גלויבן, דער faith
אויפֿשטאַנד, דער revolt

ג.

מתתיהו איז שוין געווען זייער אַלט. פֿאַרן טויט האָט ער געזאָגט אַז דער אָנפֿירער פֿון אויפֿשטאַנד זאָל ווערן זײַן זון יהודה. ער איז געווען דער גרעסטער העלד וואָס ייִדן האָבן געהאַט. מע האָט אים גערופֿן יהודה המכּבי. ער האָט געמאַכט אַ ייִדישע אַרמיי. עס איז געווען אַ קליינע אַרמיי, אָבער זייער אַ העלדישע.

יהודה המכּבי האָט פֿאַרטריבן דעם קיניגס סאָלדאַטן פֿון ירושלים. ער און זײַנע מענטשן האָבן אויסגערייניקט ירושלים פֿון געצן און זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין בית־המקדש. דאָרטן זײַנען אַ סך הייליקע זאַכן געווען צעבראָכן. זיי האָבן דעם בית־המקדש ריין געמאַכט. זיי האָבן אַלצדינג ווידער אַוועקגעשטעלט אַזוי ווי עס איז געווען אַמאָל. ווען אַלץ איז געווען פֿאַרטיק, האָט מען געמאַכט אַ יום־טובֿ. דאָס איז געווען דער יום־טובֿ חנוכּה. חנוכּה באַטײַט — באַנײַאונג.

אין בית־המקדש איז געווען אַ מנורה, אַ גרויסער לײַכטער מיט זיבן רערן. אין די רערן האָט געברענט בוימל. מע האָט אויפֿגעשטעלט אַ נײַע מנורה און מע האָט געזוכט ריינעם בוימל וואָס איז געבליבן פֿון פֿריִער. מע האָט געפֿונען נאָר איין קליין קריגעלע מיט ריינעם בוימל. מע האָט אָנגעצונדן די מנורה. האָט מען געזאָגט: דאָס קריגעלע בוימל וועט זײַן גענוג נאָר אויף איין טאָג. אָבער עס האָט געטראָפֿן אַ נס און דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג. דערפֿאַר איז חנוכּה אַכט טעג.

נס, מנורה	גרויס — גרעסער — גרעסטער

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס איז יהודה המכּבי געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון אויפֿשטאַנד?
2. וואָס האָט יהודה המכּבי אויפֿגעטאָן?

3. ווי האָט מען באַנייט דעם בית-המקדש?
4. וואָס דערציילט מען וועגן דעם קריגעלע מיטן ריינעם בוימל?
5. פֿאַרוואָס הייסט דער יום-טובֿ — חנוכּה?

יהודה המכּבי	(Yehudo Hamakabi)	צעבראָכן	broken
אויסרייניקן	to clean out	באַנײַאונג, די	renewal, dedication
פֿאַרטריבן	drove out	אָנגעצונדן	lighted
מנורה	(Menoyre) Menorah	רער — דאָ:	branch

ד

עס איז אַוועק אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט, זינט מע האָט צום ערשטן מאָל געפֿײַערט דעם יום־טובֿ חנוכּה. מער ווי איין און צוואַנציק הונדערט יאָר! דער יום־טובֿ חנוכּה איז אונדז געבליבן ליב און טײַער.

מע פֿרייט זיך מיטן יום־טובֿ, מע גיט מתּנות, מע שפּילט אין דריידל, מען עסט לאַטקעס, מע צינדט די חנוכּה־ליכטלעך. דעם ערשטן טאָג צינדט מען אָן איין ליכטל, דעם צווייטן — צוויי ליכטלעך און אַזוי כּסדר מיט איין ליכטל מער.

און די ליכטלעך ברענען מיט גלויבן און מיט האָפֿענונג.

און די ליכטלעך זאָגן אונדז: — פֿרײַהייט איז אַ טײַערע זאַך. ייִדן האָבן ניט געלאָזט זיך אונטערדריקן און ייִדן וועלן ניט לאָזן זיך אונטערדריקן.

(יודל מאַרק)

דער גלויבן	די האָפֿענונג	די פֿרײַהייט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. מיט וואָס איז חנוכּה פֿאַר אונדז אַ גרויסער יום-טובֿ?
2. איז חנוכּה דער איינציקער יום-טובֿ פֿון פֿרײַהייט?
3. וואָס הייסט פֿרײַהייט פֿון פֿעלקער?

זינט	since
כּסדר	(keseyder) continuously
פֿרײַהייט, די	freedom, liberty
האָפֿענונג, די	hope
אונטערדריקן	to oppress

דער העלד אלעזר

א.

יהודה המכבי און זײַנע ברידער האָבן געפֿירט אַ מלחמה קעגן די גריכן. זיי האָבן געוואָלט באַפֿרײַען דאָס ייִדישע לאַנד. די מלחמה איז געווען אַ שווערע. די גריכן האָבן געהאַט מער מענטשן. די גריכן האָבן געהאַט בעסער געווער.

די גריכן האָבן אויך געהאַט העלפֿאַנטן פֿאַר דער מלחמה. ייִדן האָבן קיין העלפֿאַנטן ניט געהאַט.

העלפֿאַנטן פֿאַר דער מלחמה? העלפֿאַנטן זײַנען דאָך גוט און קלוג. וואָס האָבן העלפֿאַנטן צו טאָן אין אַ מלחמה?

אין יענע אַלטע צײַטן האָט מען געשאָסן מיט פֿײַלן. אַ העלפֿאַנט האָט זייער אַ דיקע פֿעל. ווען מע שיסט מיט אַ פֿײַל, איז שווער צו טאָן שלעכטס דעם העלפֿאַנט. אויפֿן העלפֿאַנט זײַנען געזעסן מענטשן, און זיי האָבן געקענט שיסן פֿון דאָרטן.

דער העלפֿאַנט איז דאָך זייער שווער. ער האָט גרויסע, שווערע פֿיס. קען אַ העלפֿאַנט וואָס לויפֿט טרעטן אויף מענטשן. זײַנען העלפֿאַנטן געווען אַזוי ווי איצט — טאַנקען.

גריכן האָבן געהאַט די העלפֿאַנטן, די טאַנקען פֿון יענע אַלטע צײַטן, און ייִדן האָבן קיין 'טאַנקען' ניט געהאַט.

יענע אַלטע צײַטן	מלחמה	שיסן — געשאָסן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. קעגן וועמען האָבן ייִדן געפֿירט אַ מלחמה?
2. פֿאַרוואָס האָבן ייִדן געפֿירט די מלחמה?
3. מיט וואָס האָט מען געשאָסן אין יענע אַלטע צײַטן?
4. וואָס האָבן העלפֿאַנטן געטאָן אין אַ מלחמה?
5. פֿאַרוואָס איז די מלחמה קעגן די גריכן געווען אַזוי שווער?

אלעזר	(Elozer)	געשאָסן	shot
קעגן	against	פֿײַל, די	arrow
געווער, דאָס	weapon(s)	דיק	thick
העלפֿאַנט, דער	elephant	פֿעל, די	hide, animal skin
שיסן	to shoot		

ב.

איינער פֿון יהודהס ברידער האָט געהייסן אלעזר. ער איז געווען אַ גרויסער העלד. ער האָט ניט מורא געהאַט פֿאַר קיין זאַך.

אלעזר זעט אַ העלפֿאַנט. דער העלפֿאַנט איז גרעסער ווי אַלע אַנדערע, ער איז אויך מער אויסגעפּוצט ווי אַלע אַנדערע העלפֿאַנטן. עס זיצן מענטשן אויפֿן העלפֿאַנט און שיסן מיט פֿײַלן. אלעזר טראַכט: דער פֿירער פֿון די גריכן זיצט אויף אָט דעם גרויסן און אויסגעפּוצטן העלפֿאַנט!

מיט דער שווערד אין האַנט לויפֿט אלעזר דורך די רייען פֿון די גריכן. אָט איז ער שוין לעבן העלפֿאַנט. ער שטעכט זײַן שווערד אַרײַן אין בויך פֿון העלפֿאַנט.

דער גרויסער העלפֿאַנט איז געפֿאַלן. צוזאַמען מיט אים — אַלע מענטשן וואָס זײַנען געזעסן אויף אים. אָבער דער העלפֿאַנט איז אויך געפֿאַלן אויף אלעזרן.

יהודה המכּבי האָט געוואונען די שלאַכט, אָבער זײַן ברודער אלעזר איז געפֿאַלן ווי אַ העלד. אַלע האָבן געלויבט דעם גרויסן העלד.

דער בויך	די שווערד	לויבן
פֿאַלן — געפֿאַלן		

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט אלעזר געזען אין שלאַכט?
2. וואָס האָט ער געטראַכט?
3. וואָס האָט אלעזר געטאָן?
4. וואָס איז געשען מיטן העלפֿאַנט און מיט די מענטשן אויף אים?
5. ווער האָט געוואונען די שלאַכט?

שווערד, די	sword	שלאַכט, די	battle
בויך, דער	belly	אַרײַנשטעקן	to stick into

חנוכה־געלט

א.

טרעפט, קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פון אַלע יום־טובים?

חנוכה.

אַכט טעג כּסדר ניט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס, שפּילן אין דריידל און באַקומען פון אַלע זייַטן חנוכה־געלט — נו, דאַרף מען אַ בעסערן יום־טוב?

ווינטער. אין דרויסן איז קאַלט, דער פראָסט ברענט. די פענצטער זייַנען באַדעקט מיט שניי, און אין שטוב איז וואַרעם. דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפּל שטייט גרייט. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב און דאַוונט מעריב. ער ענדיקט דאַוונען, נעמט ער אַרויס פון טישקעסטל אַ ליכטל (דעם שמש) און זאָגט צו אונדז, צו מיר און מייַן יינגערן ברודער מאָטל:

— „רופט אַרייַן די מאַמע, לאָז זי גיין הערן בענטשן חנוכה־ליכטלעך".

איך און מייַן ברודער מאָטל לאָזן זיך לויפן ביידע.

— „מאַמע! גיכער, חנוכה־ליכטלעך!"

די מאַמע לייגט אַוועק אַלע אַרבעט אין קיך און לאָזט זיך לויפן אין שטוב אַרייַן, און נאָך איר — ברייַנע די קעכין.

דער טאַטע גייט צו מיטן אָנגעצונדענעם שמש צום חנוכה־לעמפּל, בייגט זיך אייַן און מאַכט די ברכה מיטן באַקאַנטן ניגון.

די מאַמע ענטפערט: „אָמן", און ברייַנע שאָקלט מיטן קאָפּ. זי מאַכט דערביַי אַזאַ פּנים, אַז איך און מייַן ברודער מאָטל האָבן מורא צו קוקן איינער אויפן אַנדערן, מיר זאָלן ניט אָנהייבן לאַכן.

דער טאַטע שפּאַצירט אַרום איבער דער שטוב, קוקט אויפֿן חנוכּה־לעמפּל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָרניט אויף צו זאָגן. מיר וואָלטן וועלן, עס זאָל שוין נעמען אַ סוף, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע. מיר שטופּן אונ־טער איינער דעם אַנדערן:

— „מאָטל, גיי צו, זאָג אים — חנוכּה־געלט".

— „וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכּה־געלט?"

— „אַזוי, ווײַל דו ביסט יִנגער, דאַרפֿסטו בעטן חנוכּה־געלט".

— „אפֿשר פֿאַרקערט, דו ביסט עלטער, דאַרפֿסטו בעטן חנוכּה־געלט".

ברכה, אָמן	מאַכן אַ פּנים
זיך נעמען צו דער קעשענע	

פֿראַגעס:

1. וואו איז פֿאַרגעקומען (happened) די מעשׂה מיט חנוכּה־געלט?
2. פֿאַרוואָס מיינען די קינדער אַז חנוכּה איז דער בעסטער יום־טובֿ?
3. ווי גרייט זיך דער טאַטע צום בענטשן חנוכּה־ליכט?
4. וואָס 'זאָגט' דער טאַטע נאָכן בענטשן חנוכּה־ליכט?
5. וואָס טוען דערווײַל די קינדער?

חדר, דער	(kheyder) room; Jewish school
מעריבֿ	(maariv) evening prayer
אָמן	(omeyn) Amen
שמש	(shames) light to kindle the Hanukah lights
באַקאַנט	known, familiar
טישקעסטל, דאָס	drawer of a table
קעכין, די	cook (she)
שאָקלען	to shake

ב.

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט אַז מיר רעדן פֿון חנוכּה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט ניט. שטיל, זיך ניט געאײַלט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס קלאַפּט אונדז דאָס האַרץ. מיר מאַכן זיך אָבער, גלײַך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— „הם... קינדער, קומט נאָר אַהער".

— „האַ? וואָס איז?"

— „נאַט אײַך חנוכּה־געלט".

באַקומען אונדזער חנוכּה־געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מײַן ברודער מאָטל, פֿריִער פּאַמעלעך, און נאָך דעם — גיכער און גיכער, שפּרינגענדיק און טאַנצנדיק. און אַז מיר קומען אין אונדזער חדרל אַרײַן, קאָנען מיר זיך מער ניט אײַנהאַלטן, מיר קערן זיך איבער דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף, שפּרינגען אויף איין פֿוס און זינגען:

ענגע, בענגע,
סטופּע, צענגע,
אַרצע, באַרצע,
גאָלע שוואַרצע.
איימעלע, ריימעלע,
בייגעלע, פּייגעלע —
האָפּ!

און פּאַר גרויס שׂמחה גיבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער פֿעטער בעני.

— „חבֿרה, אײַך קומט חנוכּה־געלט!"

דער פֿעטער בעני לייגט אַרײַן די הענט אין קעשענע, נעמט אַרויס צוויי זילבערנע מטבעות און גיט אונדז חנוכּה־געלט.

ער מאַכט זיך	זיך אײַנהאַלטן
איך קום אים, עס קומט מיר	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי איז פֿאָרגעקומען דאָס קריגן חנוכּה־געלט?
2. ווי האָבן די קינדער אויסגעדריקט זייער פֿרייד מיטן חנוכּה־געלט?
3. וואָס פֿאַר אַ לידעלע האָבן זיי געזונגען?
4. וואָס האָט געגעבן דער פֿעטער בעני?

מאַכן זיך	to pretend	פּעטש, די	slaps, smacks
האַרץ, דאָס	heart	באַק, די	cheek
פּאַמעלעך	slowly	חבֿרה	(khevre) group of pals
פּאַטש, דער	slap, smack	איך קום אײַך	I owe you

ג.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פֿעטער בעני זײַנען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דינער, דער פֿעטער בעני — אַ קורצער, אַ פֿעטער. דער טאַטע — אַ פֿאַרזאָרגטער, דער פֿעטער בעני — אַ פֿריילעכער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך לײַבלעכע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר, מאַכט אויפֿן פּאַפּיר קעסטעלעך, שוואַרצע און ווײַסע, הייסט ברענגען פֿון קיך פּאַסאָליעס, שוואַרצע און ווײַסע — דאָס וועט זײַן דאַמקעס.

די מאַמע אין קיך באַקט לאַטקעס. איך מיט מײַן ברודער מאַטלען שפּילן אין דריידל. און דער טאַטע מיטן פֿעטער בעני זעצן זיך אַוועק שפּילן אין דאַמקעס.

— „איין זאַך וועל איך בײַ דיר בעטן, בעני — אָן חרטה, דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זײַן אַ גאַנג!" — זאָגט דער טאַטע.

— „אַ גאַנג איז אַ גאַנג", — זאָגט דער פּעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג", — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט דעם פּעטער בענים אַ ציגל.

וואָס ווײַטער־ווײַטער זיי לאָזן זיך אַרײַן אין דער שפּיל, אַלץ מער קײַען זיי די בערד, און ביידע זינגען שטיל איין לידל.

— „אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?" — זינגט דער טאַטע און קײַט די באָרד. — „זאָל איך גיין אַהער? —וועט ער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהער, דאַרף מען בעסער גיין אַזאַ גאַנג!"

— „אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג!" — זאָגט דער פּעטער בעני.

— „וואָס זשע דאַרף איך מורא צו האָבן?" — זינגט דער טאַטע ווײַטער — „אפשר שלאָגט ער מיר אַ ציגל? — וועל איך בײַ אים צונעמען צוויי ציגלעך. אײַ, וואָס? אפשר מיינט ער מיר שלאָגן דרײַ ציגלעך?"

— „דרײַ ציגלעך, דרײַ ציגלעך, דרײַ ציגלעך", — זינגט דער פּעטער בעני.

— „אוי, ביסטו אַ טיפּש, בעני, אַ טיפּש און אַ גרויסער!" — זינגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— „ביסט אַליין אַ טיפּש, מײַן ברודער, און נאָך אַ גרעסערער!" — זינגט דער פּעטער בעני און גייט אַ גאַנג און כאַפּט באַלד צוריק.

— „פּע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג!" — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פּעטער בעני פאַר דער האַנט.

— „איך האַלט אין גיין אַ גאַנג, קען איך גיין וואוהין איך וויל", — זאָגט דער פּעטער בעני.

— „ניין!" — זאָגט דער טאַטע, — „אַ גאַנג איז אַ גאַנג! מיר האָבן דאָך עפּעס גערעדט, בעני, אָן חרטה, בעני".

— „חרטה?" — זאָגט דער פּעטער בעני, — „וויפֿל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חרטה?"

— „איך?" — זאָגט דער טאַטע, — „ע, בעני, דערפֿאַר האָב איך דאָך פֿײַנט מיט דיר צו שפּילן אין דאַמקעס!"

— „ווער זשע הייסט דו זאָלסט מיט מיר שפּילן?"

— „שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פֿאַסאָלקעלע?" — זאָגט די מאַמע און קומט אָן פֿון קיך מיט אַ צעהיצט פּנים, און נאָך איר — ברײַנע מיט אַ גרויסער שיסל מיט הייסע לאַטקעס. אַלע גייען צום טיש. איך און מײַן ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פֿריִער געקריגט, ווערן שלום און זעצן זיך צו די לאַטקעס.

זיך קריגן	מורא האָבן	חרטה האָבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. שפּילן דער טאַטע מיטן פּעטער אָפֿט אין דאַמקעס?
2. ווי אַזוי מאַכט דער טאַטע די ברעט אויף צו שפּילן דאַמקעס?
3. וואָס ניצט מען אַנשטאָט אמתע דאַמקעס?
4. וואָס זינגען דער טאַטע און דער פּעטער בײַם שפּילן?
5. איבער וואָס צעקריגט מען זיך בײַם שפּילן?
6. ווי אַזוי ווערט שלום?

פֿאַרזאָרגט	worried
בויגן, דער	sheet
פֿאַסאָליעס	(kidney) beans
דאַמקעס	checkers
חרטה	(kharote) regret
גאַנג, דער	move
קײַען	to chew
באָרד, בערד	beard(s)
שלאָגן אַ ציגל	to capture a piece
טיפּש	(tipesh) fool
עס מאַכט זיך	it happens

ד.

ביינאַכט, אויף מײַן בעטל, ליג איך און טראַכט: וויפֿל קאָן איך האָבן געלט, אַז אַלע פֿעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובֿים וועלן מיר געבן חנוכּה־געלט?

— „מאָטל, דו שלאָפֿסט?"

— „יאָ, וואָס איז דען?"

— „וויפֿל מיינסטו, וועט אונדז געבן דער פֿעטער בער חנוכּה־געלט?"

— „פֿון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נבֿיא?"

אַ מינוט שפּעטער:

— „מאָטל, דו שלאָפֿסט?"

— „יאָ, וואָס איז דען?"

— „עמעצער האָט אַזוי פֿיל פֿעטערס מיט אַזוי פֿיל מומעס ווי מיר?"

— „אָדער יאָ, אָדער ניין".

צוויי מינוט שפּעטער:

— „מאָטל, דו שלאָפֿסט?"

— „יאָ, וואָס איז דען?"

— „אַז דו שלאָפֿסט, טאָ ווי אַזוי רעדסטו צו מיר?"

— „דו פֿרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפֿערן".

אין דריי מינוט שפּעטער:

— „מאָטל דו שלאָפֿסט?"

— „טסס — טררר — כיל כיל — טססס"...

מאָטל כראָפּעט, און איך זיץ זיך אויף מײַן בעטל, נעם מײַן קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס.

— „אַ שטיקל פּאַפּיר", — טראַכט איך מיר, און וואָס קאָן מען דערפֿאַר ניט קויפֿן? ניס און צוקערקעס, און ראַזשינקעס, און באָקסערן, און וואָס ניט?"

איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן...
קומט אַרײַן ברײַנע פֿון קיך מיט אַ פֿול שיסל מיט קערבלעך... ברײַנע גייט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופֿט, און מאָטל שלינגט קערבלעך.

— „מאָטל!״ — שרײַ איך, — „גאָט איז מיט דיר, מאָטל, וואָס טוסטו? קערבלעך???...״

איך כאַפּ זיך אויף און שפּײַ אויס דרײַ מאָל: — „טפֿו־טפֿו־טפֿו — אַ חלום!״

באַלד שלאָף איך ווידער אײַן. (לויט שלום־עליכם)

קרובֿ, קרובֿים	חלום, חלומות	נבֿיא

פֿראַגעס:

1. וועגן וואָס טראַכט מאָטלס ברודער בײַנאַכט?
2. געדענקט איר וואָס מאָטלס ברודער פֿרעגט און וואָס מאָטל ענטפֿערט?
3. וואָס פֿאַר אַ חלום זעט מאָטלס ברודער?
4. וואָס פֿאַר אַ ייִנגל איז געווען מאָטל?
5. וואָס פֿאַר אַ ייִנגל איז געווען מאָטלס ברודער?

(korev, kroyvim) relative(s)	קרובֿ, קרובֿים
(novi) prophet	נבֿיא
to snore	כראָפּען
rouble (Russian money)	קערבל
to swallow	שלינגען
to spit out	אויסשפּײַען



חנוכּה־שטערן

זעסט, מײַן קינד ? אַכט גרויסע שטערן
גייען אויף אין זיסער פּראַכט,
און די שאָטנס בלייכער ווערן,
העלער ווערט די שוואַרצע נאַכט.

ריין און הייליק, ליב און טײַער,
דאַרפֿן אונדז אויף אייביק זײַן
זייער שטילער, מילדער פֿײַער,
זייער ליכט און זייער שײַן.

(ש. פרוג)

בלייך pale
מילד mild

חנוכּה־ליכט

א.

ס׳איז ווינטער אין ארץ־ישׂראל. אויפֿן בּרעג פֿון ים שטייט אַ קליין דערפֿל פֿון ייִדישע פֿישערס. די פֿישערס קענען איצט ניט פֿאָרן כאַפּן פֿיש. די ווינטן זײַנען צו שטאַרק. די כוואַליעס אויפֿן ים זײַנען צו גרויס:

זיצן די פֿישערס און רעדן: — „טויזנטער ייִדן פֿאָרן אין שיפֿן אויפֿן ים און מע לאָזט זיי ניט קומען צום בּרעג פֿון אונדזער לאַנד. עס פֿאָרן ייִדן וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון שלעכטע מענטשן. זיי ווילן זיך ראַטעווען אין ארץ־ישׂראל און מע לאָזט זיי ניט אַרײַן״.

די קינדער הערן וואָס די פֿישערס דערציילן און זיי זײַנען טרויעריק. די קליינע מרים, וואָס איז אַלט צען יאָר, פֿילט די טרערן אין אירע אויגן.

— „מע דאַרף זיי העלפֿן!״ — זאָגט מרים צו די קינ־דער.

— „וועמען העלפֿן?״ — פֿרעגן די קינדער.

— „מע דאַרף העלפֿן די ייִדן וואָס פֿאָרן אין שיפֿן אויפֿן ים און קענען ניט קומען צום בּרעג פֿון אונדזער לאַנד״.

אַלע קינדער האָבּ געזאָגט אַז מע דאַרף טאַקע העלפֿן, אָבער זיי האָבּן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווי צו העלפֿן.

בּ.

בּאַלד קומט דער יום־טובֿ חנוכּה. אַלע קינדער גרייטן זיך צום יום־טובֿ. מע לערנט חנוכּה־לידער און מע גרייט אַ שפּיל „די חשמונאים פֿון הײַנט״.

דער סטאָליער פֿון דערפֿל האָט געמאַכט פֿאַר די קינ־דער אַ גרויסן חנוכּה־לאָמפּ פֿון האָלץ. האָבּן די קינדער געטראַכט: וואו זאָל מען אַוועקשטעלן דעם גרויסן חנוכּה־לאָמפּ?

האָט חנה געזאָגט: — „לאָמיר אים אַוועקשטעלן אין מיטן דערפֿל און אַלע וועלן זען ווי ער לײַכט״.

אָבער מרים האָט געטראַכט און געטראַכט און זי האָט אויסגערופֿן:

— „קינדער, איך ווייס, מיר אַלע ווילן העלפֿן די ייִדישע שיפֿן וואָס פֿאָרן אויפֿן ים. וועל איך אײַך ווײַזן אַ גוט אָרט פֿאַרן חנוכּה־לאָמפּ".

און מרים מיט די קינדער זײַנען צוגעקומען צום ברעג ים. דאָרטן איז געווען אַ הויכער פֿעלדז.

— „אויפֿן פֿעלדז דאַרף שטיין דער חנוכּה־לאָמפּ!" — האָט מרים געזאָגט צו די קינדער. — „די ייִדן פֿון די שיפֿן וועלן זען דאָס ליכט פֿון דעם חנוכּה־לאָמפּ, וועלן זיי פֿאַרשטיין אַז דאָס איז ארץ־ישׂראל. זיי וועלן קומען צו אונדז בײַנאַכט".

— „זייער קלוג, מרים, זייער גוט!" — האָבן אַלע קינדער אויסגערופֿן.

ג.

די ערשטע נאַכט חנוכּה זײַנען די קינדער מיט אַלע ייִדן פֿון דערפֿל געגאַנגען צום ברעג ים. דער גרויסער חנוכּה־לאָמפּ איז געשטאַנען אויפֿן פֿעלדז. מרים און אַ ייִנגל דוד זײַנען אַרויף אויפֿן פֿעלדז, זיי האָבן אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכט. מע האָט דאָס ליכט געקענט זען ווײַט אויפֿן ים.

אַזוי האָבן זיי געטאָן אַלע נאַכט פֿון חנוכּה. מיט יעדער נאַכט איז גרעסער געוואָרן די צאָל ליכט. דער חנוכּה־לאָמפּ איז געשטאַנען אויפֿן פֿעלדז און געוואָרפֿן ליכט ווײַט אין ים.

אַ שיף האָט געבלאָנדזשעט אין מיטן ים און ניט געקענט געפֿינען דעם ברעג פֿון ייִדישן לאַנד. פּלוצלינג האָט אַ שטים אויף דער שיף אויסגערופֿן: — „איך זע ליכט! ליכט!"

— „יאָ!" — האָבן אויסגערופֿן אַ סך שטימען: — „ליכט! ליכט! דאָרטן איז אונדזער לאַנד, דאָרטן איז ארץ־ישׂראל!"

אין יענער נאַכט איז אַ שיף אָנגעקומען צום ברעג. די פֿישערס פֿון דערפֿל זײַנען אַרויס אויף זייערע שיפֿלעך צו באַגעגענען די ייִדן. עס איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט, אָבער אַלע הערצער זײַנען פֿול געווען מיט חנוכּה און מיט ליכט.

(לויט אהרן מגיד)

אַנטלויפֿן	ראַטעווען	באַגעגענען
זיך גרייטן צום יום־טובֿ		

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווער זײַנען עס געווען די ייִדן אויף די שיפֿן?
2. ווער האָט ניט געלאָזט די ייִדן קומען קיין ארץ־ישׂראל?
3. פֿאַרוואָס איז געווען גוט צו שטעלן דעם חנוכּה־לאָמפּ אויפֿן פֿעלדז בײַם ים?
4. פֿאַרוואָס האָט די שיף מיט די ייִדן ניט געקענט אין מיטן טאָג צופֿאָרן צום ברעג פֿון ארץ־ישׂראל?
5. איז געווען אַ סכּנה אַרויסצופֿאָרן אויף קליינע שיפֿלעך צו באַגעגענען די שיף?
6. זײַנען די קינדער און זייערע עלטערן געווען „חשמונאים פֿון הײַנט"? ווי אַזוי?

דערפֿל, דאָס	village	לײַכטן	to light, to shine
פֿישער, דער	fisherman	בלאָנדזשען	to get lost
סטאָליער, דער	carpenter	חשמונאים	(Khashmenoyim)
פֿעלדז, דער	cliff	מרים	(Miryam)



לכּבֿוד חנוכּה

דער טאַטע צינדט אַכט ליכטלעך אָן,
באַדינט פֿון שמש איינעם —
און אַלץ לכּבֿוד חנוכּה,
דעם יום־טובֿ אונדזער שיינעם.

דער לערער שענקט אַ דריידל מיר
פֿון בלײַ געגאָסן ריינעם,
און אַלץ לכּבֿוד חנוכּה,
דעם יום־טובֿ אונדזער שיינעם.

הייסע לאַטקעס באַקט די מאַמע
פֿאַר מיר — איר זון דעם קליינעם,
און אַלץ לכּבֿוד חנוכּה,
דעם יום־טובֿ אונדזער שיינעם.

ס׳האָט מײַן פֿעטער מיר געשאָנקען
אַ גראָשנדל אַ קליינעם —
און אַלץ לכּבֿוד חנוכּה,
דעם יום־טובֿ אונדזער שיינעם.

(ח. נ. ביאַליק — ייִדיש: י. גויכבערג)

לכּבֿוד	(lekoved) in honor of	געגאָסן	smelted, cast
שענקען	to give a present	באַדינען	to wait on, to serve
געשאָנקען	gave a present	גראָשנדל	penny





דאָס ליד פֿון ברויט

פֿאַר די הענטלעך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:
גאָט געטרײַער, גיב אַ רעגן
פֿון די קליינע קינדערס וועגן!

ווײַזט אַ וואָלקן זיך פֿון אויבן —
נעמען זיך די פֿעלדער שטויבן,
און אַ רעגן — פערל־ריין —
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ, הייבט אָן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן.
זײַנען גרינע קאָרן־זאַנגען
פֿון די בייטן אויפֿגעגאַנגען.

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פֿאַלן.
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פֿעלדער געל ווי גאָלד,
פֿול מיט קאָרן, קאָרן־גאָלד.

נעמען פֿולע פֿורן פֿאָרן,
פֿורן פֿאָרן, פֿירן קאָרן,
דורך די בערג און דורך די טאָלן,
אין די מילן דאָס צו מאָלן.

הייבן אָן די ווינטן ווייען,
און די מילן־פֿליגל — דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פֿון דעם קאָרן ווײַסע מעל.

קויפֿט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פֿאַרהייצט זײַן גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פֿײַער, שײַטלעך קנאַקן.
נעמט דער ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפֿן מאַמעס ברויט דעם פֿרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן.
עסן קינדער פֿרישן ברויט,
זײַנען זיי געזונט און רויט.

(מאַני לייב)

רינג, דער	circle
שטויבן	to dust
פערל	pearl
צעשפרייטן (זיך)	to spread
צעאַקערן	to plough up (of a garden or field)
בייט, די	seed-bed
קאָרן, דער	rye
זאַנגען	stalks
אויפֿגעגאַנגען	rose
וואַרעמען	to warm
פֿור, די	waggon
בערג	hills, mountains

טאָל, טאָלן	valley, valleys
מיל	mill
מאָלן	to grind
ווייען	to blow
שנעל	fast
מעל	flour
הייוון	yeast
פֿאַרהייצן	to make a fire, to heat
אויוון	oven, stove
שײַטל, שײַטלעך	piece(s) of wood
קנאַקן	to crackle
דערלאַנגען	to give, to hand, to serve

דער פּויער און דער אוצר

אַמאָל האָט אַ פּויער געאַקערט זײַן פּעלד. האָט דער אַקער אָנגעטראָפֿן אַ האַרטן שטיין. דער פּויער האָט אויסגעגראָבן דעם שטיין. האָט ער אונטערן שטיין געפֿונען אַן אוצר פֿון גאָלד און זילבער.

דער פּויער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט און ער איז מיט דעם אוצר אַוועק אַהיים. ער האָט פֿאַרבעטן אויף אַ רײַכער שׂמחה זײַנע קרובֿים און זײַנע פֿרײַנד. ער האָט זיי געוויזן דאָס גאָלד און דאָס זילבער וואָס ער האָט געפֿונען.

פֿון דעמאָלט אָן האָט דער פּויער מער ניט געאַרבעט. וואָס טויג אים צו אַקערן און צו זייען און צו האָרעווען מיטן שווייס פֿון זײַן פּנים? ער האָט דאָך אַ גרויסן אוצר. ער קען פֿירן אַ רײַך לעבן. דער פּויער האָט געגעסן פֿון דעם גרייטן געלט. דער אוצר איז פֿון טאָג צו טאָג קלענער געוואָרן, ביז דער פּויער האָט מער קיין געלט ניט געהאַט.

אין די אַלע יאָרן האָט קיינער ניט באַאַרבעט דאָס פּעלד. די ערד איז געוואָרן האַרט. דאָס גאַנצע פּעלד איז געוואָרן פֿול מיט דערנער. אָבער די נויט בײַם פּויער איז שוין געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער האָט גענומען דעם אַקער און איז אַרויס אין פּעלד. דער אַקער האָט זיך צעבראָכן אין דער האַרטער ערד.

דער פּויער האָט גענומען וויינען: — „פּעלד מײַנס, אַמאָל האָסטו דאָך מיך גליקלעך געמאַכט. לאָז איצט, איך זאָל דיך אַקערן און איך זאָל קענען זייען, כּדי איך זאָל האָבן אַ שטיקל ברויט. איך שטאַרב פֿון הונגער".

— „ניין", — האָט דער פּויער געהערט אַ קול פֿון דער ערד: — „דו האָסט ניט געוואָלט מיך באַאַרבעטן, בין איך געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין. געלט ווערט ווייניקער, ביז עס

בלײַבט גאָרניט. די ערד איז אָבער אייביק. ווער עס באַאַר־
בעט געטרײַ די ערד עסט ברויט און איז זאַט. דו האָסט זיך
פֿאַרלאָזן אויף גאָלד און אויף זילבער און דו האָסט מיך פֿאַר־
געסן. עס איצט מײַנע דערנער!"

אַזוי האָט די ערד פֿאַרטריבן פֿון זיך דעם נאַרישן פויער.

וואָס טויג מיר	פֿירן אַ רײַך לעבן
פֿאַרבעטן אויף אַ שמחה	פֿאַרטרײַבן — פֿאַרטריבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי אַזוי האָט דער פויער געפֿונען דעם אוצר?
2. וואָס האָט ער געטאָן, ווען ער האָט געפֿונען דעם אוצר?
3. פֿאַרוואָס האָט ער מער ניט געאַרבעט?
4. ווי אַזוי איז פֿון דעם אוצר גאָרניט געבליבן?
5. וואָס איז געוואָרן פֿון דעם פֿעלד?
6. האָט די ערד געדאַרפֿט פֿאַרטרײַבן דעם נאַרישן פויער?
7. וואָס איז געווען דעם פויערס אמתער אוצר?

פויער, דער	peasant
אָנגעטראָפֿן	hit and struck
האַרט	hard
שווייס, דער	sweat
דערנער	thorns

דרײַ גרויסע מענטשן

א קיניג האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ באַ־פֿעל: קיינער טאָר ניט גיין אין גאַס נאָך האַלבער נאַכט! אויב עמעצער וועט גיין אין גאַס נאָך האַלבער נאַכט, וועט מען אים טייטן!

פּאָליציסטן זײַנען געגאַנגען אי־בער די גאַסן, כּדי מע זאָל אָפּהיטן דעם קיניגס באַפֿעל. אַלע האָבן מורא געהאַט. קיינער איז נאָך האַלבער נאַכט ניט געווען אויף די גאַסן פֿון דער שטאָט.

אײן מאָל האָבן די פּאָליציסטן געזען דרײַ מענטשן וואָס שפּאַצירן אין מיטן נאַכט אויף דער גאַס. מע האָט זיי אָפּגעשטעלט און גענומען זיי פֿרעגן:

— „האָט איר געהערט פֿון דעם קיניגס באַפֿעל?"

— „יאָ, מיר האָבן געהערט", — האָבן אַלע דרײַ געענטפֿערט.

און איינער פֿון די דרײַ האָט געזאָגט:

— „איך האָב ניט מורא. מיך וועט מען ניט טייטן. פֿאַר מיר נעמען אַלע אַראָפּ דאָס היטל. דער קיניג אַליין נעמט אַראָפּ זײַן קרוין פֿאַר מיר".

און דער צווייטער האָט געזאָגט:

— „איך האָב ניט מורא. מיר וועט מען קיין זאַך ניט טאָן. אַפֿילו די זין פֿון דעם קיניג און פֿון די גרעסטע האַרן מוזן טאָן וואָס איך הייס זיי טאָן".

און דער דריטער האָט געזאָגט:

— „אַז מיר וואָלט דער קיניג ניט געקענט אָנטאָן זײַנע קיניגלעכע בגדים". די פּאָליציסטן האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר די דרײַ מענטשן און זיי האָבן געטראַכט: דאָס מוזן זײַן די גרעסטע האַרן אין לאַנד. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די מענטשן. מע האָט זיי געהיט ביז עס איז געקומען דער פֿרימאָרגן. מע האָט זיי געבראַכט פֿאַרן קיניג און מע האָט דערציילט דעם קיניג וואָס די דרײַ מענטשן האָבן געזאָגט.

האָט דער קיניג געפֿרעגט דעם ערשטן:

— „איז טאַקע אמת אַז דו האָסט געזאָגט, אַז פֿאַר דיר נעמען אַלע מענטשן אַראָפּ דאָס היטל און דער קיניג אַליין נעמט פֿאַר דיר אַראָפּ די קרוין?"

— „יאָ", — האָט געענטפֿערט דער ערשטער, — „איך בין אַ שערער".

האָט דער קיניג געפֿרעגט דעם צווייטן:

— „איז עס אמת אַז אַלע זין פֿון דעם קיניג און פֿון אַלע האַרן מוזן טאָן וואָס דו הייסט?"

— „יאָ", — האָט געענטפֿערט דער צווייטער, — „איך בין אַ לערער".

האָט דער קיניג געפֿרעגט דעם דריטן:

— „איז אמת אַז דו האָסט געזאָגט אַז אָן דיר וואָלט איך ניט געקענט אָנטאָן מײַנע קיניגלעכע קליידער?"

— „יאָ", — האָט געענטפֿערט דער דריטער — „איך בין אַ שנײַדער".

האָט דער קיניג געזאָגט:

— „טאַקע אמת, איר זײַט דרײַ גרויסע לײַט פֿון מײַן מדינה. קען איך אײַך ניט באַשטראָפֿן".

און דער קיניג האָט אָפּגעשאַפֿט דעם נאַרישן באַפֿעל.

אַראָפּנעמען דאָס היטל
דאָס מוז זײַן אַ גרויסער מאַן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס איז דעם קיניגס באַפֿעל געווען אַ נאַרישער?
2. וואָס האָבן געזאָגט די דרײַ גרויסע מענטשן?
3. זײַנען געווען נאָך אַזעלכע גרויסע מענטשן אין דער מדינה?
4. וואָס וואָלט געקאָנט זאָגן אַ שוסטער? אַ סטאָליער? אַ בעקער? אַ פּויער?
5. ווער איז אַ גרויסער מענטש?

האַלבע נאַכט	midnight	שערער	barber
אָפּהיטן	to obey	מדינה, די	(medine) country, state
אַראָפּנעמען	to take off	באַשטראָפֿן	to punish
קיניגלעך	royal	אָפּשאַפֿן	to abolish
בגדים	(bgodim) clothes		

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל
נײי איך מיר בכּבֿוד גדול } 2 מאָל

און אַז איך האָב אַ נאָדל מיט אַ פֿאָדעם
נײי איך מיר די שענסטע בגדים.
מיט אַ נאָדל...

אָבי איך נעם די שער און אײַזן,
קען איך מײַן ווײַב און קינדער שפּײַזן.
מיט אַ נאָדל...

זיצן זיץ איך אַ פֿוס אויף אַ פֿוס
און זינג מיר אַ לידעלע צוקער־זיס.
מיט אַ נאָדל...

(פֿאָלקסליד)

בכּבֿוד גדול	(bekoved godl) with great pleasure and pride	בגדים	(bgodim) clothes
		שפּײַזן	to feed

מוזסט ווערן בעסער צו דײַן אַרבעטער!

רבֿ הונאָ איז געווען אַ רײַכער מאַן. ער האָט געהאַנדלט מיט ווײַן. איין מאָל זײַנען בײַ אים זויער געוואָרן פיר הונ־דערט פֿעסלעך ווײַן. האָט ער דעם זויערן ווײַן קיינעם ניט געקענט פֿאַרקויפֿן. האָט רבֿ הונאָ פֿאַרלאָרן אַ סך געלט און איז געווען טרויעריק.

זײַנע חבֿרים זײַנען געקומען צו אים כּדי אים צו טרייסטן. האָבן זיי אים געזאָגט:

— „אפֿשר האָסטו געטאָן אַ שלעכטע זאַך? אפֿשר האָסטו געזינדיקט און דאָס איז גאָטס שטראָף?"

רבֿ הונאָן זײַנען ניט געפֿעלן געוואָרן די רייד פֿון זײַנע חבֿרים און ער האָט זיי געפֿרעגט:

— „מיינט איר אַז איך טו שלעכטס? מיינט איר אַז איך זינדיק?"

האָבן זײַנע חבֿרים אים רואיק געזאָגט:

— „און דו מיינסט אפֿשר אַז גאָט שטראָפֿט אומזיסט אַ מענטשן?"

האָט רבֿ הונאָ פֿאַרשטאַנען אַז זיי ווילן עפּעס אים זאָגן און זיי האַלטן זיך אײַן. האָט ער געזאָגט:

— „איר זײַט דאָך מײַנע פֿרײַנד, זאָגט מיר אָפֿן וואָס איר ווילט מיר זאָגן. זאָגט! איך וועל ניט זײַן אין כּעס".

האָבן די חבֿרים אים דערציילט:

— „מיר האָבן געהערט אַז דו ביסט ניט גוט צו דײַן אַרבעטער וואָס אַרבעט בײַ דיר".

האָט רבֿ הונאָ זיך פֿאַרענטפֿערט:

— „דער אַרבעטער איז מיר ניט געטרײַ. ער האָט אַ פּאָר מאָל געגנבֿעט בײַ מיר".

האָבן די חבֿרים געזאָגט:

— „דו מוזסט ווערן בעסער צו דײַן אַרבעטער. קען זײַן ער איז דיר נישט גענוג געטרײַ, ווײַל דו ביסט ניט גענוג גוט צו אים. דו מוזסט ווערן בעסער צו דײַן אַרבעטער!"

רבֿ הונאָ האָט אַ ביסל געטראַכט און האָט צוגעזאָגט:

— „פֿון הײַנט און ווײַטער וועט מײַן אַרבעטער שוין ניט קענען מער זיך באַקלאָגן אויף מיר".

באַקלאָגן זיך אויף עמעצן	זיך פֿאַרענטפֿערן
פֿאַרשטיין, פֿאַרשטאַנען	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי אַזוי האָט רבֿ הונאָ פֿאַרלאָרן אַ סך געלט?
2. וואָס האָבן אים געזאָגט זײַנע חבֿרים?
3. ווי האָט רבֿ הונאָ זיך פֿאַרענטפֿערט?
4. וואָס קענען מיר דאָ לערנען וועגן רבֿ הונאָ און זײַנע פֿרײַנד?

רבֿ, רבי (rav, rebbe)
זויער sour
פֿעסל, דאָס barrel
זינדיקן to sin
שטראָף, די punishment

שטראָפֿן to punish
פֿאַרענטפֿערן זיך to apologize, to justify, to defend oneself
באַקלאָגן זיך to complain

איידער גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן

א. די רייד פֿון די מלאָכים

גאָט האָט געזאָגט צו די מלאכים:

— „לאָמיר באַשאַפֿן אַ מענטשן אין אונדזער געשטאַלט".

זײַנען די מלאכים געווען אומצופֿרידן און זיי האָבן געזאָגט:

— „גרויסער גאָט, דו האָסט באַשאַפֿן די ערד און די הימלען, און די ימען, און די פֿעלדער, און די וועלדער, און אַלע באַשעפֿענישן אין זיי. דו האָסט אויך באַשאַפֿן אונדז, די מלאכים, וואָס מיר לויבן דײַן נאָמען. צו וואָס דאַרפֿסטו נאָך באַשאַפֿן אַ מענטשן פֿון פֿלייש און בלוט?"

און דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויפֿן טאָג האָט געזאָגט:

— „עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען דער מענטש וועט פֿינצטער מאַכן דאָס ליכט פֿון טאָג, ווײַל ער וועט זינדיקן און טאָן שלעכטס".

און דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויף דער נאַכט האָט געזאָגט:

— „עס וועלן זײַן נעכט, ווען דער מענטש וועט רויבן און מאָרדן, ווען ער וועט פֿאַרגיסן בלוט און טאָן אַ סך שלעכטס".

דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויף דער זון האָט געזאָגט:

— „דער מענטש וועט דינען צו דער זון ווי צו אַ געץ און וועט ניט גיין אין די וועגן פֿון דעם אמתן גאָט".

און דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויף דער לבֿנה האָט געזאָגט:

— „דער מענטש וועט דינען צו דער לבנה ווי צו אַ גאָט און וועט פֿאַרגעסן דעם אמתן גאָט".

און דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויפֿן פֿײַער האָט געזאָגט:

— „מיט פֿײַער וועט דער מענטש צעשטערן אַלץ וואָס איז שיין אויף דער ערד. און דער מענטש וועט זאָגן ליגנס און זיך קריגן מיט זײַן חבֿר, און אַלץ וועט צעשטערט ווערן אַזוי ווי דורך פֿײַער".

און דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויפֿן וואַסער האָט געזאָגט:

— „דער מענטש וועט מאַכן שמוציק דאָס וואַסער. ער וועט וואַרפֿן אין וואַסער זײַן מיסט".

און דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויפֿן שניי האָט געזאָגט:

— „אַלץ וואָס איז ווײַס און שיין, און ריין, און גלאַנצט — וועט דער מענטש שמוציק מאַכן מיט זײַנע זינד".

און אַזוי האָבן גערעדט מלאך נאָך מלאך, און אַלע זײַנען זיי געווען קעגן דעם אַז גאָט זאָל באַשאַפֿן דעם מענטשן. דער לעצטער האָט גערעדט דער מלאך פֿון שלום. ער האָט גערעדט און טרערן זײַנען אים געשטאַנען אין די אויגן.

— „דער מענטש וועט פֿירן מלחמות. אַ פֿאָלק וועט אויפֿשטיין קעגן אַ פֿאָלק. מע וועט צעשטערן שטעט, מע וועט צעשטערן גאַנצע לענדער, מע וועט אויסהרגענען מיליאָנען מענטשן, אַלמנות און יתומים וועלן זײַן אומעטום. צו וואָס דאַרף מען דעם מענטשן?"

אַלמנה — אַלמנות	יתום — יתומים	מלחמה — שלום

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט געזאָגט דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויף דער נאַכט?
2. וואָס האָט געזאָגט דער מלאך וואָס פּאַסט אויף אויפֿן שניי?
3. וואָס האָט געזאָגט דער מלאך פֿון שלום?

4. וואָס האָבן געזאָגט די אַנדערע מלאכים?
5. זײַנען די מלאכים געווען גערעכט?
6. וואָס, מיינט איר, קען מען ענטפֿערן די מלאכים?

געשטאַלט	image, likeness	פֿאַרגיסן	to spill
וועלדער	woods, forests	צעשטערן	to destroy
באַשעפֿעניש	creature	שמוציק	dirty, filthy
אויפֿפּאַסן	to take care of	מיסט	refuse, rubbish
רויבן	to rob	אַלמנה	(almone) widow
מאָרדן	to murder	יתום	(yosem) orphan

ב. גאָטס ענטפֿער

האָט גאָט זיי געענטפֿערט:

— „איר זײַט אַלע ליכטיקע מלאכים, אָבער הײַנט רעדט איר פֿינצטערע רייד. איך וועל באַשאַפֿן דעם מענטשן, ווײַל ער וועט ווערן מײַן שותּף. דאָס וואָס איך האָב באַשאַפֿן — וועט דער מענטש נאָך בעסער מאַכן.

דער מענטש וועט אַרבעטן. זײַן אַרבעט וועט שענער מאַכן די וועלט.

ער וועט אַקערן און זייען אין די פֿעלדער; ער וועט אַרויסברענגען ברויט פֿון דער ערד.

ער וועט היטן די שאָף, שערן זייער וואָל און מאַכן בגדים.

ער וועט קאָכן און באַקן און וועט שאַפֿן שפּײַז.

ער וועט פֿלאַנצן פֿרוכטביימער, און ער וועט אַליין שאַפֿן אַזעלכע פֿרוכטן וואָס ער וועט פֿריִער זיי ניט געפֿינען אויף דער ערד.

ער וועט נעמען די ווינטן און זיי אײַנשפּאַנען אין זײַנע מילן און אין זײַנע זעגלען. ער וועט פֿון ים מאַכן לאַנד און פֿון לאַנד מאַכן וואַסערן.

ער וועט בויען הײַזער און שטעט.

ער וועט ווערן דער האַר איבער אַלע מײַנע באַשעפֿע־
נישן און זיי אויסניצן פֿאַר זיך.

עס וועלן זײַן קלוגע מענטשן וואָס וועלן לערנען תּורה און וואָס וועלן אויסגעפֿינען אַלערליי וויסנשאַפֿטן".

האָבן די מלאכים געזאָגט:

— „האַר פֿון דער וועלט, אויב עס איז דײַן ווילן צו באַשאַפֿן דעם מענטשן אין דײַן געשטאַלט — באַשאַף אים. אָבער זאָג אונדז, מיט וואָס וועט דער מענטש זײַן אַנדערש ווי מיר?"

— „דער מענטש איז אַנדערש ווי איר", — האָט גאָט געזאָגט, — „אַלץ וואָס איר האָט פֿריִער געזאָגט איז אויך אמת. דער מענטש וועט אָבער וועלן זײַן בעסער. ווען איר וועט זען אַז דער מענטש וויל ווערן בעסער, וועט איר אַלע זיך פֿרייען. איר וועט אַלע זיך פֿרייען מיט יעדער זאַך וואָס דער מענטש וועט אויפֿטאָן".

און גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט.

אַרבעט	וויסנשאַפֿט	תּורה
איך טו אויף — איך האָב אויפֿגעטאָן		

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס טוט דער מענטש אויף מיט זײַן אַרבעט?
2. פֿאַרוואָס קען מען זאָגן אַז דער מענטש איז גאָטס שותּף?
3. מיט וואָס איז דער מענטש אַנדערש ווי די מלאכים?
4. וואָס הייסט עס: „גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט"?

שותּף	(shutef) partner	שפּײַז	food
אַרויסברענגען	to bring out	אַזעלכע	such
שערן	to cut with scissors	אײַנשפּאַנען	to harness
שאַפֿן	to produce	אויסניצן	to use (up)
אויפֿטאָן	to achieve	וויסנשאַפֿט	knowledge, science

דער בריוטרעגער

אין דרויסן האָט גערעגנט,
אין דרויסן האָט געשנייט —
פֿאַר אים איז עס קיין תּירוץ ניט,
נאָר ער גייט און גייט...

אַ גרויסער זאַק אַ פֿולער
אויף זײַן אָרעם הענגט,
און אין זאַק אַ וועלט מיט בריוו
פֿאַר אַלעמען ער ברענגט.

מעג דונערן און בליצן,
צי בײַסן גאָר אַ פֿראָסט —
דער בריוטרעגער דער גוטער
צעטראָגט געטרײַ די פּאָסט.

— בריוטרעגער, דו ליבינקער,
אפֿשר האָסטו הײַנט
אויך פֿאַר מיר אַ בריוו געבראַכט
פֿון מײַן גוטן פֿרײַנד?

שמייכלט ער און גיט אַ זאָג:
געטראָפֿן! כ'האָב פֿאַר דיר
און פֿאַר דײַנע טײַערע
גאַנצע בריוולעך פֿיר.

טאָמער טרעפֿט אַ טאָג אַז ס'איז
פֿאַר דיר קיין בריוו ניטאָ,
טרייסט ער דיך און שמייכלט ווידער:
מאָרגן, אפֿשר — יאָ...

אין רעגנס, צי אין שנייען,
אין היצן, צי אין קעלט,
ברענגט ער תּמיד מענטשן גרוסן
פֿון דער גאָרער וועלט.

(וואָלף יונין)

עס טרעפֿט, ער טרעפֿט, געטראָפֿן
גיט אַ זאָג

(teretz) excuse	תּירוץ
let it	מעג — דאָ:
to carry, to deliver	צעטראָגן — דאָ:
mail	פּאָסט, די
in case, maybe	טאָמער
to happen	טרעפֿן — דאָ:
(tomid) always	תּמיד
greetings, regards	גרוסן

אין ערגעץ־לאַנד

א.

הינטער דער שטאָט, אויף אַ בערגל אַ ליימיקן, שטייען צוויי קליינע הײַזלעך. אין איין הײַזל האָט געוואוינט אַ האָלץ־העקער. ער פֿלעגט אַ גאַנצן זומערטאָג האַקן האָלץ אין די הויפֿן. זײַן ווײַב פֿלעגט אַרומגיין אין די רײַכע הײַזער און באַקן לעקעך.

אין דעם צווייטן הײַזל האָט געוואוינט אַ טרעגער. ער איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק און געוואַרט, מע זאָל אים רופֿן ערגעץ אָפּטראָגן סחורה. זי — זײַן ווײַב — איז, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, אַ קראַנקע געווען און דערמאָלט געלעגן אין שפּיטאָל.

איין מאָל אין דער פֿרי, אַ שיינער זומערטאָג געווען, די עלטערע פֿון די הײַזלעך זײַנען שוין לאַנג אין שטאָט. קומט אַרויס פֿון איין הײַזל איציקל, קוקט זיך אום אין אַלע זײַטן, צי איז שוין שיינדעלע ניט אַרויסגעקומען. זעט ער אַז ניט. גייט ער צו איר פֿענצטערל צו און קוקט אַרײַן. זעט ער, אַז שיינדעלע שטייט בײַ אַ שיסל וואַסער. זי דאַרף זיך וואַשן.

קלאַפּט ער, איציקל, אין שײַבל פֿון פֿענצטערל:

— „שיינדעלע!"
— „וואָס, איציקל?"
— „וואַש זיך, טו זיך אָן און קום אַרויס. מיר וועלן עפּעס טאָן".
— „וואָס?"
— „וועסט שוין זען. עס איז מיר עפּעס אײַנגעפֿאַלן... גיכער"...

אַז שיינדעלע איז אַרויסגעקומען פֿאַר דער טיר, זאָגט זי:

— „איציקל, וואָס טוסטו?"

זעט זי ערשט אַז איציקל גראָבט ליים.

— „שיינדעלע, פֿאַר ליים צאָלט מען אין שטאָט געלט; פֿאַר אַ מולטער ליים גיט מען צוויי, דרײַ גראָשן. איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַז מיר זאָלן גראָבן ליים".
— „איך אויך?"
— „דו אויך, שיינדעלע! מיר וועלן פֿאַרקויפֿן ליים אין שטאָט, און פֿאַרן געלט עפּעס קויפֿן פֿאַר דײַן מאַמען אין שפּיטאָל אַרײַן".
— „אוי, אַ גוטער דו ביסט, איציקל!" — שרײַט אויס שיינדעלע און קושט איציקלען, — „אוי, ווי ליב האָב איך דיך!"
— „שפּעטער, שפּעטער! פֿריִער אַרבעטן, געלט פֿאַרדינען, עפּעס קויפֿן דער מאַמען דײַנער!"
— „אמת, אמת!" — זאָגט שיינדעלע און לאָזט די פֿינגערלעך אין ליים אַרײַן.

ניט פֿאַר מיר (אײַך) געדאַכט עס איז מיר אײַנגעפֿאַלן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען איציקלס פֿאָטער?
2. ווער איז געווען שיינדעלעס פֿאָטער?

3. וואו איז געווען שיינדעלעס מוטער?

4. פֿאַרוואָס זײַנען די קינדער געבליבן אַליין אין די הײַזלעך?

5. וואָס איז איציקלען אײַנגעפֿאַלן?

ערגעץ	somewhere	אײַנפֿאַלן	to occur to one
ליים	clay	צאָלן	to pay
ליימיק	clayey, muddy	מולטער	trough, an open boxlike long and narrow receptacle
האָלצהעקער	wood-cutter		
לעקעך	ginger-cake, honey-cake		
טרעגער	porter, carrier	ניט פֿאַר אײַך געדאַכט	may this never happen to you
שײַבל	small window pane		

בּ.

איציקל גראָבט, שיינדעלע נעמט צוזאַמען די ליים... און שרײַט אויס:

— „איציקל, פֿול!"

כאַפּט איציקל דאָס מולטערל אויף די פּלייצעס.

— „האַלט אונטער, שיינדעלע!"

שיינדעלע האַלט אונטער, און זיי גייען ביידע פֿון ליי-מיקן בערגל אַראָפּ. גלײַך אונטערן בערגל, זעען זיי, זיצט עמעז, עפּעס אַ יונגערמאַן.

— „כ'האָב מורא!" — שטעלט זיך שיינדעלע אָפּ.

— „ע, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? איך וועל צו אים צוגיין".

— „אַז דו וועסט צוגיין, גיי איך אויך... כ'וועל דיך אַליין ניט לאָזן".

נעמט איציקל אַראָפּ דאָס מולטערל פֿון די פּלייצעס און גייט צו צום יונגנמאַן און דערלאַנגט אים אַ שלום-עליכם.

דער יונגערמאַן וועקט זיך אויף ווי פֿון אַ שלאָף...

— „שלום-עליכם!... אײַ — צוויי קינדערלעך..."

— „כ'האָב אײַך געוועקט?"

— „עט! אַ ביסל אײַנגעדרימלט, מיד פֿון וועג".

— „פֿון וויַט?“ — פֿרעגט איציקל.
זאָגט שיינדעלע:
— „איר דאַרפֿט אין שטאָט אַריַין? וועלן מיר איַיך וויַיזן“.
— „מיר טראָגן“ — זאָגט איציקל — „ליים אין שטאָט אַריַין“.
— „צו וואָס?“
— „געלט פֿאַרדינען“.
— „פֿאַר מיַין מאַמען אין שפּיטאָל אַריַין עפּעס צו קויפֿן“ — זאָגט שיינדעלע.
זאָגט דער פֿרעמדער: „נאַרישקייטן!“
— „איך גיי“ — זאָגט ער — „ניט אין איַיער שטאָט אַריַין, וויַיל מען אַרבעט דאָרט“.
איציקל מאַכט אַ ניט־גלייביקע מינע. שיינדעלע פֿרעגט:
— „וואוהין דען? וואו מען אַרבעט ניט? אַפּילו על־טערע? וואו קיינער אַרבעט ניט?“
— „קיינער!“ — ענטפֿערט דער פֿרעמדער.
איציקל שמייכלט ניט־גלייביק.
— „איר ווילט זען? קומט מיט מיר!“ — זאָגט דער פֿרעמדער.
— „וואוהין?“
— „קיין ערגעץ“...
— „אַזאַ שטאָט?“
— „אַזאַ לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד“, — דערציילט דער פֿרעמדער — „דאָס גאַנצע לאַנד, וואוהין איך גיי און קען איַיך נעמען מיט זיך, איז איין גאָרטן. און דאָרטן וואַקסן אַלערליי פֿרוכטן...“
— „ריַיסט מען?“
— „ניין. ריַיסן איז אויך אַן אַרבעט. מע גייט נאָר צו:

„בוים, בוים, גיב אַ פֿרוכט!" — בייגט דער בוים אײַן אַ צווײַג צום מויל, מיט אַן עפּל, מיט אַ באַרנע, מיט אַ מאַראַנץ, מיט וואָס איר ווילט..."

— „בײַסט מען אָפּ?"

— „ניין. בײַסן איז אויך אַן אַרבעט. מע גיט אַ שלונג, און די פֿרוכטן זײַנען דאָרט אַזוינע אַז זיי צעגייען זיך אַליין אין מויל".

— „נאָר פֿרוכטן?" — פֿרעגט איציקל.

— „ברויט אויך, זעמל אויך; אויף קליינעביימעלעך וואַקסן זיי, שוין געבאַקענע און זיסע... און בלומען אויך..."

— „שטענדיק?" — פֿרעגט שיינדעלע — „זומער און ווינטער?"

זאָגט דער פֿרעמדער: — „דאָרט איז קיין ווינטער ניטאָ. קיין שניי און קיין רעגן ניט. שטענדיק פֿרישע בלומען".

געבן, דערלאַנגען אַ שלום־עליכם עס צעגייט אין מויל
שלינגען — געבן אַ שלונג

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווען הערט אויף איציקל צו גראָבן ליים?
2. האָט איציקל מורא פֿאַר דעם פֿרעמדן?
3. וואָס זאָגט דער פֿרעמדער, ווען איציקל דערציילט אים צו וואָס ער און שיינדעלע גייען אין שטאָט?
4. פֿאַרוואָס וויל ניט דער פֿרעמדער גיין אין שטאָט?
5. וואָס לייגט דער פֿרעמדער פֿאָר (proposes)?
6. וואָס דערציילט ער וועגן ערגעץ־לאַנד?

אונטערהאַלטן	to support	ניט־גלייביק	doubtful
עמעץ, עמעצער	somebody	באַרנע, די	pear
יונגערמאַן	young man	מאַראַנץ, דער	orange
פֿרעמדער	stranger	זעמל	roll
נאַרישקייט	foolishness, stupidity	עס צעגייט אין מויל	it melts in your mouth

ג.

— „און מענטשן וואָס טוען?" — פֿרעגט איציקל.

— „גאָרניט. ליגן אין שאָטן פֿוןביימער און האָבן פֿאַרגעניגן. און ווערט מען הונגעריק, זאָגט מען: בוים, בוים... ווי איך האָב איַיך דערציילט..."

איציקל פֿאַרטראַכט זיך.

— „עפּעס אַ פּישוף", — זאָגט שיינדעלע, — „אַ פּישוף".

— „ערגעץ־לאַנד", — זאָגט דער פֿרעמדער. — „קומט, קינדערלעך, אין ערגעץ־לאַנד..."

און ער הייבט זיך אויף צו גיין.

— „ס'איז וויַיט?" — פֿרעגט שיינדעלע.

— „איך גיי ניט!" — שריַיט אויס איציקל.

— „פֿאַרוואָס?" — פֿרעגט דער פֿרעמדער.

— „וואָס וועל איך דאָרטן טאָן?" — פֿרעגט איציקל צוריק.

— „פֿאַרגעניגן האָבן!" — זאָגט דער פֿרעמדער, — „ליגן זיך אויף בלומען... עסן, טרינקען..."

— „און שפּעטער?"

— „וויַיטער ליגן..."

— „נאַריש!"

— „אָבער ניט אַרבעטן..."

— „ניין!" — ענטפֿערט איציקל, — „איך וואָלט משוגע געוואָרן פֿונעם ליידיק גיין. ווי קאָן מען עס ליגן?"

— „גייט מען שפּאַצירן".

— „אויך מיר אַ גאַנג. ניין! איך גיי ניט!" — שריַיט אויס איציקל.

— „און דו, שיינדעלע?"

שיינדרעלע טראַכט ניט לאַנג: „אַז דו — ניט, איך — אויך ניט".

דער פרעמדער גייט אוועק.

— „ווייסט, שיינדרעלע", — פרעגט איציקל, — „ווער דאָס איז געווען?" — און ענטפערט אַליין: — „דער יצר־הרע פון לײדיק גיין".

— „קום", — שפרינגט שיינדרעלע אויף, — „לאָמיר גיין מיטן מולטערל ליים".

און זיי האָבן אַזוי געטאָן.

ווי מיינט איר, קינדער, זיי האָבן גוט געטאָן?

(י. ל. פרץ)

כישוף	האָבן פאַרגעניגן	אויך מיר אַ גיין

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס טוען מענטשן אין ערגעץ־לאַנד?
2. וואָלט איר געקענט לעבן אין ערגעץ־לאַנד?
3. קען מען משוגע ווערן פון לײדיק גיין?
4. האָט מען פאַרגעניגן פון אַרבעטן?

פאַרגעניגן	pleasure
כישוף	(kishef) magic
לײדיק גיין	to be an idler
יצר־הרע	(yeytser-hore) evil inclination

ייִדיש לשון

ייִדיש לשון, האַרציק לשון
פֿון מיליאָנען ברידער!
מאַמעס, באָבעס האָבן אונדז
געזונגען שיינע לידער.

זיידעס האָבן מעשׂהלעך
אויף ייִדיש אונדז געגעבן,
ייִדיש לשון, מאַמע־לשון,
פֿרייד פֿון אונדזער לעבן!

(א. שינדלער)

(loshn) language לשון

אַ פּאַריזער מיידעלע אין ניו־יאָרק

א.

ווען חנהלע איז געקומען אַהיים פֿון דער שול, האָט די מאַמע געפֿרעגט:

— „נו, חנהלע, ווי איז דיר געגאַנגען?"

האָט חנהלע שטיל געענטפֿערט:

— „ניט גוט, מאַמע. איך האָב גאָרניט פֿאַרשטאַנען וואָס די לערערין האָט געזאָגט".

האָט די מאַמע זי געטרייסט:

— „עס איז דאָך נאָר דער ערשטער טאָג. דו וועסט פֿאַרשטיין אַלץ, פּונקט ווי אַלע קינדער".

אָבער חנהלע איז געווען טרויעריק. אין פּאַריז איז זי געווען אַ גוטע שילערין. זי האָט שוין געקענט לייענען. זי האָט געקענט אויף אויסווייניק לידעלעך. אָבער דאָרטן איז אַלץ געווען אויף פראַנצייזיש.

חנהלע איז אין פּאַריז געגאַנגען אויך אין אַ ייִדישער שול און זי האָט געקענט אויף אויסווייניק אַ סך ייִדישע לי־דער. ווען עס איז געווען דער יום־טוב חנוכּה, האָט זי גע־האַט אַ ראָלע אין דער קינדער־שפּיל. זי קען נאָך איצט אויף אויסווייניק די גאַנצע ראָלע. אָבער דאָ אין דער ענגלי־שער שול אין ניו־יאָרק זיצט זי ווי אַ שטומע.

לעבן איר זיצט אַ ייִנגעלע. ער האָט עטלעכע מאָל עפּעס גערעדט צו איר. זי אָבער האָט ניט פֿאַרשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן. עס איז צוגעקומען צו איר אַ מיידעלע וואָס איז געזעסן ניט ווייט פֿון איר. זי האָט גע־רעדט צו איר. חנהלע האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס זי זאָגט. זי האָט נאָר געשמייכלט צו איר. וואָס וועט זײַן?

ווי גייט עס דיר? ווי איז דיר געגאַנגען?
קענען אויף אויסווייניק

פ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט חנהלע קיין זאַך ניט פֿאַרשטאַנען אין דער ענגלישער שול?
2. וואָס האָט חנהלע שוין געקענט אין דער פֿראַנצייזישער שול?
3. וואָס האָט חנהלע שוין געקענט פֿון דער ייִדישער שול אין פּאַריז?
4. אויף וואָסער שפּראַך האָט חנהלע גערעדט מיט טאַטע־מאַמע?

pupil (she)	שילערין	Paris	פּאַריז
by heart	אויסווייניק	Parisian	פּאַריזער
French	פֿראַנצייזיש	how was it? ' how did it go?	ווי איז דיר געגאַנגען?
English	ענגליש		

ב.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פֿרי איז חנהלע אויפֿגעשטאַ־נען, גענומען אַ העפֿט און דאָס נײַע לערנביכל און אַוועק אין שול. די שול איז געווען ניט ווײַט, אָבער דער טאַטע האָט זי צוגעפֿירט.

חנהלע האָט געוואוסט וואו עס געפֿינט זיך איר קלאַס. זי האָט דערקענט איר באַנק און זיך אַוועקגעזעצט. עס איז געקומען דאָס ייִנגעלע וואָס זיצט לעבן איר. ער האָט זי באַגריסט „הײַ", האָט זי אויך געענטפֿערט „הײַ". אָבער וואָס ער האָט נאָכדעם געזאָגט צו איר האָט זי ניט פֿאַר־שטאַנען.

עס איז אַרײַן די לערערין. זי איז געשטאַנען בײַ איר טישל און גערעדט צו די קינדער. חנהלע האָט ניט פֿאַר־שטאַנען קיין איין וואָרט. די קינדער האָבן גענומען עפּעס שרײַבן אין די העפֿטן און חנהלע האָט אויך געעפֿנט דעם העפֿט און גענומען דעם בלײַער. אָבער וואָס שרײַבט מען?

חנהלע האָט מיט טרויעריקע אויגן געקוקט אויף דער לערערין. און די לערערין האָט געקוקט אויף חנהלען, האָט געשמייכלט צו איר און איז צוגעגאַנגען צו איר. די לערערין האָט געזען אַז אין חנהלעס העפֿט איז קיין זאַך ניט אָנגע־שריבן. די לערערין האָט איר עפּעס געזאָגט. אָבער חנהלע האָט ניט פֿאַרשטאַנען. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

האָט די לערערין פּלוצלינג געפֿרעגט אויף ייִדיש: „ייִדיש פֿאַרשטייסטו?"

חנהלעס אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן.

— „יאָ, ייִדיש פֿאַרשטיי איך".

— „ווען ביסטו געקומען קיין אַמעריקע?" — האָט די לערערין געפֿרעגט.

— „מיט אַ וואָך צוריק".

— „דו האָסט פֿריִער קיינמאָל ניט געלערנט קיין ענג־ליש?"

— „ניין".

— „דו קענסט ניט קיין איין וואָרט?"

— „איך קען אַ פּאָר ווערטער, אָבער דאָ הער איך זיי ניט".

די לערערין האָט איר געזאָגט:

— „דו וועסט גיך קענען ענגליש ווי וואַסער".

מיט אַ וואָך צוריק	מיט אַ יאָר צוריק
קענען ווי וואַסער	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס איז חנהלע געווען טרויעריק?
2. ווען האָבן אויפֿגעלויכטן אירע אויגן?
3. וועלכע פֿראַגעס האָט די לערערין געפֿרעגט?
4. וואָס זײַנען געווען חנהלעס ענטפֿערס?

צופֿירן — דאָ:	to take over to
אויפֿלויכטן	to light up, to shine
ווי וואַסער	fluently

ג.

די קינדער פֿון קלאַס האָבן זיך צוגעהערט צום שמועס פֿון דער לערערין מיט דער נײַער שילערין. די לערערין האָט געפֿרעגט דעם קלאַס:

— „ווער פֿון אײַך, קינדער, קען רעדן ייִדיש?"

עטלעכע הענט האָבן זיך אויפֿגעהויבן. האָט די לע־רערין געזאָגט צו אַ מיידעלע וואָס האָט געהאַלטן איר האַנט הויך אויפֿגעהויבן:

— „מרים, נעם דײַנע זאַכן און זעץ זיך אויף חנהלעס באַנק. דו וועסט איר העלפֿן". — חנהלע האָט באַקומען אַ

נײַע חבֿרטע. מרים האָט געגעבן חנהלען די האַנט און איר געזאָגט:

— „גוט מאָרגן, חנהלע".

און חנהלע האָט געענטפֿערט:

— „גוט מאָרגן, מרים".

און די לערערין האָט גערעדט מיט די קינדער, אַז עס זײַנען דאָ פֿאַרשײדענע פֿעלקער און פֿאַרשײדענע שפּראַכן. און די קינדער האָבן זיך גוט צוגעהערט.

שפּעטער האָבן די קינדער געזונגען לידער. זײ האָבן געזונגען ענגלישע לידער. די לערערין האָט צוגערופֿן חנהלען און זי געפֿרעגט:

— „דו קענסט פֿאַר אונדז עפּעס זינגען אויף ייִדיש?"

— „יאָ", — האָט חנהלע געענטפֿערט.

האָט חנהלע זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום קלאַס און האָט אָנגעהויבן זינגען:

שטײט אין פֿעלד אַ בײמעלע,
האָט עס גרינע צװײַגעלעך...

פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ שטים פֿון אַ צװײט מײדעלע:

זיצט דערויף אַ פֿײגעלע,
מאַכט דאָס צו די אײגעלעך...

און זײ בײדע צוזאַמען האָבן שוין געזונגען:

אויף די גרינע צװײַגעלעך
װאַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מײַן קינד, די אײגעלעך,
אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע...

אַלע קינדער אין קלאַס האָבן אַפּלאָדירט.

נאָך דעם לערנען איז דאָס מײדעלע װאָס האָט געזונגען צוזאַמען מיט חנהלען צוגעגאַנגען צו איר און האָט געזאָגט:

— „איך הייס רוטי, איך גיי אין אַ ייִדישער שול".

דעם טאָג איז חנהלע געגאַנגען אַהיים צוזאַמען מיט מרימען פֿון איין זײַט און מיט רוטין פֿון דער צווייטער זײַט. זי האָט שוין געהאַט חבֿרטעס.

עס זײַנען אַוועק עטלעכע חדשים. חנהלע רעדט שוין ענגליש ווי וואַסער. און די לערערין האָט איר געזאָגט אַז צום סוף יאָר וועט זי קענען אַריבערהיפּן אַ קלאַס.

חנהלע האָט געטראַכט: ווי גוט עס איז געווען וואָס איך קען ייִדיש.

(א. דאַווידאָוויטש)

חבֿר־חבֿרטע	חבֿרים־חבֿרטעס	זיך צוהערן
זיך אַוועקשטעלן, זיך אויפֿהייבן		

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט די לערערין געפֿונען אַ חבֿרטע פֿאַר חנהלען?
2. ווי האָט חנהלע באַקומען נאָך אַ חבֿרטע?
3. וואָס וואָלט געווען, אויב חנהלע וואָלט ניט געקענט קיין ייִדיש?
4. וואָס וואָלט געווען, אויב נאָר חנהלע וואָלט געקענט ייִדיש?

to listen to	צוהערן זיך
conversation	שמועס, דער
to stand up	אַוועקשטעלן זיך
to skip	אַריבערהיפּן
to applaud	אַפּלאָדירן
friend, pal (she)	חבֿרטע



דער צווילינג

רחלע און לאהלע זײַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין ישׂראל. זיי רעדן העברעאיש. זיי לערנען אין אַ העברעאישער שול.

רחלע און לאהלע זײַנען אַ צווילינג. זיי זעען אויס איינע ווי די אַנדערע. זיי טראָגן די זעלביקע קליידעלעך. אין די האָר האָבן זיי די זעלביקע בענדלעך. אַפֿילו טאַטע־מאַמע דערקענען ניט אַלעמאָל ווער עס איז רחלע און ווער עס איז לאהלע.

די לערערין אין שול מאַכט שטענדיק אַ טעות. איין מאָל האָט לאהלע זיך געשפּילט מיט איר בלײַער און גערעדט מיט דער חבֿרטע וואָס זיצט לעבן איר.

זאָגט די לערערין:

— „רחלע, לייג אַוועק דעם בלײַער און הער אויף צו רעדן".

רחלע פֿון אַן אַנדער באַנק האָט אָנגעהויבן לאַכן. די איבעריקע קינדער האָבן געלאַכט צוזאַמען מיט איר. און די לערערין האָט אויך געלאַכט פֿון איר טעות.

צו רחלען און לאהלען זײַנען געקומען געסט פֿון אַרגענטינע. עס זײַנען געקומען דער פֿעטער און די מומע און זייער זון יאָסעלע. זיי אַלע ווילן זיך באַזעצן אין ישׂראל.

עס איז שבת. מע זיצט בײַם מאָלצײַט און דער פֿעטער און די מומע דערציילן וועגן פֿאַרשיידענע זאַכן. דאָ רעדט דער פֿעטער, דאָ רעדט די מומע, און אויך יאָסעלע רעדט. מע רעדט און מע לאַכט, אָבער ניט רחלע און ניט לאהלע פֿאַרשטייען וואָס זיי דערציילן און ווייסן ניט פֿון וואָס מע לאַכט.

ביידע מיידעלעך זיצן און שווײַגן. מע רעדט יידיש און זיי פֿאַרשטייען ניט. יעדע רגע פֿרעגט רחלע: „מה מספּר הדוד?" און לאהלע פֿרעגט: „מה מספּרת הדודה?"

וואָס דערציילט דער פֿעטער? וואָס דערציילט די מומע?

פֿריִער זאָגט מען זיי אין קורצן אויף העברעאיש. אָבער דערנאָך ווערן דער טאַטע און די מאַמע מיד. זיי הערן אויף איבערזעצן. די מיידעלעך פֿאַרשטייען אַז איצט דערציילט מען וויצן, ווײַל אַלע לאַכן. און זיי זיצן ווי פֿרעמדע, ווי פֿאַרשעמטע. פֿאַרדריסט עס זיי.

ווען די געסט זײַנען אַוועק, זײַנען רחלע און לאהלע אַרײַן צו זיך אין צימער און האָבן אָנגעהויבן וויינען.

— „פֿאַרוואָס וויינט איר?“ — האָט די מאַמע געפֿרעגט.

— „מיר זײַנען ווי פֿרעמדע דאָ אין הויז“, — האָט רחלע געזאָגט.

— „ווען עס קומען געסט, איז עס אַזוי. מיר ווילן אויך פֿאַרשטיין וואָס מע רעדט. מיר ווילן פֿאַרשטיין די מעשׂות וואָס מע דערציילט און די וויצן וואָס מע זאָגט“.

— „יאָ“, — האָט געזאָגט דער טאַטע, — „די קינדער זײַנען גערעכט. זיי דאַרפֿן קענען רעדן ייִדיש. ווען זיי קענען ייִדיש, וועט דאָס זײַן זייער שיין“.

— „ביטע גערעכט“, — האָט די מאַמע געזאָגט.

באַלד נאָך שבת האָט דער פֿאָטער גענומען לערנען דעם צווילינג ייִדיש.

רחלע און לאהלע האָבן זיך אויסגעלערנט פֿאַרשטיין ייִדיש. ווען עס זײַנען געקומען געסט, האָבן זיי איצט פֿאַרשטאַנען אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט. זיי אַליין האָבן שוין אויך געקענט רעדן מיט די געסט. (י. מאַניק)

טעות	איבערזעצן	עס פֿאַרדריסט מיך

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי דערקענט מען דאָך איינעם (איינע) פֿון אַ צווילינג?
2. אויף וועלכער שפּראַך רעדט מען געוויינלעך בײַ דעם צווילינג אין דער היים?

3. פֿאַרוואָס רעדן ניט העברעאיש די געסט פֿון אַרגענטינע?
4. פֿאַרוואָס דאַרף מען איבערזעצן פֿאַר די קינדער?
5. פֿאַרוואָס האָט דאָס ניט־פֿאַרשטיין אַזוי שטאַרק פֿאַרדראָסן דעם צווילינג?
6. וואָס איז געווען דער אויסוועג (way out)?

צווילינג	twins	העברעאיש	Hebrew
טראָגן	to wear	וויץ, דער	joke
בענדל	ribbon	אין קורצן	in short
טעות	(toes) mistake	איבערזעצן	to translate

דער יונגער דאָקטער

א.

אַן אַלטע פֿרוי איז געלעגן אין שפּיטאָל. זי איז געווען קראַנק און שוואַך. זי איז געווען זייער דאַר, הויט מיט ביינער.

האָבן די דאָקטוירים איר געגעבן מעדיצינען און זיי האָבן געהייסן זי זאָל ליגן אין בעט און רוען גאַנצע טעג. זיי האָבן אויך געהייסן, די קראַנקע זאָל עסן אַ סך כּדי זי זאָל שטאַרקער ווערן.

איז די אַלטע פֿרוי געלעגן אַ שטילע און אַ טרויעריקע. זי האָט מיט קיינעם אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט. האָט מען איר דערלאַנגט אירע מעדיצינען, האָט זי זיי גענומען. אָבער דאָס עסן האָט זי ניט אָנגערירט.

דרײַ מאָל אַ טאָג האָט מען איר געבראַכט אַ טאַץ מיט עסן, און דרײַ מאָל אַ טאָג האָט מען די טאַץ גענומען צו־ריק ווי מען האָט זי געבראַכט. די אַלטע פֿרוי האָט ניט אָנגערירט ניט די זופּ און ניט דאָס פֿלייש און ניט די אַנדערע שפּײַזן. זי האָט געלעבט מיט אַ גלאָז מילך, אַ טעפּל טיי, אַ שטיקל טרוקן ברויט, און מער גאָרניט.

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך געזאָרגט: וואָס וועט זײַן מיט דער אַלטער פֿרוי? ווי קאָן זי ווערן געזונט אַז זי עסט ניט?

אָבער וויפֿל זי האָט ניט גערעדט צו דער פֿרוי, האָט זי אַלץ געשוויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און געשוויגן.

אַ גלאָז מילך	אַ טעפּל טיי	אַ שטיקל ברויט

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָבן די דאָקטוירים געהייסן טאָן, כּדי די אַלטע פֿרוי זאָל ווערן געזונט?
2. פֿאַרוואָס, מיינט איר, האָט די אַלטע פֿרוי ניט געגעסן וואָס מע האָט איר געגעבן אין שפּיטאָל?
3. וואָס האָט זי יאָ געגעסן?
4. פֿאַרוואָס האָט די פֿרוי ניט גערעדט מיט די אַנדערע מענטשן אין שפּיטאָל?

שוואַך	weak
אַרויסרעדן	to utter, to say something
דאַר	lean
קראַנקן־שוועסטער	nurse

ב.

אײן פֿרימאָרגן איז אין שפּיטאָל, וואו די אַלטע פֿרוי איז געלעגן, אָנגעקומען אַ נײַער יונגער דאָקטער.

די קראַנקן־שוועסטער האָט אַרומגעפֿירט דעם יונגן דאָקטער פֿון איין צימער צום אַנדערן, פֿון איין קראַנקן צום אַנדערן. דער יונגער דאָקטער האָט זיך באַקענט מיט די קראַנקע.

ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו דער אַלטער פֿרוי, האָט די קראַנקן־שוועסטער דערציילט דעם דאָקטער אירע צרות וואָס זי האָט מיט דער אַלטינקער. זי עסט ניט און זי רעדט ניט.

האָט דער יונגער דאָקטער אַרײַנגעקוקט אין די פּאַפּירן וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געגעבן, און ער האָט געזאָגט צו דער אַלטינקער:

— „גוט מאָרגן, באָבע, וואָס מאַכט איר?"

דערהערט די ווערטער פֿון דעם נײַעם דאָקטער, האָט זיך די אַלטע אויפֿגעהויבן. זי האָט גענומען די האַנט פֿון דעם יונגן דאָקטער אין אירע בײדע קלײנע, דאַרע הענט, און זי האָט מיט אַ ציטער געזאָגט:

— „לאַנג לעבן זאָלסטו, מײַן קינד. דו רעדסט דאָך יידיש".

און דער יונגער דאָקטער מיט דער אַלטער קראַנקער האָבן פֿאַרפֿירט אַ שמועס. זי האָט אים דערצײלט פֿאַרוואָס זי רעדט ניט מיט קײנעם: זי קען ניט גוט רעדן ענגליש, און זי האָט מורא אַז מען וועט פֿון איר לאַכן.

און זי האָט אים אויך געזאָגט פֿאַרוואָס זי עסט ניט: זי האָט מורא אַז דאָס עסן איז ניט כּשר. איר גאַנץ לעבן עסט זי בלויז כּשר. דאָס מויל עפֿנט זיך ניט בײַ איר צו עסן ניט־כּשרע שפּײַז.

האָט דער יונגער דאָקטער איר געגעבן צו פֿאַרשטײן אַז קײנער וועט פֿון איר ניט לאַכן וואָס זי קען ניט גוט רעדן ענגליש. די קראַנקן־שוועסטער וועט אַוודאי ניט לאַכן פֿון איר.

און ער האָט איר געזאָגט אַז דאָס עסן וואָס מע גיט איר איז גלײַך ווי נעמען אַ מעדיצין. זי מוז איצט עסן און

טרינקען אַלץ וואָס מע גיט איר, וועט זי גיך געזונט ווערן און גיין אַהיים. דאָרטן וועט זי ווידער זײַן אַ באַלעבאָסטע און קאָכן ווי זי וויל און עסן וואָס זי וויל.

אַוודאי	צרה	געבן צו פֿאַרשטיין

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט די קראַנקן־שוועסטער געפֿירט דעם יונגן דאָקטער פֿון איין קראַנקן צום צווייטן?
2. ווי אַזוי האָט דער יונגער דאָקטער געוואוסט אַז די אַלטינקע קען ייִדיש?
3. האָט זיך די אַלטינקע דערפֿרייט מיט די ייִדישע רייד?
4. פֿאַרוואָס האָט זי ניט געגעסן די שפּייז פֿון שפּיטאָל?
5. פֿאַרוואָס האָט זי ניט גערעדט מיט קיינעם?
6. וואָס האָט איר געזאָגט דער יונגער דאָקטער?

באַקענען זיך — to get acquainted
צרה, צרות — (tsore, tsores), trouble, misery
אַרײַנקוקן — to look into
כּשר — (kosher)
אַוודאי — (avade) certainly
באַלעבאָסטע — mistress of a house(hold)
פֿאַרפֿירן אַ שמועס — to enter into (to start) a conversation
אויף דער עלטער — at old age

ג.

עטלעכע מאָל אַ טאָג איז דער דאָקטער געקומען צו דער אַלטער. ער איז געזעסן לעבן איר בעט עטלעכע מינוט און גערעדט צו איר אויף ייִדיש. פֿאַר אים האָט זי זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ און עס איז איר גרינגער געוואָרן.

מיט יעדן טאָג איז די אַלטע געוואָרן געזינטער. זי האָט שוין גערעדט מיט דער קראַנקן־שוועסטער. זי האָט גערעדט מיט די אַנדערע קראַנקע וואָס זײַנען געלעגן לעבן איר אין צימער. זי האָט שוין געקענט אַראָפּגיין פֿון בעט און אַ ביסל אַרומגיין אין צימער און אין קאָרידאָר פֿון שפּיטאָל.

דער יונגער דאָקטער איז געווען גליקלעך. די קראַנקן־שוועסטער האָט דערציילט ווי אַזוי דער נײַער דאָקטער האָט אויסגעהיילט אַ קראַנקע מיט אַ נײַער מעדיצין וואָס הייסט ייִדיש.

ווען די אַלטע איז שוין געווען גרייט צו גיין אַהיים, האָט זי אַרומגענומען דעם יונגן דאָקטער און מיט טרערן אין די אויגן אים געדאַנקט.

און שוין בײַם אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל האָט זי אים אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן:

— „איך וועל בעטן גאָט אַלע טאָג, אַז דו זאָלסט זײַן געזונט און גליקלעך און אַז דו זאָלסט ווערן אַ באַרימטער דאָקטער".

עס זײַנען אַוועק עטלעכע יאָר. דער יונגער דאָקטער איז געוואָרן באַרימט. ער האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּריז פֿאַר זייער אַ גוטער אַרבעט אין מעדיצין. אין אַלע צײַטונגען איז געווען דאָס בילד פֿון דעם דאָקטער אַרטור קאָרנבערג.

די אַלטינקע האָט געזען זײַן בילד אין אַ ייִדישער צײַטונג. האָט זי צוגערופֿן איר אייניקל און אים געוויזן: „זע, דאָס איז ד"ר אַרטור קאָרנבערג. ער האָט איצט באַקומען דעם נאָבעל־פּריז. איך קען אים. דאָס איז דער גאָלדענער דאָקטער וואָס איז געזעסן בײַ מײַן בעט אין שפּיטאָל און גערעדט צו מיר אויף ייִדיש. אַ געזונט אויף אים! אַ ברכה אויף זײַן קאָפּ! איך האָב געוואוסט אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער מענטש".

(בערל סיגאַל)

אויסרעדן זיך דאָס האַרץ
אַרומנעמען — אַרומגענומען
געווינען — געוואונען

פֿראַגעס:

1. ווי האָט דער יונגער דאָקטער געהיילט די אַלטינקע?
2. פֿאַרוואָס איז ייִדיש געווען אַזוי ווי אַ מעדיצין פֿאַר דער קראַנקער פֿרוי?
3. וואָס האָט די אַלטינקע געוואונטשן (wished) דעם יונגן דאָקטער?
4. וואָס איז געוואָרן פֿון איר וואונטש?
5. איז די אַלטינקע געווען שטאָלץ וואָס איר דאָקטער האָט געוואונען דעם נאָבעל-פּריז?
6. אין וואָס איז דאָ געווען דער כּוח (power) פֿון ייִדיש?

corridor, lobby	קאָרידאָר, דער
to cure, to heal (wholly)	אויסהיילן
to thank	דאַנקען
to whisper into someone's ear	אײַנרוימען אין אויער
famous	באַרימט
prize	פּריז, דער
won	געוואונען

ייִדיש

האָט די וועלט אַ שלל מיט שפּראַכן,
שפּראַכן גאָר אַ סך.
נאָר פֿאַר ייִדן זײַן זאָל ייִדיש,
ייִדיש — אונדזער שפּראַך.

זעסט אין גאַס צוויי רייען הײַזער,
דײַן היים איז נאָר איין הויז.
אַ סך חבֿרים און באַקאַנטע —
אַ מאַמע איינע בלויז.

געזונגען דיר די ליבע באָבע
אַ האַרציק ייִדיש ליד.
היט זשע ייִדיש דײַן גאַנץ לעבן,
ווײַל דו ביסט אַ ייִד.

(ש. מענעראָווסקי)

home	היים, די
(shlal) a lot of; a great quantity	שלל
acquaintance	באַקאַנטע(ר)



קוק ניט אויף דער כּלי

עס איז געווען אַמאָל אַ גרויסער ייִדישער געלערנטער. ער איז געווען זייער קלוג. אָבער ער איז געווען זייער מיאוס.

איין מאָל האָבן ייִדן געשיקט דעם געלערנטן קיין רוים, ער זאָל בעטן פֿאַר זײַן פֿאָלק וואָס איז געווען אונטער די רוימער. דער געלערנטער האָט זייער קלוג דורכגעפֿירט דאָס וואָס ער האָט געדאַרפֿט דורכפֿירן.

ווען דער געלערנטער איז געווען בײַם קייסער אין רוים, האָט אים געזען דעם קייסערס טאָכטער. זי האָט מיט אים גערעדט און האָט געזען ווי קלוג עס איז דער ייִדישער געלערנטער. אָבער זי האָט אויך געזען ווי מיאוס ער איז. האָט זי אים געפֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס איז אַזאַ שיינע חכמה אין אַזאַ מיאוסער כּלי?"

דער געלערנטער האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט געפֿרעגט בײַם קייסערס טאָכטער:

— „אין וואָסערע קרוגן האַלט דער קייסער זײַן גוטן ווײַן?"

— „אין ליימענע קרוגן", — האָט דעם קייסערס טאָכטער געענטפֿערט.

— „פֿאַרוואָס ניט אין זילבערנע אָדער אין גאָלדענע קרוגן?" — האָט דער ייִדישער געלערנטער ווידער געפֿרעגט.

דעם קייסערס טאָכטער האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. זי האָט געהייסן איבערגיסן איר פֿאָטערס ווײַן פֿון די מיאוסע ליימענע קרוגן אין שיינע זילבערנע קרוגן.

דער ווײַן אין די זילבערנע קרוגן איז אָבער געוואָרן זויער און מע האָט אים ניט געקענט טרינקען. האָט זי פֿאַרשטאַנען די פֿראַגע פֿון דעם ייִדישן געלערנטן. זי האָט וועגן דעם אים אָנגעשריבן אַ בריוו און זי האָט באַקומען אַ קורצן ענטפֿער:

— „קוק ניט אויף דער כּלי, נאָר אויף דעם וואָס עס איז אין דער כּלי״. (אגדה)

מיאוס	חכם — חכמה	איבערגעריסן	כּלי

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האַלט מען ווײַן אין ליימענע קרוגן?
2. וואָסער עקספּערימענט האָט געמאַכט דעם קייסערס טאָכטער?
3. וואָס האָט דעם קייסערס טאָכטער געלערנט פֿון איר עקספּערימענט?
4. ווי אַזוי האָט דעם קייסערס טאָכטער זיך באַגעגנט מיטן ייִדישן געלערנטן?

כּלי	(keyle) vessel	איבערגיסן	to pour from one vessel into another
קייסער	emperor		
רוים	Rome		

איך וועל טאָן וואָס מײַן טאַטע האָט געטאָן

אין דעם שטעטל אָסטראָפּאָליע האָט געלעבט אַן אָרעמער ייִד וואָס מע האָט אים גערופֿן הערשעלע. הערשעלע איז געווען זייער אַ קלוגער. ער האָט ליב געהאַט אויסצוטראַכטן וויציקע מעשׂות. ער האָט ליב געהאַט איבערקליגן קאַרגע און שלעכטע מענטשן.

איין מאָל איז הערשעלע אָסטראָפּאָליער געקומען אין אַ קרעטשמע. ער איז געווען זייער לאַנג אין וועג. ער איז געווען פֿאַרמאַטערט און זייער הונגעריק. ווען ער איז אַרײַן אין קרעטשמע, האָט ער דעם מאַן ניט געפֿונען. עס איז נאָר געווען די פֿרוי, די באַלעבאָסטע. האָט ער איר געזאָגט:

— „איך בין פאַרמאַטערט און איך בין הונגעריק. גיט מיר עפּעס צום עסן און אַן אָרט צום שלאָפן".

די באַלעבאָסטע האָט געקוקט אויף הערשעלען. זי האָט געזען זײַן דאַר פּנים, די צעריסענע בגדים וואָס ער טראָגט, מיט די צעריסענע שיך. האָט זי געטראַכט: דער ייִד האָט זיכער ניט מיט וואָס צו באַצאָלן. האָט זי אים געענטפערט:

— „איך קען אײַך געבן אַן אָרט וואו צו שלאָפן, אַן אָרט אויפן בוידעם. אָבער איך האָב גאָרניט ניט וואָס אײַך צו געבן עסן".

הערשל האָט געזען אַז אין קרעטשמע זײַנען דאָ גענוג זאַכן צום עסן און ער האָט גענומען פרעגן:

— „האָט איר גאָרניט קיין פליייש אָדער געפילטע פיש?"

— „ניין, ניטאָ", — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט.

— „קענט איר מיר אָפּקאָכן אַ פּאָר אייער?"

— „ניין, ניטאָ קיין אייער", — האָט די פרוי געענטפערט.

— „טאָ גיט מיר טרוקן ברויט און אַ גלאָז מילך".

— „ניטאָ קיין ברויט, ניטאָ קיין מילך", — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט.

הערשעלע איז געוואָרן זייער אין כּעס. ער האָט גענומען גיין אַהין און צוריק איבערן צימער און די גאַנצע צײַט געזאָגט אַלץ העכער און העכער — ביז ער האָט אָנגעהויבן שרײַען:

— „אויב די פרוי וועט מיר קיין זאַך ניט געבן צום עסן, וועל איך טאָן וואָס מײַן טאַטע האָט געטאָן".

די פרוי האָט אָנגעהויבן זיך שרעקן. דערנאָך איז הערשעלע צוגעגאַנגען צו דער פרוי און גענומען מיט ביידע פויסטן קלאַפּן איבערן טיש:

— „איר הערט? אויב איר גיט מיר ניט קיין זאַך צום עסן, וועל איך טאָן וואָס מײַן טאַטע האָט געטאָן!"

די פֿרוי איז געוואָרן בלאַס פֿון שרעק און זי האָט געזאָגט הערשעלען:

— „זײַט ניט אין כּעס. איך וועל אַ זוך טאָן, אפֿשר וועל איך געפֿינען פֿאַר אײַך עפּעס צום עסן".

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די באַלעבאָסטע האָט געפֿונען אייער, ברויט, פּוטער, מילך און זי האָט דאָס אַלץ געגעבן הערשעלען צום עסן.

ווען הערשעלע האָט אָפּגעגעסן און ער איז שוין געווען רויִק, האָט די פֿרוי אים געפֿרעגט:

— „איר האָט די גאַנצע צײַט געזאָגט אַז איר וועט טאָן דאָס וואָס אײַער טאַטע פֿלעגט טאָן. וואָס פֿלעגט אײַער פֿאָטער טאָן?"

האָט הערשעלע געענטפֿערט:

— „ווען מײַן טאַטע איז געווען הונגעריק און מע האָט אים ניט געגעבן צום עסן, פֿלעגט ער..."

— „וואָס?" — האָט די פֿרוי אין שרעק געפֿרעגט — „וואָס פֿלעגט ער טאָן?!"

— „פֿלעגט ער זיך לייגן שלאָפֿן אַ הונגעריקער".

(פֿאָלקס־מעשׂה)

איך פֿלעג טאָן, דו...	געגעסן — אָפּגעגעסן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער?
2. ווי איז ער געווען אָנגעטאָן?
3. פֿאַרוואָס האָט די באַלעבאָסטע פֿון דער קרעטשמע אים ניט געוואָלט געבן צו עסן?
4. וואָס האָט הערשעלע געשריִען?
5. וואָס וואָלט ער טאַקע געטאָן?
6. ווער קען דערציילן נאָך אַזאַ וויציקע מעשׂה?

איבערקליגן	to outwit	קרעטשמע, די	inn
וויציק	witty	בוידעם, דער	attic, garret
אויסטראַכטן	to make up	פּויסט(ן), די	fist(s)
קאַרג	stingy		

די ביימער און דאָס אײַזן

ווען די ביימער האָבן געזען אַז עס איז באַשאַפֿן געוואָרן דאָס אײַזן, האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן:

— „עס וועט קומען אונדזער סוף", — האָבן זיי געוויינט. — „דאָס אײַזן איז שטאַרק, דאָס אײַזן קען זײַן שאַרף און דאָס אײַזן וועט אונדז אַלעמען אויסהאַקן".

האָט גאָט געזאָגט:

— „שרעקט זיך ניט, ביימער. אַלץ ווענדט זיך אין אײַך. אויב איר וועט ליב האָבן איינער דעם צווייטן און קיינער פֿון אײַך וועט ניט געבן דעם אײַזן צו מאַכן אַ הענטל פֿאַר דער האַק, אָדער אַ הענטל פֿאַר דער זעג — וועט אײַך דאָס אײַזן קיין שלעכטס ניט טאָן".

האַק, די	axe	זעג, די	saw
הענטל, דאָס	handle	ווענדן זיך אין	to depend on

אַבֿרהם האָט פֿאַרשטאַנען

אַבֿרהם האָט ליב געהאַט געסט. ווען עס איז געקומען צו אים אַ גאַסט, האָט ער אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען און האָט אים גוט באַדינט. איין מאָל איז אַבֿרהם געזעסן בײַ זײַן געצעלט. האָט ער דערזען ווי עס קומט אָן אַן אַלטער מאַן. אַבֿרהם איז געלאָפֿן אים אַנטקעגן און האָט אים געבעטן:

— „קומט אַרײַן צו מיר אין געצעלט. רוט זיך אָפּ. איך וועל אײַך געבן צו עסן און צו טרינקען און איר וועט שפּעטער גיין אײַער וועג".

האָט דער אַלטער געענטפֿערט: — „גוט, איך וועל אַרײַן צו דיר".

שׂרה האָט אויף גיך גענומען גרייטן אַ מאָלצײַט פֿאַר דעם גאַסט. אַבֿרהם אַליין האָט געבראַכט אַ ציגעלע פֿאַרן

גאַסט. אַבֿרהם און שׂרה האָבן אים באַדינט. דער אַלטער האָט געגעסן און געטרונקען און איז געוואָרן זאַט. האָט אַבֿרהם געזאָגט צום אַלטן:

— „איצט דאַנקט גאָט פֿאַר די גוטע שפּײַז וואָס איר האָט געהאַט".

האָט דער אַלטער געענטפֿערט: — „איך דאַנק ניט גאָט".

איז אַבֿרהם אין כּעס געוואָרן און האָט אַרויסגעטריבן דעם אַלטן פֿון זײַן געצעלט. האָט אַבֿרהם דערהערט גאָטס קול: — „פֿאַרוואָס האָסטו דעם אַלטן אַרויסגעטריבן פֿון דײַן געצעלט?"

אַבֿרהם האָט געענטפֿערט: — „ער האָט ניט געוואָלט דאַנקען גאָט פֿאַר די שפּײַז וואָס איך האָב אים געגעבן, פֿאַר דעם גוטס וואָס איך האָב אים געטאָן".

און אַבֿרהם האָט ווידער דערהערט גאָטס שטים:

— „דער מאַן איז שוין אַן אַלטער. אַ סך, אַ סך יאָרן האָב איך אים געגעבן שפּײַז צו עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן. ער האָט קיינמאָל מיר ניט געדאַנקט. דאָך האָב איך יעדן טאָג אים געגעבן וואָס ער דאַרף צום לעבן. דו האָסט נאָר איין מאָל אים געגעבן שפּײַז און גלײַך נאָכדעם בײסטו אויף אים אין כּעס געוואָרן און אים אַרויסגעטריבן".

האָט אַבֿרהם געזאָגט: — „איך פֿאַרשטיי איצט אַז איך האָב ניט ריכטיק געטאָן". — און אַבֿרהם איז נאָכגעלאָפֿן דעם אַלטן און האָט אים געבעטן ער זאָל קומען צוריק צו אים. ער האָט אים געגעבן אַ סך גוטע זאַכן אויפֿן וועג און זיך געזעגנט מיט אים אין פֿרידן.

(אגדה)

קול	אַבֿרהם, שׂרה
זיך אָפּרוען, זיך אָפּגערוט, רוט זיך אָפּ	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט אַבֿרהם אויפֿגענומען אַ גאַסט?
2. וואָס האָט אַבֿרהם געטאָן, ווען ער האָט דערזען אַן אַלטן מאַן ניט ווײַט פֿון זײַן געצעלט?
3. וואָס האָט דער אַלטער מאַן געטאָן?

4. וואָס האָט אבֿרהם געבעטן פֿון דעם אַלטן מאַן?
5. וואָס האָט געטאָן אבֿרהם, ווען דער אַלטער האָט ניט געוואָלט דאַנקען גאָט?
6. וואָס זײַנען געווען גאָטס רייד צו אבֿרהמען?
7. וואָס לערנט אונדז די מעשׂה?

געצעלט, דאָס	tent
בראָטן	to broil
אַרויסגעטריבן	chased out
געזעגענען זיך	to part with, to say goodbye

דער זון וואָס וויל לערנען

ניט ווײַט פֿון ירושלים האָט געלעבט אַ רײַכער מאַן. ער האָט געהאַט פֿעלדער און גערטנער. ער האָט אויך געהאַט דרײַ זין וואָס האָבן אים געהאָלפֿן אַרבעטן אין פֿעלד און אין גאָרטן. דער ייִנגסטער זון האָט געבעטן דעם פֿאָטער:

— „לאָז מיך גיין קיין ירושלים, ווײַל איך וויל זיך לערנען".

אָבער דער פֿאָטער האָט געזאָגט:

— „מײַנע זין האָבן ניט קיין צײַט זיך צו לערנען. זיי דאַרפֿן אַרבעטן בײַ מיר אין פֿעלד און אין גאָרטן".

דער זון האָט אַ סך מאָל געבעטן דעם פֿאָטער. אָבער דער פֿאָטער האָט אים ניט געלאָזט גיין קיין ירושלים לערנען.

האָט דער ייִנגסטער זון געזען, אַז ער וועט דעם פֿאָטער ניט אײַנרעדן, איז ער אַליין אַוועק פֿון פֿאָטערס הויז. ער איז געקומען קיין ירושלים און געוואָרן אַ תּלמיד בײַ דעם באַרימטן רבי יוחנן, דעם זון פֿון זכּאַי.

רבי יוחנן האָט געזען, אַז זײַן תּלמיד, וואָס לערנט זיך זייער גוט און האָט אַ טײַערן קאָפּ, ווערט אַלץ בלאַסער און דאַרער. האָט ער אים געפֿרעגט:

— „וואָס איז מיט דיר, מײַן זון?"

האָט דער תּלמיד דערציילט וועגן זײַן פֿאָטער וואָס האָט ניט געוואָלט אים לאָזן זיך לערנען.

— „מיט וואָס דערנערסטו זיך?" — האָט דער רבי אים געפֿרעגט.

— „יעדן טאָג גיי איך אַרויס אין וואַלד. איך געפֿין דאָרטן וואָרצלען און גראָזן און פֿון דעם לעב איך".

דער רבי האָט געוואָלט העלפֿן זײַן תּלמיד, אָבער דער תּלמיד האָט געזאָגט אַז ער קען לעבן פֿון וואָרצלען און פֿון גראָזן.

יאָרן זײַנען אַוועק. דער תּלמיד איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער. מע האָט אים גערופֿן רבי אליעזר. און רבי יוחנן האָט געזאָגט:

— „דאָס איז מײַן בעסטער תּלמיד. ער קען מער פֿון אַלע אַנדערע תּלמידים".

דערווײַל איז רבי אליעזרס פֿאָטער געוואָרן אַלט. און ער אַוועק אין ירושלים צו פֿאַרשרײַבן, אַז נאָך זײַן טויט זאָל זײַן פֿאַרמעגן אַריבער צו זײַנע צוויי זין וואָס זײַנען געבליבן בײַ אים. דער דריטער זון וואָס איז אַוועק פֿון דער היים זאָל קיין זאַך ניט קריגן פֿון זײַן פֿאַרמעגן. דער פֿאָטער איז געקומען צו די געלערנטע. זיי האָבן עס געדאַרפֿט פֿאַרשרײַבן. אָבער מע האָט געהאַלטן אין מיטן לערנען. האָט דער פֿאָטער געדאַרפֿט וואַרטן. הערט ער ווי רבי יוחנן זאָגט צו דעם גאַנצן עולם אַרום:

— „ניט איך וועל הײַנט לערנען מיט אײַך, נאָר מײַן בעסטער תּלמיד אליעזר".

דער פֿאָטער איז געווען זייער פֿאַרוואונדערט, ווען ער האָט דערקענט זײַן יינגסטן זון. זײַן זון איז איצט דער יונגער געלערנטער וואָס רעדט אַזוי קלוג און אַזוי שיין פֿאַר גאַנצן עולם. דער פֿאָטער איז צוגעקומען צום זון, האָט אים אַרומגענומען און געזאָגט:

— „געקומען בין איך קיין ירושלים, כּדי דו זאָלסט ניט האָבן קיין שום טייל אין מײַן פֿאַרמעגן. איצט אָבער האָב איך באַשלאָסן, אַז דו ביסט געווען גערעכט. דו קריגסט דעם גרעסטן טייל פֿון מײַן פֿאַרמעגן".

עולם	רבי	תּלמיד
פֿאַרוואונדערט		אײַנרעדן

פֿראַגעס:

1. ווער איז געווען רבי אליעזרס פֿאָטער?
2. ווען איז אליעזר אַוועק פֿון דער היים?
3. פֿון וואָס האָט ער געלעבט?
4. צו וואָס איז רבי אליעזרס פֿאָטער געקומען קיין ירושלים?
5. וואָס האָט רבי אליעזרס פֿאָטער געזען און געהערט?
6. איז דער פֿאָטער געווען שטאָלץ מיט זײַן זון?

יוחנן	(Yoykhonon)	אײַנרעדן	to talk into
זכּאַי	(Zakay)	וואָרצל, דער	root
אליעזר	(Eliezer)	דערנערן זיך	to maintain oneself
גערטענער	gardens	פֿאַרשרײַבן	to write down

דער צויבערמאַן

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדענעם געשפּאַן.
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענע האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופֿן שטאַרק:
„כ'האָב מתּנות אַלערליי,
קומט און קלייַבט זיך אויס פֿון זיי"...

ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
אייַלט זיך יעדערער צום גליק,
בלייַבט אַ קינד ניט אין דער וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ'האָב פֿון אַלצדינג מיטגעבראַכט".
יעדערער זאָגט זייַן באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
„האָט איר צייַט אַ פֿערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ!"

איין באַגער נאָר און ניט מער?
אויסצוקלייַבן — זייער שווער!
קלער אַהער און קלער אַהין,
פֿאָלג אַ גאַנג מיך און געפֿין
וואָס איז בעסער — דאָס צי יענס.
שרייַען אַלע ווי די גענדז.
פֿון די אַלע מענטשן פֿיל
ווייס ניט איינער וואָס ער וויל.

זײַנען אַלע אין אַ קלעם.
פֿרעגט מען יענעם, פֿרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטן — טרו־טרו־טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פֿאַרשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדענעם געשפּאַן.

(יהואש)

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווייסט איר וואָס אויסצוקלײַבן, וואָס צו בעטן?
2. וואָס וואָלט געווען אײַער באַגער?
3. וואָס איז דער געדאַנק פֿון דער פּאָעמע?

צויבערמאַן, דער	sorcerer	באַגער, דער	desire
גילדענער	golden	פֿערטל	one fourth of, a quarter
געשפּאַן	harness	קלערן	to think
דימענטענער	of diamond(s)	יענס	that
טומל, דער	tumult, noise	גענדז	geese
געלאַף, דער	running	קלעם	anguish, plight
זעלטן	seldom	טראָמפּייט, דער	trumpet
טראַף, דער	chance	פֿאַרשוואונדן	disappeared
מיטברענגען	to bring along	שטילערהייט	silently, quietly

פֿאָלג מיך אַ גאַנג — quite a problem

דאָס וואונדערלעכע פֿײַפֿל

א.

טבֿיה דער האָלצהעקער האָט געוואוינט אין אַ קליין אָרעם הײַזל ניט ווײַט פֿון וואַלד. טבֿיה האָט געהאַט פֿיר קינדערלעך און איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן.

איינמאָל פֿאַרנאַכט האָבן דרײַ אַלטע ייִדן אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿון דעם הײַזל. זיי האָבן אויסגעזען ווי אָרעמע־לײַט. טבֿיה האָט געעפֿנט די טיר און די אַלטע לײַט האָבן געבעטן אַ שטיקל ברויט און אַן אָרט וואו צו שלאָפֿן.

— „אַך, גוטע מענטשן”, — האָט טבֿיה זיי געזאָגט — „איך האָב נאָר איין בעט פֿאַר די קינדער. צו עסן האָב איך נאָר אַ שטיקל שוואַרץ ברויט. אָבער קומט אַרײַן. עסט פֿון מײַן ברויט און לייגט זיך שלאָפֿן”.

די דרײַ אָרעמע־לײַט האָבן געגעסן דאָס טרוקענע שוואַרצע ברויט וואָס טבֿיה האָט זיי געגעבן און זיי זײַנען געשלאָפֿן די נאַכט אין דעם אָרעמען הײַזל.

אין דער פֿרי האָט איינער פֿון די אַלטע לײַט געזאָגט

אַז זיי ווילן באַצאָלן. נאָר טבֿיה האָט קיין געלט ניט געוואָלט נעמען.

האָט דער צווייטער געזאָגט: — „ווילן מיר דיר געבן אַ מתּנה וואָס איז נאָך טײַערער ווי געלט, אַ פֿײַפֿעלע. אַז דו וועסט עפּעס וועלן, זאָלסטו אַ פֿײַף טאָן, וועסטו באַלד האָבן וואָס דו ווילסט".

און דער דריטער האָט געגעבן דאָס פֿײַפֿעלע און האָט געזאָגט: — „זע, דו זאָלסט שטענדיק זײַן גוט צו אָרעמע־לײַט". די אָרעמע־לײַט זײַנען אַוועק.

האַלט טבֿיה דאָס פֿײַפֿעלע אין האַנט און לאַכט: „צו וואָס טויג מיר אַ פֿײַפֿעלע? איך בין דאָך ניט קיין קינד. נאָר איך וועל פּרוּוון פֿײַפֿן. איך וויל אַז אויפֿן טיש זאָל איצט שטיין זעמל מיט מילך, אייער און פּוטער..." און טבֿיה טוט אַ פֿײַף. און גלײַך שטייט אויפֿן טיש אַלץ וואָס טבֿיה האָט דערמאָנט. עס ליגט שוין אַ מעסער און לעפֿע־לעך פֿון זילבער און אַ זאַלצמעסטל פֿון גאָלד.

האָט טבֿיה שוין פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז ניט קיין פּראָסט פֿײַפֿל. האָט ער עפּעס געוואָלט, האָט ער אַ פֿײַף געטאָן און — ער האָט עס שוין!

פֿײַפֿן, אַ פֿײַף טאָן	אַלע ווילן — האָבן געוואָלט

פֿראַגעס:

1. ווי אַזוי ווייסן מיר אַז טבֿיה איז טאַקע געווען אַ גרויסער אָרעמאַן?
2. איז טבֿיה געווען צופֿרידן אויפֿצונעמען געסט?
3. וואָס פֿאַר אַ מתּנה האָט טבֿיה באַקומען?
4. וואָס איז געשען, ווען טבֿיה האָט אַ פֿײַף געטאָן?
5. וואָס פֿאַר אַ פֿײַפֿל האָט טבֿיה געהאַט?

טבֿיה	Tevye	פּרוּוון	to try
וואונדערלעך	wonderful, miraculous	דערמאָנען	to mention
פֿײַפֿל, דאָס	whistle	פּראָסט	ordinary, common
פֿײַפֿן	to whistle	זאַלצמעסטל, דאָס	salt-shaker

ב.

טביה דער האַלצהעקער איז געוואָרן אַ גרויסער גביר. אויפֿן אָרט פֿון דעם קליינעם הײַזל איז געשטאַנען אַ שיינער פּאַלאַץ. לעבן פּאַלאַץ איז געווען אַ גאָרטן מיט ביימער.

אַז דער פּאַלאַץ איז געווען אינגאַנצן פֿאַרטיק, האָט טביה געמאַכט אַ גרויסן באַל. ער האָט גערופֿן אַלע גבירים און אַלע פּריצים פֿון אַרום. זיי זײַנען אַלע געקומען. מען איז געזעסן בײַ לאַנגע טישן, געגעסן און געטרונקען. דערנאָך האָט מען געטאַנצט. בײַם טויער פֿון פּאַלאַץ האָט טביה געשטעלט דינערס, זיי זאָלן ניט אַרײַנלאָזן קיין אָרעמע־לײַט, וואָס קענען נאָך שטערן די שׂמחה.

קומען אָן יענע דרײַ אָרעמע־לײַט וואָס האָבן געגעבן טביהן דאָס פֿײַפֿל. זיי ווילן אַרײַן, אָבער די דינערס לאָזן זיי ניט אַרײַנגיין. אַז זיי ווילן ניט אַוועקגיין, שיקט מען אַרויס אַ גרויסן הונט אויף זיי. דער הונט רײַסט אָפּ בײַ איינעם די קאַפּאָטע, דעם צווייטן בײַסט ער אין האַנט. גייען די אָרע־מע־לײַט אַוועק.

אין אַ רגע אַרום קומט אָן אַ גאָלדענע קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד. פֿון קאַרעטע גייען אַרויס דרײַ פּריצים, אָנגעטאָן אין שיינע קליידער. עפֿענען די דינערס דעם טויער און לאָזן זיי אַרײַן. טביה לויפֿט זיי אַנטקעגן און — ער דערקענט די אָרעמע־לײַט וואָס האָבן אים געגעבן דאָס פֿײַפֿל.

— „מיר ווילן ניט זײַן אויף קיין שׂמחה בײַ אַ ייִדן וואָס לאָזט ניט אַרײַן צו זיך קיין אָרעמע־לײַט“ — זאָגן אַלע דרײַ. איינער ווײַזט אויף דער קאַפּאָטע וואָס דער הונט האָט צעריסן, דער צווייטער ווײַזט די האַנט וואָס דער הונט האָט צעביסן און דער דריטער נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַ פֿײַפֿל. עס איז פּונקט אַזאַ פֿײַפֿל ווי ער האָט געגעבן טביהן. ער האָט אַ פֿײַף געטאָן — און באַלד איז פֿאַרשוואונדן דער פּאַלאַץ מיטן גאָרטן, מיט אַלע טײַערע זאַכן וואָס טביה האָט

געהאַט. עס איז ווידער געשטאַנען דאָס אַלטע אָרעמע הײַזל.

און די דרײַ אַלטע ייִדן זײַנען אַוועק.

(פֿאָלקס־מעשׂה)

גבֿיר, גבֿירים	פּריץ, פּריצים	צערײַסן, צעריסן
צעבײַסן, צעביסן		

פֿראַגעס:

1. ווי האָט טבֿיה זיך געפֿירט, ווען ער איז געוואָרן אַ גרויסער גבֿיר?
2. ווער איז געווען אויפֿן באַל?
3. ווי האָט מען אויפֿגענומען די דרײַ אָרעמע־לײַט?
4. ווי האָט טבֿיה אויפֿגענומען די דרײַ גבֿירים?
5. וואָס איז געווען טבֿיהס שטראָף (punishment)?
6. וואָס איז די אידיי (idea) פֿון דער מעשׂה?

גבֿיר, גבֿירים	rich man, rich men
באַל, דער	ball
קאַרעטע, די	coach
קאַפּאָטע, די	long garment (coat) worn by Jewish men in Eastern Europe
צעביסן	bitten



חמשה-עשר בשבט

ט״ו בשבֿט

עס פֿאַלט אַ שניי,
עס בלאָזט אַ ווינט.
ווינטער איז
בײַ אונדז אַצינד.

דאָרט אין לאַנד
איז וואַרעם שוין.
דער בוים טוט אָן
אַ גרינע קרוין.

דאָרט אין לאַנד
איז ניט אַזוי.
עס איז דער הימל
גרויס און בלוי.

דאָ גייט אין פֿעלד
דער פֿראָסט אַרום.
דער טײַך איז טויט,
דער וואַלד איז שטום.

דאָ שטייען ביימער
שטיל און ווײַס
אין היטעלעך
פֿון שניי און אײַז.

דאָרט אין לאַנד
דער פֿרילינג גייט,
עס זינגען פֿייגל
מיט אַ פֿרייד.

(מ. אַליצקי)

ט״ו בשבֿט	(Tu Bishvat)
ט״ו — פֿופֿצן	Fifteen
אײַז, דאָס	ice

דער טייטלבוים

א.

אין ארץ־ישׂראל האָט אַמאָל געלעבט אַ ייִד וואָס האָט געהייסן מיכה. איינמאָל, ט״ו בשבֿט, האָט מיכה פֿאַר־פֿלאַנצט אַ טייטלבוים לעבן זײַן הויז. דער טייטלבוים איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ הויכער און אַ שיינער בוים. דער בוים האָט געגעבן אַ סך שאָטן. מיכה האָט ליב געהאַט צו זיצן אונטערן שאָטן פֿון זײַן בוים.

מיכהס הויז איז געשטאַנען בײַם וועג וואָס האָט גע־פֿירט קיין ירושלים. אַ סך מענטשן זײַנען געגאַנגען מיט דעם וועג. מיכה איז געווען אַ גוטער מענטש. האָט ער געוואָלט אַז אויך אַנדערע זאָלן זיצן אונטערן שאָטן פֿון זײַן בוים און זיך אָפּרוען. האָט מיכה געשטעלט אַ טיש און בענק אונטער דעם טייטלבוים. יעדערער וואָס איז געגאַנגען אויפֿן וועג קיין ירושלים האָט געקענט זיך אָפּרוען אין שאָטן פֿון מיכהס טייטלבוים.

אַמאָל גייט פֿאַרבײַ אַן אַלטער מאַן. מיכה בעט אים זיך אָפּצורוען אונטערן טייטלבוים. מיכה גיט אים אויך צו עסן.

דער אַלטער האָט זיך זייער דערפֿרייט. ער האָט גע־זאָגט: — „איך בין טאַקע פֿאַרמאַטערט פֿון וועג און איך בין הונגעריק".

דער אַלטער האָט געענדיקט עסן. האָט ער אַרויסגע־נומען געלט און געלאָזן אויפֿן טיש. מיכה האָט גענומען דאָס געלט און אַרײַנגעלייגט צוריק אין דעם זאַק וואָס דער אַלטער האָט געהאַט מיט זיך. דער אַלטער האָט זיך גע־מאַכט ניט וויסנדיק. בײַם אַוועקגיין האָט ער געזאָגט: — „זאָל גאָט געבן אַז דײַנע קינדער און די קינדער פֿון דײַנע קינדער זאָלן עסן די טייטלען פֿון אָט דעם טייטלבוים".

אַרויסנעמען, אַרויסגענומען
אַרײַנלייגן, אַרײַנגעלייגט
זיך אָפּרוען, זיך דערפֿרייען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. צו וואָס האָט מיכה געשטעלט אַ טיש און בענק אונטערן טייטלבוים?
2. פֿאַרוואָס האָט מיכה צוריק אַרײַנגעלייגט דאָס געלט אין דעם אַלטנס זאַק?
3. וואָס פֿאַר אַ ברכה האָט דער אַלטער געגעבן מיכהן?
4. ווער, מיינט איר, איז געווען דער אַלטער מאַן?

טייטלבוים, דער	date-palm	בענק	benches
פֿאַרפֿלאַנצן	to plant	דערפֿרייען זיך	to become happy
		אַרײַנלייגן	to put into

ב.

עס זײַנען געקומען שלעכטע צײַטן פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק. די רוימער האָבן אײַנגענומען ארץ־ישׂראל. זיי האָבן געפֿאַנגען אַ סך ייִדן. די רוימער האָבן אויך געפֿאַנגען מיכהס קינדער און זיי געפֿירט קיין רוים.

אויפֿן וועג צוריק האָט דער קיניג פֿון די רוימער געזען דעם שיינעם טייטלבוים און ער האָט געזאָגט: — „אַזאַ שיי־נעם טייטלבוים האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען. ברענגט מיר פֿון זײַנע טייטלען".

ווען דער קיניג האָט אויפֿגעגעסן איין איינציקן טייטל, איז דאָסביינדל געבליבן אים אין האַלדז. ער האָט דאָס ביינדל ניט געקענט אויסשפּײַען. ער האָט דאָס ביינדל ניט געקענט אַראָפּשלינגען. דער קיניג איז געוואָרן קראַנק. האָט מען דעם קיניג אויף אַ בעט געטראָגן קיין רוים.

מע האָט דעם קיניג געבראַכט אַהיים. מע האָט גערופֿן די גרעסטע דאָקטוירים. זיי האָבן זיך שטאַרק געמיט ביז

זיי האָבן דאָסביינדל אַרויסגענומען פֿון דעם קיניגס האַלדז.

מע האָט דאָס ביינדל אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצ־טער. דאָס ביינדל איז אַרײַן אין דער ערד. פֿון דעם ביינדל איז געוואָרן אַ בוים, אַ גרויסער, הויכער טייטלבוים.

מיכהס קינדער האָבן געוואוינט ניט ווײַט פֿון דעם אָרט וואו עס איז געוואַקסן דער טייטלבוים. אַז עס פֿלעגט קומען ט״ו בשבט האָבן מיכהס קינדער געגעסן די טייטלען פֿון דעם בוים, אַזוי ווי דער אַלטער האָט געבענטשט.

מיכהס אייניקלעך זײַנען אַוועק וואוינען אין אַנדערע לענדער. נאָר יעדערער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ ביינדל פֿון אַ טייטל. אומעטום וואו מיכהס אייניקלעך זײַ־נען געקומען, האָבן זיי פֿאַרפֿלאַנצט אַ ביינדל פֿון דעם טייטלבוים. אומעטום האָבן זיי געגעסן די טייטלען פֿון דעם טייטלבוים וואָס זייער זיידע האָט פֿאַרפֿלאַנצט.

דעריבער טרעפֿט זיך אַז ווען יידישע קינדער עסן טייט־לען ט״ו בשבט — זאָגן זיי אָדער טראַכטן זיי: ווער ווייסט, אפֿשר זײַנען מיר אויך פֿון מיכהס קינדס־קינדער.

(י. שטיינבערג)

קינדס־קינדער	אײַננעמען, אײַנגענומען
אַראָפּשלינגען	עס טרעפֿט זיך

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געשען מיט אַ ביינדל פֿון מיכהס טייטלבוים?
2. פֿאַרוואָס עסט מען ט״ו בשבט ארץ־ישׂראל־פֿרוכט?
3. האָבן יידן אַלע מאָל געפֿילט אַ ליבשאַפֿט צו ארץ־ישׂראל?
4. קען מען זאָגן אַז מיר זײַנען טאַקע פֿון מיכהס קינדס־קינדער? ווי אַזוי?

אײַננעמען to conquer
פֿאַנגען to capture

קינדער גייען

קינדער גייען אין די רייען,
מיט געזאַנג און מיט געשרייען.
הענט געשלאָסן ליב און טרײַ,
שפּאַנען קינדערלעך פֿאַרבײַ.

אייגלעך גלאַנצן, פֿיסלעך טאַנצן,
ביימלעך קליינע צו פֿאַרפֿלאַנצן.
גלײַכע, שטאָלצע, ניט געבויגן,
מיט נצחון פֿינקלען אויגן.

זײַט געבענטשט, איר קינדער ליבע,
זײַט געגריסט, איר באַרג און טאָל.
אפֿשר וועט אונדז נאָך באַשערט זײַן
פֿלאַנצן ביימער דאָרט אַמאָל.

(רחל, יידיש — שזר)

געשלאָסן, דאָ:	clasped
טרײַ, געטרײַ	loyal, faithful
שפּאַנען — גייען	
גלײַך, דאָ:	straight
געבויגן	bent
נצחון	(nitsokhn) victory



אַמעריקע

די טײַכן דאָ — שפּיגלען
און זינגען פֿון פֿרייד;
און פֿייגל — די פֿליגלען
אין הייכן צעשפּרייט.

און „הייל פֿון די ווינטן" —
גאָטס וואונדערלעך ווערק;
די שטראַלן וואָס צינדן
די שפּיצן פֿון בערג.

און מדבר פֿון דורות —
באַהערשט און באַזיגט;
און וועלדער און פּרעריס,
וואָס גריסן אַנטציקט.

און לאָנקעס וואָס צירן —
ווי סאַמעט געבעט;
און וועגן וואָס פֿירן
צו אַלערליי שטעט.

און פֿעלקער פֿאַרשידן
וואָס לעבן באַנאַנד
און בויען אין פֿרידן
דאָס גליקלעכע לאַנד.

(אַבֿרהם רייזען)

שפּיגלען	to mirror	ווערק, דאָס	work
הייכן	heights	שפּיץ, דער	peak
באַהערשן	to rule over	לאָנקע, די	lawn
באַזיגן	to defeat	צירן	to adorn, to decorate
גריסן	to greet		
אַנטציקט	enthused	געבעט	made a bed
הייל, די	cave	פֿאַרשידן	different various
באַנאַנד	together		

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די ייִדן פֿון ניופּאָרט

א.

ניופּאָרט איז אַן אַלטע שטאָט. און ייִדן וואוינען אין ניופּאָרט שוין אַ סך, אַ סך יאָרן.

ווען עס איז געווען די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, האָבן ייִדן פֿון ניופּאָרט זייער אַ סך געהאָלפֿן אין דער מלחמה מיט די ענגלענדער. די רעוואָלוציע האָט געוואונען, די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען געווען פֿרײַ, און דער ערשטער פּרעזידענט איז געווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

ווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז געווען פּרעזידענט, איז ער איינמאָל געקומען צו גאַסט אין ניופּאָרט. ער איז געקומען מיט אַ שיף פֿון ניו־יאָרק. אַלע מענטשן פֿון דער שטאָט זײַנען געקומען אים באַגעגענען. צווישן זיי איז געווען דער אַלטער משה לאָפּעז.

וואַשינגטאָן האָט געקענט לאָפּעזן. ער האָט געוואוסט וואָס לאָפּעז האָט געטאָן פֿאַר דער רעוואָלוציע. האָט אים דער פּרעזידענט געפֿרעגט:

— „פֿאַרדריסט אײַך ניט וואָס איר האָט פֿאַרלאָרן אַלע אײַערע שיפֿן אין דער מלחמה? די ענגלענדער האָבן דאָך צוגענומען אַלע אײַערע שיפֿן“.

האָט דער אַלטער משה לאָפּעז געענטפֿערט:

— „ניין, עס פֿאַרדריסט מיך ניט וואָס איך האָב פֿאַרלאָרן מײַנע שיפֿן. איך בין גרייט אויך איצט אַוועקצוגעבן פֿאַר מײַן לאַנד אַלץ וואָס איך האָב“.

וואַשינגטאָן איז געווען זייער צופֿרידן מיט דעם ענטפֿער און האָט געליובט דעם אַלטן ייִד.

דער פֿירער פֿון די ייִדן אין ניופּאָרט איז געווען משה

סײַשאַס. האָט ער אין נאָמען פֿון אַלע ייִדן געלײענט אַזאַ באַגריסונג:

„גאָט האָט צוגעזאָגט ייִדן דאָס לאַנד כּנען, און יהושע האָט געבראַכט די ייִדן אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. גאָט האָט צוגעזאָגט דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און דזשאָרדזש װאַשינגטאָן האָט זײ באַפֿרײַט. דזשאָרדזש װאַשינגטאָן איז אַזױ װי יהושע".

פּרעזידענט װאַשינגטאָן איז געװען זײער צופֿרידן מיט אַזאַ שײנער באַגריסונג. ער האָט געזאָגט:

— „איך װעל אָט די װערטער קײנמאָל ניט פֿאַרגעסן. איך דאַנק אײַך. איך װעל אײַך ענטפֿערן אויף אײַער שײנער באַגריסונג".

אַװעקגעבן — צונעמען	כּנען	יהושע

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. האָבן די ייִדן פֿון ניופּאָרט געהאָלפֿן אין דער אַמעריקאַנער רעװאָלוציע?
2. װאָס האָט משה לאָפּעז פֿאַרלאָרן אין דער מלחמה מיט די ענגלענדער?
3. װאָס האָט װאַשינגטאָן אים געפֿרעגט?
4. װאָס האָט משה לאָפּעז אים געענטפֿערט?
5. װאָס האָט משה סײַשאַס געזאָגט אין זײַן באַגריסונג?
6. פֿאַרװאָס איז דעם פּרעזידענט אַזױ געפֿעלן געװאָרן די באַגריסונג פֿון די ייִדן?

כּנען	(Kna-an) Canaan	ענגלענדער	Englishman, Englishmen
יהושע	(Yehoyshua) Joshua		
רעװאָלוציע, די	revolution	באַגריסונג, די	greeting

ב.

דזשאָרדזש װאַשינגטאָן האָט געהאַלטן װאָרט. ער האָט געענטפֿערט אויף דער שײנער באַגריסונג פֿון די ייִדן פֿון ניופּאָרט. ער האָט זײ אָנגעשריבן אַ בריװ.

אַלע ייִדן פֿון ניופּאָרט זײַנען געקומען אין דער סינאַגאָגע, װאו מע האָט געלײענט דעם בריװ פֿון פּרעזידענט

וואַשינגטאָן. אין דעם בריוו האָט פּרעזידענט וואַשינגטאָן געשריבן:

„ייִדן וועלן אַלע מאָל קענען לעבן אין אַמעריקע פֿרײַ. ייִדן וועלן דאָ קענען בלײַבן ייִדן. קיינער וועט זיי ניט שטערן צו גלייבן ווי זיי ווילן, צו לעבן ווי זיי ווילן. עס וועלן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַלע מאָל זײַן די זעלביקע געזעצן פֿאַר ייִדן ווי פֿאַר אַלע אַנדערע מענטשן. ייִדן וועלן דאָ האָבן גלײַכע רעכט".

ייִדן פֿון ניופּאָרט זײַנען געווען גליקלעך, ווען זיי האָבן געהערט וואָס עס שרײַבט זיי דער ערשטער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. וואַשינגטאָנס בריוו צו די ייִדן אין ניופּאָרט איז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. אָט דער בריוו איז אונדז אַלעמען טײַער.

גלײַכע רעכט	די זעלביקע געזעצן
האַלטן וואָרט	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געהאַלטן וואָרט?
2. וואָס האָט וואַשינגטאָן געשריבן אין זײַן בריוו צו די ייִדן פֿון ניופּאָרט?
3. ווי האָבן זיך געפֿילט די ייִדן, ווען זיי האָבן געהערט וואָס וואַשינגטאָן שרײַבט זיי?
4. פֿאַרוואָס איז דער בריוו וויכטיק (important) פֿאַר ייִדן?
5. האָבן ייִדן גלײַכע רעכט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן?
6. וואו און ווען האָבן ייִדן ניט געהאַט קיין גלײַכע רעכט?
7. וואו האָבן ייִדן איצט ניט קיין גלײַכע רעכט?

to keep a promise	האַלטן וואָרט
until today	ביזן הײַנטיקן טאָג

אַ ייִדישע מיידל און וואַשינגטאָן

א.

ער טאַטע איז אַוועק מיט די פּאַטריאָטן און קיינער ווייסט ניט, צי ער לעבט. די מאַמע איז געשטאָרבן. לעבט רבקה ביי דער באָבען.

די באָבע איז אַן אַלטע און אַ קראַנקע. זינט דער טאַטע איז ניטאָ, שלאָפט זי ניט גאַנצע נעכט און זי וויינט זייער אָפט.

איינמאָל זאָגט רבקה צו דער באָבען: — „לאָז מיך פאָרן קיין פילאַדעלפיע. דאָרטן וואוינט חיים סאָלאָמאָן. איך וועל אים בעטן, ער זאָל מיר העלפן געפינען דעם טאַטן״.

די באָבע האָט ניט געוואָלט אַז רבקה זאָל פאָרן אַליין. אָבער ווען זייערער אַ שכן איז געפאָרן קיין פילאַדעלפיע, האָט די באָבע געלאָזט רבקהן מיטפאָרן.

רבקה איז אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיע. זי איז אַוועק צו חיים סאָלאָמאָן. ער איז אָבער ניט געווען אין דער היים. האָט רבקה זיך געזעצט וואַרטן. זי איז געווען פאַרמאַטערט פון וועג, און זי איז איינגעשלאָפן אין דעם גרויסן שטול וואו זי איז געזעסן.

ווען רבקה האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי געזען מענטשן אין צימער און געהערט וואָס זיי רעדן. זי האָט געהערט ווי איינער זאָגט: — „מע דאַרף עס איבערגעבן דעם גענעראַל וואַשינגטאָן. עס איז זייער וויכטיק אַז דער גענעראַל וואַשינגטאָן זאָל עס וויסן״.

און דער צווייטער האָט געזאָגט: — „עס איז ניטאָ וועמען צו שיקן. עס איז שווער צו קומען צו אים. פאַר אונדזערן אַ מענטשן איז דער וועג זייער געפערלעך״.

רבֿקה איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט. — „שיקט מיך! איך וויל גיין צו גענעראַל וואַשינגטאָן. איך וויל אים פֿרעגן וואו איז מײַן טאַטע".

די מענטשן זײַנען געווען זייער פֿאַרוואונדערט. רבֿקה האָט דערציילט פֿאַרוואָס זי וויל גיין צום גענעראַל וואַשינג־טאָן. אָבער חיים סאָלאָמאָן האָט געזאָגט:

— „מע קען ניט שיקן אַ מיידל פֿון צוועלף־דרײַצן יאָר איינע אַליין אויף אַזאַ געפֿערלעכן וועג".

— „איך וועל זיך איבערטאָן פֿאַר אַ יינגל!" — האָט רבֿקה אויסגעשריִען, — „איך וועל זיך אָנטאָן ווי אַ יינגל פֿון אַ דאָרף וואָס טראָגט אייער צו פֿאַרקויפֿן, וועל איך קע־נען דורכגיין דעם וועג".

רבֿקה האָט געבעטן און געבעטן די מענטשן, ביז זיי האָבן געזאָגט:

— „גוט, זאָל זײַן אַזוי".

רבֿקה האָט אָפּגעשאָרן אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ. זי האָט זיך איבערגעטאָן אין קליידער פֿון אַ יינגל. זי האָט אײַנגענייט אַ בריוו צו גענעראַל וואַשינגטאָן אין איר היטל.

אויפֿן וועג האָט רבֿקה געטראָפֿן ענגלענדער. זיי האָבן זי געלאָזט דורכגיין. זי איז אָנגעקומען צום גענעראַל, אים איבערגעגעבן דעם בריוו. דערנאָך האָט זי געפֿרעגט אויף איר פֿאָטער.

— „איך געדענק זייער גוט דײַן פֿאָטער", — האָט וואַ־שינגטאָן געענטפֿערט זייער פֿרײַנדלעך, — „איך ווייס אָבער ניט וואָס עס איז געשען מיט אים. קען זײַן אַז די ענגלענדער האָבן אים געפֿאַנגען. קען זײַן אַז ער לעבט ניט מער. ער איז מיט נאָך עטלעכע העלדישע סאָלדאַטן געגאַנגען אויס־קוקן דעם שונא. קיינער פֿון זיי איז ניט געקומען צוריק".

רבֿקה איז געוואָרן זייער טרויעריק. אויב גענעראַל וואַ־

שינגטאָן קען ניט זאָגן וואו דער טאַטע געפינט זיך — ווער וועט איר עס זאָגן?

אויסטאָן, אָנטאָן, איבערטאָן, איבערטאָן זיך
שלאָפן, איינשלאָפן, אויפכאַפּן זיך

פּ ר אַ ג ע ס:

1. פאַרוואָס האָט רבֿקה געדאַרפט לעבן ביי דער באָבען?
2. ווער איז געווען חיים סאָלאָמאָן?
3. פאַרוואָס האָט די באָבע ניט געוואָלט לאָזן רבֿקהן פאָרן אַליין?
4. ווי אַזוי האָט רבֿקה געקענט הערן אַ וויכטיקן שמועס אין חיים סאָלאָמאָנס הויז?
5. וואָס האָט רבֿקה פאָרגעלייגט (proposed)?
6. ווי האָט רבֿקה זיך איבערגעטאָן?
7. האָט רבֿקה איבערגעגעבן דעם וויכטיקן בריוו?
8. וואָס האָט איצט רבֿקה געוואוסט וועגן איר פאָטער?

פּאַטריאָט, דער	patriot	דאָרף	village
איבערגעבן	to transmit, to hand over	אָפּגעשאָרן	cut off (with scissors)
וויכטיק	important	צעפּ	braids
איבערטאָן זיך	to change	אויסקוקן	to scout to reconnoiter, to survey
אייער	eggs		

ב.

אויף מאָרגן האָט רבֿקה געדאַרפט גיין צוריק. גענעראַל וואַשינגטאָן האָט זי גערופן. ער האָט זי געבעטן אויפן וועג צוריק איבערגעבן אַ צעטעלע צו אַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט וואָס לעבט פאַרשטעלט ווי אַ טאָרי צווישן די טאָרים. רבֿקה האָט זיך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק דעם נאָמען פון דעם מענטשן און וואו ער וואוינט. דאָס צעטעלע האָט זי ווידער איינגענייט אין היטל.

פאַרן אַוועקגיין האָט גענעראַל וואַשינגטאָן זיך געזעגנט מיט רבֿקהן:

— „גיי געזונטערהייט, קליינע יידישע מיידל פֿון לאַנ־קעסטער. אויב דו פֿירסט דורך וואָס איך האָב געבעטן, זאָג איך דיר צו אַז אויף דײַן חתונה וועסטו טאַנצן אין אַ קלייד וואָס פֿרוי וואַשינגטאָן וועט דיר אויפֿנייען".

דער וועג צוריק איז געווען אַ שווערער. עס האָט גע־רעגנט די גאַנצע צײַט. פֿון הינטער אַ בוים איז אַרויס אַן אינדיאַנער מיט אַ ביקס. ער האָט איר געזאָגט:

— „קום מיט מיר". — דער אינדיאַנער האָט זי געפֿירט, ביז ער האָט זי געבראַכט צו אַן ענגלישן גענעראַל.

דער אינדיאַנער האָט געזאָגט אַז ער האָט געזען ווי דער יינגל איז געקומען פֿון וואַשינגטאָנס לאַגער.

די פֿאַרשטעלטע רבֿקה האָט דערציילט אַז זי איז אַ יידישער יינגל, אַ יתום, און לעבט בײַ דער באָבען. רבֿקה האָט געהאַלטן אין די הענט דאָס היטל. רעדנדיק מיטן גענעראַל, האָט רבֿקה אַ ריס געטאָן דאָס היטל, אַרויסגענו־מען דאָס צעטעלע, גיך עס אַרײַנגעלייגט אין מויל און אַראָפּ־געשלונגען. דער גענעראַל האָט עס באַמערקט. ער האָט אויסגעשריען:

— „וואָס איז געווען אין צעטעלע?"

— „איך ווייס ניט", — האָט רבֿקה געענטפֿערט.

— „צו וועמען האָט מען דיך געשיקט מיטן צעטע־לע?" — האָט דער גענעראַל ווידער געשריען.

— „איך האָב פֿאַרגעסן", — האָט רבֿקה געזאָגט.

פּלוצלינג האָט רבֿקה דערהערט פֿון אַ צווייטן צימער ווי עמעצער מאַכט אַ ברכה. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר. זי עפֿנט די טיר און זי זעט — בײַ אַ טיש זיצט איר טאַטע. איר טאַטע האָט אויפֿגעהויבן אויף איר די אויגן, אָבער ער האָט זי ניט דערקענט.

דער גענעראַל האָט געהייסן, מע זאָל רבֿקהן פֿאַר־שפּאַרן אין שטאַל. צו איר האָט ער געזאָגט:

— „מע וועט דיר ניט געבן צו עסן ביז דו וועסט ניט דערציילן צו וועמען דו האָסט געטראָגן דאָס צעטעלע‟.

אַרײַנלייגן, אַרײַנגעלייגט
אַראָפּשלינגען, אַראָפּגעשלונגען
רײַסן, אַ ריס טאָן

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. וואָס האָט וואַשינגטאָן געבעטן אַז רבֿקה זאָל פֿאַר אים טאָן?
2. וואָס האָט ער צוגעזאָגט רבֿקהן?
3. וואָס איז געשען מיט רבֿקהן אויפֿן וועג צוריק?
4. פֿאַרוואָס האָט רבֿקה אַראָפּגעשלונגען דאָס צעטעלע?
5. האָט רבֿקה קלוג געענטפֿערט אויף די פֿראַגעס פֿון ענגלישן גענעראַל?
6. פֿאַרוואָס, — מיינט איר — איז דער געפֿאַנגענער געזעסן אין אַ צימערל לעבן גענעראַל?
7. פֿאַרוואָס האָט דער פֿאָטער ניט דערקענט זײַן אייגענע טאָכטער?

חתונה, די	wedding	אַראָפּגעשלונגען	swallowed
אויפֿנייען	to sew	באַמערקן	to notice
אינדיאַנער	Indian	שטאַל, די	stable
ביקס	rifle	פֿאַרשפּאַרן	to lock up
לאַגער, דער	camp		

ג.

דער געפֿאַנגענער ייִד האָט געוואוסט אַז אַ ייִדישער ייִנגל איז פֿאַרשפּאַרט אין שטאַל און אַז ער הונגערט דאָרטן. בײַנאַכט איז ער שטילערהייט צוגעקומען צום פֿענצטערל פֿון שטאַל. ער האָט געבראַכט אַ שטיקל ברויט פֿאַר דעם געפֿאַנגענעם ייִנגל. עס איז געווען פֿינצטער. רבֿקה האָט דערקענט די שטים פֿון איר פֿאָטער, און דער געפֿאַנגענער האָט פּלוצלינג דערהערט:

— „איך בין דײַן טאָכטער רבֿקה‟.

איר פֿאָטער האָט קוים זיך אײַנגעהאַלטן ניט אויסצושרײַען. ער איז גיך געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

— „וואַרט ביז מאָרגן בײַנאַכט. איך וועל דיך ראַטעווען‟.

רבֿקה האָט געוואַרט אַ גאַנצן טאָג. עס איז ווידער גע־קומען די נאַכט. עס איז געווען שטיל. פּלוצלינג הערט זי ווי דער וועכטער פֿרעגט:

— „ווער גייט דאָ?"

דערנאָך הערט זי אַ קלאַפּ. אַ מינוט שפּעטער עפֿנט איר פֿאָטער די טיר פֿון שטאַל:

— „איך האָב דיר געבראַכט קליידער פֿון אַ מיידל. טו זיך גיך איבער". אַליין האָט ער אַראָפּגענומען די קליי־דער פֿון דעם ענגלישן סאָלדאַט וואָס איז געלעגן אַ גע־הרגעטער.

זיי ביידע זײַנען אַרויס אין דער פֿינצטער. זיי האָבן געזוכט אַ וועג אַרויסצוגיין פֿון לאַגער. מע האָט זיי ביידן געכאַפּט. מע האָט ביידן געבראַכט פֿאַרן מיליטערישן גע־ריכט און ביידן געמשפּט און פֿאַרמשפּט צום טויט. מע האָט זיי פֿאַרשפּאַרט אין אַ קעלער. אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט מען געזאָלט ביידן דערשיסן.

ווען דער פֿרימאָרגן איז געקומען, האָבן די פֿאַרמשפּטע אין קעלער געהערט אַ טומל אין לאַגער. מע האָט צעבראָכן די טיר פֿון קעלער. דער פֿאָטער און די טאָכטער האָבן דערזען פֿאַר זיך אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן. מע האָט זיי ביידן אַוועקגעפֿירט צו גענעראַל וואַשינגטאָן וואָס האָט זיך דערפֿרייט מיט זיי.

זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

שפּעטער האָט די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע געזיגט. עס זײַנען געקומען רואיקע יאָרן.

רבֿקה איז אויסגעוואַקסן. זי דאַרף באַלד חתונה האָבן. צו דער חתונה האָט זי פֿאַרבעטן דעם פּרעזידענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און זײַן פֿרוי. זי האָט באַקומען אַ מתנה פֿון פֿרוי וואַשינגטאָן: אַ שיין חתונה־קלייד. פֿרוי וואַשינגטאָן האָט איר געשריבן אַז זי האָט אַליין פֿאַר איר דאָס קלייד גענייט.

דער ערשטער פּרעזידענט און זײַן פֿרוי האָבן צו רבֿקהס חתונה ניט געקענט קומען. אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט מען רבֿקהן און איר מאַן פֿאַרבעטן צו אַ באַל וואָס פּרעזי־דענט וואַשינגטאָן גיט פֿאַר זייער חשובֿע געסט. ווען רבֿקה האָט געטאַנצט אין איר חתונה־קלייד, האָט זי געהערט ווי איינער פֿרעגט דעם פּרעזידענט:

— „ווער איז דאָס אײַער גאַסט, אָט די יונגע פֿרוי וואָס טאַנצט דאָרטן?"

— „דאָס איז די ייִדישע מיידל פֿון לאַנקעסטער, מײַן שליח", — האָט רבֿקה געהערט וואַשינגטאָנס ענטפֿער.

(לויט עלמאַ עהרליך־לעווינדזשער)

זיך אײַנהאַלטן	קומען צו זיך	פֿאַרמשפּטן
חתונה, חתונה האָבן		

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָט דער געפֿאַנגענער ייִד געטאָן פֿאַרן פֿאַרשפּאַרטן ייִנגל?
2. וואָס האָט ער באַשלאָסן צו טאָן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז דאָס איז זײַן טאָכטער?
3. פֿאַרוואָס האָט מען ביידן פֿאַרמשפּט צום טויט?
4. ווי האָבן זיי ביידע זיך געראַטעוועט?
5. האָט פּרעזידענט וואַשינגטאָן געהאַלטן וואָרט?
6. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען רבֿקה?
7. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען רבֿקהס פֿאָטער?

calm down	קומען צו זיך
next	קומענדיק
guard	וועכטער
fainted	געחלשט
military	מיליטעריש
court	געריכט
to sentence to death	פֿאַרמשפּטן צום טויט
cellar	קעלער, דער
to execute by shooting	דערשיסן, דאָ:
(sholi-akh) messenger	שליח

לינקאָלן און אַ ייִדישער סאָלדאַט

א.

עס איז געווען פֿאַרנאַכט. דוד לעווי, אַ ייִדי־שער סאָלדאַט פֿון דער פּאָטאָמעק־אַרמיי, האָט בּאַקומען אַ בּריוול פֿון דער היים: „דײַן מאַמע איז געפֿערלעך קראַנק. זי האַלט בײַם שטאַרבּן. זי וויל דיך זען איידער זי שטאַרבּט".

דוד לעווי האָט זייער ליב געהאַט זײַן מאַמע. טרערן האָבּן אים געשטיקט אין האַלדז. מיטן בּריוו אין האַנט איז דוד לעווי אַוועק צום קאָמאַנדיר בּעטן אַ דערלויבּעניש צו גיין זען די מוטער.

דער קאָמאַנדיר האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט:

— „איך פֿאַרשטיי דײַנע געפֿילן, סאָלדאַט. אָבּער איצט איז מלחמה. מיר זײַנען אין אַ בּיטערן קאַמף. ניין, סאָלדאַט. עס פֿאַרדריסט מיך, אָבּער קיין דערלויבּעניש וועסטו ניט קריגן. פֿאַרשטייסט, סאָלדאַט?"

יאָ, דוד לעווי האָט פֿאַרשטאַנען. ער איז אַ פֿרײַוויליקער אַרײַן אין דער אַרמיי צו קעמפֿן פֿאַר דער בּאַפֿרײַאונג פֿון די שקלאַפֿן. ער איז אַלע מאָל געווען אַ גוטער און בּראַווער סאָלדאַט. אָבּער זײַן מאַמע... ער וואָלט כאָטש נאָך איין מאָל געוואָלט האַלטן אירע הענט און איר זאָגן פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער איז אַוועק אין דער אַרמיי:

— „מאַמע, זאָרג ניט! איך וועל קומען אַהיים אַ געזונטער, און מיר וועלן זיך אַלע פֿרייען".

זי האָט דעמאָלט געוואָלט וויינען, אָבּער זי האָט ניט געוויינט. אַך, ווי ער וואָלט געוואָלט זי איצט זען און זאָגן: מאַמע, זאָרג ניט! דו וועסט נאָך געזונט ווערן און מיר

וועלן זיך אַלע פֿרייען. אָבער איצט שטאַרבט זי — און ער וועט זי שוין מער ניט זען...

אַזוי טראַכטנדיק איז דוד לעווי אַרויס פֿון מיליטערישן לאַגער אויפֿן פֿרײַען פֿעלד. פֿון פֿעלד איז ער אַרײַן אין וואַלד. ער איז אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען איבער וועלדער און פֿעלדער. ווען ער איז אויף מאָרגן געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפֿן ווי זײַן פֿאַמיליע האָט אין גרויס טרויער זיך געגרייט צו דער לוויה פֿון דער מוטער. ער האָט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף איר טויטן פּנים.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מען אים אַרעסטירט ווי אַ דעזערטיר פֿון דער אַרמיי. אויף מאָרגן איז ער שוין געשטאַנען פֿאַר אַ מיליטערישן געריכט. עס האָבן ניט געהאָלפֿן די רייד פֿון דעם סאָלדאַט: „איך בין פֿון דער אַרמיי ניט אַנטלאָפֿן, איך בין בלויז געגאַנגען אַ קוק טאָן אויף מײַן שטאַרבנדיקער מוטער“. דאָס געריכט האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט. מע האָט דעם סאָלדאַט געזאָלט דערשיסן מאָרגן אין דער פֿרי, ווי נאָר די זון וועט אויפֿגיין.

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען דוד לעווי?
2. צוליב וואָס האָט ער געבעטן בײַם קאָמאַנדיר אַ דערלויבעניש אַוועקצוגיין אויף עטלעכע טעג?
3. פֿאַרוואָס האָט אים דער קאָמאַנדיר ניט געגעבן די דערלויבעניש?
4. איז דער קאָמאַנדיר געווען גערעכט?
5. איז דוד לעווי געווען גערעכט, ווען ער איז אַוועק אַהיים אָן אַ דערלויבעניש?
6. איז דאָס מיליטערישע געריכט וואָס האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט געווען גערעכט?
7. ווער האָט אים איצט געקענט ראַטעווען?

דערלויבעניש	permission	קעמפֿן	to fight, to struggle
קאָמאַנדיר, דער	commander	באַפֿרײַאונג, די	liberation
געפֿיל, דאָס	feeling	לוויה, די	(levaye) funeral
קאַמף, דער	struggle	אַרעסטירן	to arrest
פֿרײַוויליקער	volunteer	דעזערטיר, דער	deserter

ב.

עס איז געווען שפּעט אין אָוונט. שמעון וואָלף, אַ ייִדי־שער פֿירער אין וואַשינגטאָן, האָט דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר. ער האָט געעפֿנט די טיר, און אַ פֿרעמדער האָט אין גרויס אויפֿרעגונג געזאָגט:

— „מיסטער וואָלף, מע האָט היינט מיינעם אַ פֿריינד, אַ ייִדישן סאָלדאַט, פֿאַרמשפּט צום טויט. ער איז אומשול־דיק. לייענט דעם בריוו, וועט איר אַלץ וויסן. ראַטעוועט אַ בראַוון און איידעלן סאָלדאַט פֿון טויט! טוט אַלץ וואָס איר קענט״.

שמעון וואָלף איז גלייך אַוועק צו זיין פֿריינד, טאָמאַס קאַרווין, קאָנגרעסמאַן פֿון אָהײַאָ. ער האָט אים דערציילט די מעשׂה און אים געבעטן:

— „גייט מיט מיר צום פּרעזידענט. לאָמיר ראַטעווען פֿון טויט אַן אומשולדיקן מענטשן!״

— „מיין פֿריינד״, — האָט געזאָגט קאַרווין, — „ס׳איז דאָך שוין אין מיטן נאַכט, דער פּרעזידענט שלאָפֿט שוין געוויס. מיר וועלן וואַרטן ביז אין דער פֿרי״.

— „מאָרגן אין דער פֿרי וועט שוין זיין צו שפּעט״, — האָט געענטפֿערט שמעון וואָלף. — „דער פּרעזידענט האָט אַן איידעלע נשמה. ער וועט פֿאַרשטיין אַז ווען איינער לויפֿט זען זיין שטאַרבנדיקע מוטער איז ער ניט קיין דעזערטיר. קום, מיין פֿריינד, איך בעט דיך!״

עס איז געווען צוויי אַזייגער אין מיטן נאַכט, ווען לינ־קאָלן האָט זיי אויפֿגענומען. ער האָט אויסגעהערט זייער בקשה און האָט זיי געזאָגט:

— „אוממעגלעך, מיינע פֿריינד! עס פֿאַרדריסט מיך זייער, איך קען גאָרניט טאָן. היינט ביי טאָג איז ביי מיר גע־ווען דער קריגס־מיניסטער און האָט מיר געזאָגט אַז אויב איך וועל באַגנעדיקן נאָך איין סאָלדאַט, וועט ער רעזיגנירן.

מיר פֿירן איצט אַ מלחמה, און מיר מוזן האָבן דיסציפּלין אין דער אַרמיי".

— „מיסטער פּרעזידענט", — האָט געזאָגט וואָלף, — „דערלויבט מיר אײַך צו פֿרעגן: וואָס וואָלט איר געטאָן ווען איר קריגט אַ בריוו אַז אײַער מוטער וויל אײַך זען, אײדער זי שטאַרבט?"

לינקאָלן האָט אַ קוק געטאָן אויף וואָלפֿן, אים גאָרניט געענטפֿערט. ער האָט גלײַך גערופֿן זײַן סעקרעטאַר און געהייסן שיקן אַ טעלעגראַם צום קאָמאַנדיר פֿון דער פּאָטאָמעק־אַרמיי, אַז ער זאָל גלײַך באַפֿרײַען דעם סאָלדאַט דוד לעווי.

מעגלעך — אוממעגלעך	שולדיק — אומשולדיק
בקשה	נשמה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז געווען שמעון וואָלף און פֿאַרוואָס איז מען געקומען צו אים?
2. האָט שמעון וואָלף געקענט דעם פֿאַרמשפּטן ייִדישן סאָלדאַט?
3. ווי אַזוי איז ער געווען זיכער אַז דער פֿאַרמשפּטער איז טאַקע אומשולדיק?
4. פֿאַרוואָס האָט מען געמוזט גיין צום פּרעזידענט אין מיטן נאַכט?
5. קען מען איצט אָנקומען צום פּרעזידענט אין מיטן נאַכט?
6. פֿאַרוואָס האָט לינקאָלן ניט געוואָלט באַגנעדיקן דעם אומשולדיקן סאָלדאַט?
7. וואָס האָט באַווירקט (influenced) דעם פּרעזידענט לינקאָלן אים יאָ צו באַגנעדיקן?
8. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען פּרעזידענט לינקאָלן?

אויפֿרעגונג, די	anxiety	באַגנעדיקן	to pardon
אומשולדיק	innocent	רעזיגנירן	to resign
אײדל	noble	דערלויבן	to permit, to allow
נשמה, די	(neshome) soul	אויפֿגענומען, דאָ	received
קריג, דער	war	אוממעגלעך	impossible

ג.

עס זײַנען אַוועק עטלעכע חדשים. אַ טײל פֿון דער פּאָטאָמעק־אַרמײ האָט באַגעגנט אַ טײל פֿון דער קאָנ־פֿעדעראַציע־אַרמײ וואָס איז געגאַנגען אויף וואַשינגטאָן.

די שלאַכט צווישן די בײדע אַרמײען איז געווען זײער אַ ביטערע. עס האָט אויסגעזען אַז די קאָנפֿעדעראַציע־אַרמײ זיגט. דער פֿירער און דער פֿאָנען־טרעגער פֿון דער יוניאָן־אַרמײ זײַנען בײדע געפֿאַלן. די סאָלדאַטן האָבן שוין אָנגעהויבן לויפֿן אויף צוריק.

פּלוצלינג האָט דער יונגער ייִדישער סאָלדאַט דוד לעווי אויפֿגעהויבן די געפֿאַלענע פֿאָן. מיט דער פֿאָן אין האַנט האָט ער געשריִען: „ברידער, פֿאָרויס! לאָזט דעם שונא ניט גײן אויף וואַשינגטאָן!" ער איז געלאָפֿן פֿאָרויס און די אַנדערע סאָלדאַטן נאָך אים — און מע האָט פֿאַרטריבן דעם שונא.

נאָך דער שלאַכט האָט מען געפֿונען דוד לעווין אַן אײַנגעוויקלטן אין דער אַמעריקאַנער פֿאָן. דאָס בלוט פֿון זײַן האַרץ האָט זיך צונױפֿגעמישט מיט די פֿאַרבן פֿון דער פֿאָן.

ווען לינקאָלן האָט באַקומען דעם באַריכט פֿון יענער שלאַכט, האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט און געזאָגט:

— „איך דאַנק גאָט וואָס איך האָב געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון אַזאַ העלד, כּדי ער זאָל קענען מיט זײַן לעבן אויפֿטאָן אַזאַ גרויסע זאַך פֿאַרן לאַנד".

צום אָנדענק פֿון יענער שלאַכט האָט לינקאָלן געהײסן שטעלן אַ מאָנומענט נאָכן ייִדישן סאָלדאַט דוד לעווי אויף דעם אָרט וואו ער איז געפֿאַלן.

(ל. סילווער)

זיג, זיגן, זיגער	פֿאַלן, געפֿאַלן	לויפֿן, געלאָפֿן
פֿאָרויס		

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווי אַזוי איז דוד לעווי געוואָרן אַ העלד?
2. איז אייבּ לינקאָלן געווען אַ העלד?
3. ווער איז אַ העלד?
4. וואָס האָט לינקאָלן געזאָגט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווי דוד לעווי איז געפֿאַלן אין שלאַכט?
5. אַ סאָלדאַט איז ווי אַ העלד געפֿאַלן אין שלאַכט — ווי פֿילט זיך זײַן מוטער?

to win a battle or a war	זיגן
to get mixed	צונויפֿמישן זיך
wrapped in	אײַנגעוויקלט
report	באַריכט, דער
commemoration	אָנדענק, דער

דער שלעכטער תּלמיד

א.

דאָס איז געווען נאָכן בירגערקריג. אין אַ קליין שטעטל איז אַ ייִנגל געשטאַנען אויפֿן דאַך פֿון אַ הויז. ער האָט דורך אַ טעלעסקאָפּ געקוקט אויפֿן הימל. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבּן צו שרײַבּן עפּעס אין אַ העפֿט. די זון האָט דערווײַל געשײַנט דורכן טעלעסקאָפּ.

אַ וואָגן מיט היי האָט זיך אָפּגעשטעלט בּײַ דעם הויז. פּלוצלינג האָט אָנגעהויבּן צו גיין אַ רויך פֿון דעם וואָגן. אין אַ מינוט אַרום האָט שוין דאָס היי געבּרענט. די פֿערד האָבּן זיך דערשראָקן און גענומען לויפֿן מיט דעם בּרענענדיקן וואָגן.

עס איז געוואָרן אַ טומל אין שטעטל. מענטשן זײַנען געלאָפֿן נאָך די פֿערד און זיי אָפּגעשטעלט. אַנדערע האָבּן געבּראַכט וואַסער און אויסגעלאָשן דאָס פֿײַער. אָבּער דער גאַנצער וואָגן היי איז שוין געווען פֿאַרבּרענט.

— „פֿאַרוואָס האָט דאָס היי אָנגעהויבּן בּרענען? —
פֿרעגן זיך די מענטשן. מע האָט געקוקט אין אַלע זײַטן און

מע האָט דערזען דעם טעלעסקאָפּ אויפֿן דאַך פֿון הויז. מע האָט געזען ווי די זון שײַנט דורכן טעלעסקאָפּ. האָט מען שוין פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי עס איז געוואָרן דאָס פֿײַער. צווישן די מענטשן וואָס האָבן אויסגעלאָשן דאָס פֿײַער איז אויך געווען דער טאַטע פֿון דעם ייִנגל.

דער מאַן פֿון דעם וואָגן היי האָט געזאָגט צו אים:

— „איר וועט מיר מוזן באַצאָלן וואָס דער וואָגן היי קאָסט".

— „גוט", — האָט דער טאַטע געזאָגט, — „איך וועל אײַך באַצאָלן. קומט שפּעטער אַרײַן צו מיר אין קראָם".

— „אַלבערט! קום אַראָפּ, קום גלײַך אַראָפּ!" — האָט דער פֿאָטער גערופֿן דעם ייִנגל. אַלבערט האָט זיך אַזוי ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און איז אַראָפּ צום טאַטן.

— „דו ווייסט וואָס דו האָסט אויפֿגעטאָן מיט דײַן טעלעסקאָפּ? האָסט פֿאַרבּרענט אַ וואָגן מיט היי".

אַלבערט האָט געשוויגן. די מוטער איז געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן.

— „וואָס טוט מען מיט אַלבערטן?" — האָט זי געזאָגט, — „מיט אַ וואָך צוריק האָט מען אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שול. נעכטן האָט ער עפּעס געמאַכט אַן עקספּערימענט און דערווײַל צעבּראָכן די גרויסע שויב פֿון פֿענצטער. הײַנט האָט ער פֿאַרבּרענט אַ וואָגן היי. וואָס וועט זײַן דער סוף?"

— „איך בּין ניט דער איינציקער וועמען דער לערער גריימס האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שול. נעכטן האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן דעם מעקסיקאַנער ייִנגל פּעדראָ און נאָך פֿריִער דעם אינדיאַנער סאַנטשאָ. ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן אַלע קינדער וואָס זײַנען ניט קיין ווײַסע. מיך האָט ער פֿײַנט ווײַל איך בּין אַ ייִד. איך לערן מיט די קינדער וואָס מע האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שול. פּעדראָס טאַטע האָט אַ שטאַל, דאָרטן לערן איך מיט די קינדער".

דער טאַטע האָט געזאָגט: — „מיסטער גריימס האָט מיך גערופֿן צו זיך און געזאָגט אַז ער האָט אַרויסגעשיקט פֿון שול די קינדער וואָס האָבן אים געשטערט אין לערנען. וועגן דיר האָט ער געזאָגט אַז דו פֿרעגסט צו פֿיל פֿראַגעס און דו מיינסט אַז ער, דער לערער, ענטפֿערט זיי ניט ריכטיק".

— „דאָס איז ניט אמת! די קינדער האָבן זיך גוט געלערנט. און וואָס בין איך שולדיק אַז ער קען ניט ענטפֿערן אויף מײַנע פֿראַגעס?"

— „אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן?" — זאָגט די מאַמע, — „וואָס וועט זײַן דער סוף?"

— „איך ווייס וואָס איך וועל טאָן", — האָט אַלבערט געזאָגט, — „איך וועל גיין אין קאָלעדזש".

— „ווי אַזוי קענסטו גיין אין קאָלעדזש?" — פֿרעגט דער טאַטע, — „אין קאָלאָראַדאָ איז קיין קאָלעדזש ניטאָ. דאָס איז אַ נײַער שטאַט. און מיר האָבן ניט קיין געלט דיך צו שיקן אין אַ קאָלעדזש אין די מזרח־שטאַטן".

— „איך האָב אַ פּלאַן", — האָט אַלבערט געענטפֿערט, — „איך ווייס ווי מע קען גיין אין קאָלעדזש אָן געלט. מע קען אָנקומען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אין וועסט־פּאָינט. דאָרטן קאָסט ניט קיין געלט. דאָרטן גיט מען נאָך געלט זיך צו לערנען".

— „גוט", — האָט דער טאַטע געזאָגט, — „איך קען אונדזער קאָנגרעסמאַן. דו וועסט אָבער בײַם עקזאַמען דאַרפֿן קריגן דעם בעסטן צייכן, ווײַל יעדער קאָנגרעסמאַן קען באַשטימען נאָר איין קאַנדידאַט פֿאַר וועסט־פּאָינט".

די שטאָט, דער שטאַט
אַ וואָגן היי, אַ פֿור עפּל, אַ זאַק מעל

פֿראַגעס:

1. ווי אַזוי האָט דער וואָגן היי געקומען ברענען?
2. וואָס פֿאַר אַ צרות האָבן די עלטערן געהאַט פֿון אַלבערטן?
3. פֿאַרוואָס האָט דער לערער, מיסטער גריימס, אַרויסגעוואָרפֿן קינדער פֿון שול?
4. איז ער געווען גערעכט?
5. וואָס פֿאַר אַ פּלאַן האָט אַלבערט געהאַט?
6. ווי האָט מען געקענט אָנקומען אין וועסט־פּאָינט?
7. וואָס פֿאַר אַ יינגל איז געווען אַלבערט?

Civil War	בירגערקריג
hay	היי
put out, extinguished	אויסגעלאָשן
only one	איינציקער
(Mizrekh) East, Eastern	מזרח
appoint, nominate, designate	באַשטימען, דאָ:

ב.

אַלבערט האָט ביים עקזאַמען באַקומען דעם העכסטן צייכן. דער קאָנגרעסמאַן האָט געזאָגט אַז איצט יועט מען אַלבערטן אָננעמען אין וועסט־פּאָינט. ער דאַרף נאָר האָבן אַ בריוו פֿון זיין שול אַז ער האָט אַ גוטן כאַראַקטער. אָבער וועט דען מיסטער גריימס שרייבן אַזאַ בריוו?

— „קום מיט מיר, אַלבערט, לאָמיר גיין צו מיסטער גריימס", — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— „איך וועל גיין", — האָט אַלבערט געענטפֿערט, — „אָבער איך בין זיכער אַז מיסטער גריימס וועט ניט אָנ־שרייבן קיין גוטן בריוו וועגן מיר".

ווען אַלבערט און זיין פֿאָטער זיינען געקומען צום לע־רער פֿון דער שול, איז דאָרטן גראָד געזעסן דער מעיאָר פֿון שטעטל. האָט דער מעיאָר געפֿרעגט:

— „מיסטער מײַקלסאָן, וואָס טוט איר דאָ?"

אַלבערטס פֿאָטער האָט דערציילט וועגן וואָס ער איז געקומען:

— „מיין זון האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען מיטן

העכסטן צייכן אויף אָנגענומען צו ווערן אין וועסט־פּאָינט. אונדזער קאָנגרעסמאַן האָט צוגעזאָגט אים צו רעקאָמענדירן. מיר זײַנען געקומען נאָך אַ בריוו פֿון מיסטער גריימס וועגן אַלבערטס כאַראַקטער".

מיסטער גריימס האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און גע־רעדט מיט כּעס:

— „דער ווילדער בחור וויל ווערן אַן אָפֿיציר אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי? ! ער איז נאָר 17 יאָר אַלט און ער מיינט אַז ער קען שוין אַלץ. איך האָב אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער שול, ווײַל ער האָט מיר געשטערט. איך וועל אים קיין בריוו ניט געבן".

אַלבערט און זײַן פֿאָטער האָבן קיין וואָרט ניט געענטפֿערט. דער מעיאָר האָט אויך געשוויגן, אָבער ער האָט באַשלאָסן אויסצוגעפֿינען וואָס קומט דאָ פֿאָר.

דער מעיאָר האָט זיך דערוואוסט אַז מיסטער גריימס האָט אַרויסגעשיקט פֿון דער שול אַלע מעקסיקאַנער און אינדיאַנער קינדער. ער האָט אויך אַרויסגעשיקט דעם איינ־ציקן ייִדישן ייִנגל. דער מעיאָר האָט זיך אויך דערוואוסט אַז אַלבערט לערנט יעדן טאָג מיט די קינדער וואָס מע האָט זיי אַרויסגעשיקט פֿון שול.

דער מעיאָר האָט גערופֿן די מענטשן פֿון שטאָטראָט און אַלץ דערציילט. מע האָט באַשלאָסן צו רופֿן דעם לע־רער, מיסטער גריימס. דער מעיאָר האָט אים געפֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס האָט איר אַרויסגעשיקט אַזוי פֿיל קינ־דער פֿון שול?"

— „ווײַל זיי האָבן זיך שלעכט געלערנט און געשטערט די אַנדערע קינדער", — האָט מיסטער גריימס געענטפֿערט.

— „פֿאַרוואָס האָט איר אַרויסגעשיקט נאָר די ניט־ווײַסע קינדער און דעם ייִדישן ייִנגל? זײַנען ניטאָ קיין ווײַ־

סע קריסטן וואָס לערנען זיך שלעכט ?" — האָט דער מעיאָר ווידער געפֿרעגט.

מיסטער גריימס איז געוואָרן רויט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט גאָרניט געקענט רעדן פֿון גרויס אויפֿרעגונג. האָט דער מעיאָר ווײַטער געזאָגט:

— „מיר ווייסן פֿאַרוואָס. איר האָט פֿײַנט קינדער וואָס זײַנען ניט קיין ווײַסע קריסטן. איר דיסקרימינירט קעגן זיי".

מיסטער גריימס האָט שטיל געענטפֿערט: — „קען זײַן אַז איר זײַט גערעכט".

— „מיר דאַרפֿן געפֿינען אַן אַנדער לערער", — האָבן געזאָגט עטלעכע מענטשן פֿון שטאָטראָט.

אָבער אַלבערטס פֿאָטער, וואָס איז אויך דאָרטן געווען, האָט געזאָגט:

— „מיסטער גריימס פֿאַרשטייט איצט אַז ער האָט געטאָן שלעכטס. זאָל ער צוזאָגן אַז ער וועט אַלע קינדער נעמען צוריק אין שול, וועט ער קענען בלײַבן דער לערער".

מיסטער גריימס האָט צוגעזאָגט. ער איז געבליבן אין שטעטל.

אָננעמען, אָנגענומען	אָנקומען, אָנגעקומען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. צו וואָס האָט אַלבערט געדאַרפֿט האָבן אַ בריוו פֿון זײַן לערער ?
2. פֿאַרוואָס האָט זײַן לערער ניט געוואָלט געבן אַ רעקאָמענדיר־בריוו ?
3. וואָס האָט דער מעיאָר אויסגעפֿונען ?
4. צוליב וואָס איז געווען די זיצונג פֿון שטאָטראָט ?
5. וואָס איז געוואָרן קלאָר אויף דער זיצונג ?
6. זײַנען די מענטשן פֿון שטאָטראָט געווען פֿאַר דיסקרימינאַציע ?
7. מיט וואָס האָט זיך געענדיקט די גאַנצע זאַך ?
8. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען אַלבערטס פֿאָטער ?

character	כאַראַקטער
(bokher) boy, guy, young man	בחור
to accept	אָננעמען
city council	שטאָטראָט
to send away	אַרויסשיקן
to happen, to take place	פֿאָרקומען

ג.

מיסטער גריימס האָט איצט אָנגעשריבן אַ שיינעם בריוו וועגן אַלבערטס כאַראַקטער. דער מעיאָר האָט דעם בריוו אַוועקגעשיקט דעם קאָנגרעסמאַן. ער האָט אים דער־ציילט וועגן דער גאַנצער מעשׂה. אַלבערטס עלטערן זײַנען איצט געווען צופרידן, אָבער אַלבערט איז געווען טרויעריק. ער האָט געוואוסט אַז מע האָט דערווײַל אין וועסט־פּאָינט אָנגענומען אַן אַנדער בחור. ווי וועט ער קענען גיין אין קאָלעדזש?

עס זײַנען אַוועק עטלעכע וואָכן. איין מאָל שטייט אַלבערט אין קראָם און העלפט דעם טאַטן. פּלוצלינג קומט אַרײַן דער קאָנגרעסמאַן.

— „מזל־טובֿ!" — זאָגט ער צו אַלבערטן, — „אין סעפּטעמבער קענסטו אָנהייבן זיך לערנען".

— „ווי אַזוי קען דאָס זײַן?" — האָט זיך אַלבערט געוואונדערט, — „איר האָט דאָך דערווײַל געשיקט אַן אַנ־דער בחור אין וועסט־פּאָינט. וואו קען איך איצט זיך לער־נען?"

דער קאָנגרעסמאַן האָט געשמייכלט: — „דו ביסט טאַקע זייער קלוג, אָבער דו האָסט עפּעס פֿאַרגעסן. אונדזער לאַנד האָט אַן אַרמיי, אָבער מיר האָבן אויך אַ פֿלאָט, און דער פֿלאָט האָט זײַן קאָלעדזש אין אַנאַפּאָלים. יעדער קאָנ־גרעסמאַן קען שיקן איינעם אין וועסט־פּאָינט און איינעם אין אַנאַפּאָלים. שיק איך דיך אין אַנאַפּאָלים. דאָרטן לערנט מען אויך גאַנץ גוט".

אין שטעטל האָט מען שוין געהערט די נײַעס און אַלע האָבן זיך געפֿרייט. מיסטער גריימס איז געקומען צו אַל־בערטן און אים גראַטולירט. אין סעפּטעמבער איז אַלבערט אַוועק אין אַנאַפּאָלים.

***

די מעשׂה איז אַן אמתע. אַלבערט איז שפּעטער געװאָרן דער באַרימטער פּראָפֿעסאָר מײַקלסאָן, דער גרױסער געלערנטער אין פֿיזיק. אין דעם יאָר 1907 האָט ער באַקומען דעם נאָבל־פּריז פֿאַר פֿיזיק, װײַל ער האָט צוגעטראַכט אַ מאַשין װי צו מעסטן די גיכקײט פֿון ליכט. זײַן אַרבעט האָט שפּעטער געהאָלפֿן אײַנשטײנען.

(י. גאָסקאָװיץ)

פֿראַגעס:

1. װען זאָגט מען מזל־טובֿ?
2. האָט דער קאָנגרעסמאַן געהאַט אין זינען צו העלפֿן אלבערטן?
3. צוליבֿ װאָס איז אַלבערט געפֿאָרן קײן אַנאַפּאָליס? האָט ער געחלומט צו װערן אַן אַדמיראַל?
4. האָט אַלבערט דערגרײכט זײַן ציל?
5. װאָס פֿאַר אַ כאַראַקטער דאַרף מען האָבן צו קענען דערגרײכן אַזאַ ציל װי אַלבערטס?

מזל־טובֿ	(mazltov) congratulations! good luck
פֿלאָט, דער	navy
גראַטולירן	to congratulate
מעסטן	to measure
גיכקײט	speed
צוטראַכטן, דאָ:	to invent





די מגילה

אַמאָל איז געווען
אַ קיניג אַ נאַר,
און המן זײַן דינער,
אַ ביטערער האַר.

האָט המן דער בייזער
געגעבן אַ זאָג:
נעמט הרגעט די ייִדן —
און אַלע אין איין טאָג.

האָט אסתּר די מלכּה —
אַ ייִדישע פֿרוי,
געוויינט פֿאַרן קיניג
אַזוי און אַזוי:

אָ, העלף מיר, מײַן קיניג,
מײַן פֿאָלק איז אין נויט,
דער המן וויל ברענגען
אויף ייִדן דעם טויט.

און באַלד האָט דער קיניג
צעבייזערט זיך שטאַרק:
נעמט הענגט אים, דעם המן,
אין מיטן פֿון מאַרק!

און אסתּרס פֿעטער —
מרדכי דער ייִד,
האָט געזונגען פֿאַר ייִדן
אַ פּורימדיק ליד.

געהערט האָבן ייִדן
און האָבן געלאַכט,
און זיסע המן־טאַשן
אויף פּורים געמאַכט.

(י. גויכבערג)

צעבייזערן זיך to become very angry הרגען (hargen) to kill

די מעשה פֿון פּורים

א.

מאָל איז געווען אַ מעשה. די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ נאַרישן מלך. זי לאָזט זיך אויס זייער פֿריילעך.

דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה. ער איז אויף איר אין כּעס געוואָרן און געהייסן זי טייטן. און אַז מע האָט זי געטייט, איז זײַן כּעס אָפּגעגאַנגען. האָט דער מלך חרטה געהאַט וואָס ער האָט זי געטייט.

גרויסער נאַר — האָט דער מלך אויף זיך אַליין געזאָגט, — וואָס האָב איך געטאָן? ווי אַזוי קען זײַן אַ מלך אָן אַ מלכּה? האָבן זײַנע דינערס פֿאַר אים געפֿונען אַן אַנדער מלכּה. איר נאָמען איז געווען אסתּר. זי איז געווען נאָך שענער פֿון דער ערשטער מלכּה. דער מלך האָט זייער ליב געהאַט די נײַע מלכּה. וואָס זי האָט געבעטן, האָט ער איר געגעבן. און דער מלך האָט ניט געוואוסט אַז אסתּר איז אַ ייִדישע מיידל.

אין דעם קיניגס הויז איז געווען אסתּרס פֿעטער. מע האָט אים גערופֿן מרדכי הצדיק, ווײַל ער איז געווען אַ גוטער מענטש. הערט איין מאָל מרדכי הצדיק, ווי צוויי דינערס ריידן צווישן זיך אַז זיי ווילן פֿאַרסמען דעם מלך. איז מרדכי אַוועק און האָט עס דערציילט אסתּרן, און אסתּר האָט עס דערציילט דעם מלך. האָט מען די צוויי דינערס אויפֿגעהאַנגען. די גאַנצע געשיכטע האָט מען פֿאַרשריבן אין דעם קיניגס בוך.

אין קיניגס הויז איז געווען אַ שלעכטער מענטש. זײַן נאָמען איז געווען המן. ווײַל ער איז געווען שלעכט, האָט מען אים גערופֿן המן הרשע. דער נאַרישער קיניג האָט

ליב געהאַט המן הרשע. און ער האָט געהייסן — אַלע זאָלן זיך בוקן פֿאַר אים. האָבן אַלע זיך געבוקט פֿאַר אים. נאָר איין מרדכי הצדיק האָט זיך פֿאַר אים ניט געוואָלט בוקן. איז המן הרשע אין כּעס געוואָרן אויף מרדכין, און ווען ער האָט געהערט אַז מרדכי איז אַ ייִד, האָט ער געוואָלט טייטן מרדכין און אויסהרגענען אַלע ייִדן.

איז המן אַוועק צום נאַרישן מלך און געזאָגט צו אים:

— „אַדוני מלך, זאָלסט לעבן און זײַן פֿריילעך! פֿאַרקויף מיר אַלע ייִדן פֿון דײַן לאַנד און איך וועל זיי אויסהרגענען".

זאָגט צו אים דער נאַרישער מלך: — „נעם זיי".

איז המן אַוועק פֿריילעך פֿון דעם מלך.

מרדכי הצדיק און אַלע ייִדן האָבן געהערט פֿון דער מעשׂה. האָבן זיי אַלע ביטער געוויינט. מרדכי איז אַוועק צו אסתּר המלכּה און איר געזאָגט:

— „דו ביסט דאָך אַליין אַ ייִדיש קינד. בעט דעם נאַרישן מלך, ער זאָל די ייִדן ניט אויסהרגענען".

מרדכי הצדיק	המן הרשע	מע ווערט אין כּעס
דער כּעס גייט אָפּ		

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי אַזוי איז אסתּר געוואָרן די מלכּה?
2. פֿאַרוואָס האָט אסתּר ניט געזאָגט דעם מלך אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער?
3. ווי אַזוי האָט מרדכי געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן?
4. ווער איז געווען המן?
5. פֿאַרוואָס האָט מרדכי זיך ניט געבוקט פֿאַר המנען?
6. וואָס האָט המן געטאָן?

צדיק	(tsadik) righteous man
רשע	(roshe) wicked man
אַדוני מלך	(adoyni meylech) my lord the King, your majesty
פֿאַרסמען	(farsamen) to poison
אויפֿגעהאַנגען	hanged

ב.

יענע נאַכט האָט דער נאַרישער מלך זיך געלייגט שלאָפֿן. דער קאָפּ האָט אים ווי געטאָן און ער האָט ניט געקענט אײַנשלאָפֿן. האָט ער גערופֿן אַ דינער, ער זאָל אים לייענען פֿון קיניגס בוך וואו אַלץ איז פֿאַרשריבן.

נעמט דער דינער לייענען דאָס בוך. קומט ער צו צו אַ מעשׂה ווי מרדכי הצדיק האָט געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן, ווען צוויי דינערס האָבן אים געוואָלט פֿאַרסמען. פֿרעגט דער מלך בײַם דינער:

— „האָט מען מרדכין באַלוינט פֿאַרן ראַטעווען מײַן לעבן ?"

האָט דער דינער געענטפֿערט: — „ניין. אין בוך איז קיין זאַך ניט פֿאַרשריבן".

רופֿט אויס דער מלך: — „ווער איז איצט אין הויף? שיקט מיר אים אַרויף".

המן איז גראָד געווען אין הויף. ער איז געקומען בעטן דעם מלך, ער זאָל אים לאָזן אויפֿהענגען מרדכין.

ענטפֿערט מען דעם מלך: — „המן, המן איז דאָ".

ענטפֿערט דער מלך: — „זאָל ער אַרײַנקומען".

קומט אַרײַן המן הרשע. פֿרעגט בײַ אים דער מלך: — „זאָג מיר, וואָס זאָל מען טאָן דעם מענטשן וואָס דער מלך האָט אים ליב" ?

טראַכט המן בײַ זיך אין האַרצן: וועמען האָט דער מלך ליב, אויב ניט מיך? זאָגט ער דעם מלך: — „אַדוני מלך, אָט וואָס מען דאַרף טאָן דעם מענטשן וואָס דער מלך האָט ליב: זאָל מען דעם מענטשן אָנטאָן אין קיניגלעכע קליידער, זאָל מען אים אַרויפֿזעצן אויפֿן קיניגס פֿערד און אָנטאָן אויפֿן קאָפּ דעם קיניגס קרוין. און זאָל דער גרעסטער מיניסטער אים פֿירן איבער אַלע גאַסן און שרײַען: אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן וואָס דער קיניג האָט אים ליב".

— „דו האָסט גוט געזאָגט, המן. טאָ נעם און טו דאָס אַלץ צו מרדכין״.

אַז המן האָט דאָס דערהערט, איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער קומט בעטן דעם מלך, מע זאָל אים לאָזן אויפֿהענגען מרדכין — הייסט אים דער מלך גאָר טאָן אַזאַ זאַך!

אָבער אַז דער מלך הייסט, מוז מען פֿאָלגן. איז המן אַוועק, האָט אָנגעטאָן די קיניגלעכע קליידער אויף מרדכין. ער האָט אים אַרויפֿגעזעצט אויפֿן קיניגלעכן פֿערד און אָנגעטאָן אים די קיניגלעכע קרוין אויפֿן קאָפּ. און המן האָט אַרומגעפֿירט מרדכין איבער אַלע גאַסן און געשריִען אויפֿן קול: — „אַזוי ווערט געטאָן צו אַ מענטשן וואָס דער קיניג האָט אים ליב״.

קליינע קינדער האָבן דאָס געזען. האָבן זיי זיך געפֿרייט און געטאַנצט און געשפּרונגען און געזונגען:

מרדכי הצדיק רײַט אויפֿן פֿערד,
המן הרשע גייט אום אויף דער ערד.

היסן, פֿאָלגן
עס ווערט ליכטיק (פֿינצטער) אין די אויגן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. האָט דער קיניג געהאַט פֿאַרגעסן אַז מרדכי האָט אים געראַטעוועט פֿון טויט?
2. האָט דער קיניג אַליין געוואוסט ווי צו באַלוינען מרדכין?
3. פֿאַרוואָס האָט המן פֿאַרגעלייגט (proposed)? אַזאַ גרויסע באַלוינונג?
4. ווי האָט המן הרשע זיך געפֿילט, ווען ער האָט אַליין געדאַרפֿט אָפּגעבן מרדכין אַזוי פֿיל כּבֿוד?

to place upon	אַרויפֿזעצן
to take (to lead) around	אַרומפֿירן

ג.

אסתּר המלכּה איז געקומען צום מלך און האָט אים געבעטן: — „לאָז ניט אַז המן דער רשע זאָל אויסהרגענען אַלע ייִדן. איך אַליין בין אויך אַ ייִדישע. אויב מע וועט הרגענען אַלע ייִדן, וועט מען מיך אויך הרגענען".

דער מלך האָט דערזען אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. ער איז אין כּעס געוואָרן אויף המנען און ער האָט געהייסן אויפהענגען המנען אויף דער זעלביקער תּליה וואָס ער האָט געמאַכט פאַר מרדכין.

מרדכי און אַלע ייִדן זײַנען געבליבן לעבן. עס איז געווען פריילעך און לעבעדיק. מע האָט געמאַכט אַ יום־טובֿ פּורים. מען איז אַרויס אין די גאַסן מיט טענץ און געזאַנג.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן המן
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענטשט זאָל זײַן מרדכי
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענטשט זאָל זײַן די מלכּה
וואָס האָט געהייסן אסתּר!

און קינדער האָבן אויך געטאַנצט און געזונגען:

המן הרשע ליגט אין דער ערד,
מרדכי הצדיק פאָרט אויפן פערד!
הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס!
גיט מיר אַ גראָשן און טרײַבט מיך אַרויס!

און די קינדער האָבן געשלאָגן המנען מיט גראַגערס. און אַלע יאָר, ווען עס קומט פּורים, דערמאָנט מען זיך די מעשׂה מיטן נאַרישן מלך און עס ווערט זייער פריילעך. און מיר ליידיקן אויס אַלע פלאַשן, ווײַל פּורים איז אַ מצווה צו נאַשן.

פּורים דאַרפֿן אַלע טרינקען און עסן און אויך די אָרעמע ניט פֿאַרגעסן.

(לעאָן עלבע)

ס׳איז אַ מצווה צו...	בעסטער — ערגסטער
פֿאַרגעסן — זיך דערמאָנען	

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געווען המנס סוף?
2. פֿאַרוואָס האָט מען געמאַכט דעם יום-טובֿ פּורים?
3. געדענקט איר די לעצטע צוויי שורות פֿון דעם קינדער-לידל וועגן פּורים?
4. קענט איר זיך דערמאָנען נאָך מנהגים פֿון דעם יום-טובֿ פּורים?

תליה	(tli-ye) gallows	פֿאַרשאָלטן	cursed
פֿלאַש, די	bottle	אויסליידיקן	to empty
גראָשן, דער	penny		

המנס פּלאַן

זיי ווייסן אַלע המנס פּלאַן
און מאַכן זיך ניט וויסן.
רואיק שלאָפֿט די שטאָט שושן,
ס׳איז רואיק איר געוויסן.
אַלע האָבן זיך מסתּמא
צו דעם טאָג געגרייט,
געפֿרייט האָט זיך דער רשע המן
מיט אַ גרויסער פֿרייד.

נאָר ניט געוואוסט האָט כּוש און הודו
אַז פֿון גרויסן שטורעם
וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם
און אַ יום-טובֿ פּורים.

(חנן קיעל)

צוליב די קינדער

המן הרשע האָט שוין געהאַט פֿאַרטיק זײַן פּלאַן ווי אַזוי אויסצוהרגענען אַלע ייִדן. ער האָט אַזוי געטראַכט:

איך וועל אויפֿהענגען מרדכין אויף דער תּליה. וועלן די ייִדן ניט האָבן קיין פֿירער. אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט אַזוי פֿיל ייִדן? פֿון וועמען זאָל איך אָנהייבן?

און ער האָט באַשלאָסן:

איך וועל אָנהייבן פֿון די קינדער. איך וועל כאַפּן אַלע ייִדישע קינדער. איך וועל זיי אויסהרגענען. די ייִדישע מוטערס וועלן נאָך ניט וויסן אַז זייערע קינדער זײַנען טויט. זיי וועלן ברענגען עסן פֿאַר די קינדער. וועל איך כאַפּן די ייִדישע מוטערס און זיי אויסהרגענען. דערנאָך וועל איך טייטן די ייִדישע פֿאָטערס.

דאָס איז געווען המנס פּלאַן. אָבער מרדכי האָט געוווּסט פֿון המנס פּלאַן אויסצוהרגענען אַלע ייִדן. מרדכי און אסתּר האָבן אויסגערופֿן:

„דרײַ טעג און דרײַ נעכט זאָלן אַלע ייִדן פֿאַסטן און בעטן גאָט. עס זײַנען געווען ייִדישע מאַמעס וואָס האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער אַ ביסל עסן אָדער אַ ביסל טרינקען. די מאַמעס האָבן געטראַכט:

די קינדער זײַנען נאָך קליין, זיי מעגן אַ ביסעלע עסן אָדער אַ ביסעלע טרינקען, ווען די גרויסע פֿאַסטן.

אָבער אַלע ייִדישע קינדער האָבן ניט געוואָלט ניט עסן און ניט טרינקען, ווען די גרויסע פֿאַסטן. זיי האָבן געזאָגט:

— „מיר זײַנען ייִדישע קינדער. אויך אונדז וויל המן אויסהרגענען. דאַרפֿן מיר אויך פֿאַסטן ווי די גרויסע״.

אַלע ייִדישע קינדער האָבן געפֿאַסט און געבעטן גאָט, ער זאָל רחמנות קריגן אויף ייִדן.

און גאָט האָט געזען ווי ייִדישע קינדער עסן ניט און טרינקען ניט, ווי זיי פֿאַסטן ווי די גרויסע, ווי זיי בעטן בײַ אים רחמנות. און גאָט האָט רחמנות געקריגן אויף די ייִדישע קינדער און ער האָט באַשלאָסן:

צוליב די ייִדישע קינדער וועט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק זיך ראַטעווען! און אַזוי איז טאַקע געווען.

און אַזוי איז טאַקע געשען —
אַלץ צוליב די ייִדישע קינדער!

רחמנות האָבן, רחמנות קריגן	
פֿאַסטן	מעגן — ניט טאָרן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געווען המנס פּלאַן?
2. וואָס האָבן ייִדן געטאָן אַז גאָט זאָל רחמנות קריגן?
3. וואָס האָבן די מוטערס געטראַכט וועגן די קינדער?
4. וואָס האָבן די קינדער געזאָגט?
5. צוליב וועמען האָט גאָט רחמנות געקריגן אויף אַלע ייִדן?

צוליב for the sake of

פֿאַסטן to fast

קום איך אַרײַן צו שפּרינגען

קום איך אַרײַן צו שפּרינגען
אויף אַ פּיסעלע לויז,
הייב איך אָן צו זינגען —
דער דלות איז מיר גרויס.
זינגען מיר, לויבן מיר
שושנת יעקבֿ.
זינגען מיר, לויבן מיר
שושנת יעקבֿ.

(פֿאָלקסליד)

פורים־שפּילערס

א.

— „געקומען די פּורים־שפּילערס! געקומען די פּורים־שפּילערס".

דערהערט פּורים־שפּילערס, שפּרינגען מיר אַלע אין איין רגע אַרויס פֿונעם טיש און מיר שטייען שוין אַלע אַרום דעם קיניג אַחשורוש מיט דער גילדענער קרוין.

— „גוט יום־טובֿ! — שיסן אויס די חבֿרה אַלע מיט איין מאָל, גאַנץ פֿריילעך, און מע שטעלט זיך אויס אין צוויי רייען. אויף אַ גילדענעם שטול זיצט דער קיניג אַחשורוש און מע זינגט אַ לידל.

— „דו ביסט יוסף הצדיק?" — רוף איך מיך אָן צו פֿײַוול דעם יתום, וואָס שטייט בײַ דער זײַט מיט אַן אומעטיק פּנים.

— „יוסף הצדיק", — מאַכט צו מיר פֿײַוול.

— „דו וועסט אויך שפּילן?" — פֿרעג איך אים.

— „אַז מע וועט מיר הייסן שפּילן, וועל איך שפּילן"— מאַכט צו מיר יוסף הצדיק און בייגט זיך אָן צו מיר אויפֿן אויער — „גיב מיר אַ שטיקל קוילעטש, פֿון אײַער פּורים־קוילעטש".

— „מע וועט דערזען, וועט מען זיך בייזערן", — מאַך איך צו אים שטילערהייט.

— „כאַפּ אַוועק אַזוי אַז קיינער זאָל ניט זען", — זאָגט ער צו מיר און די אייגעלעך גלאַנצן.

— „גנבֿענען?" — זאָג איך.

— „דאָס הייסט דען גענגבֿעט?" — מאַכט ער.

— „וואָס דען" — זאָג איך — „הייסט דאָס?"

— „איך בין טויט־הונגעריק" — זאָגט ער צו מיר שטי־
לערהייט און ער עסט דעם קוילעטש מיט די אויגן — „פֿון
גאַנץ פֿרי נאָך אין מײַן מויל ניט געהאַט".

דער גאַנצער עולם איז פֿאַרטיפֿט אין דער „שפּיל", גיי
איך צו פּאַמעלעך צום טיש, כאַפּ אָוועק אַ שטיק קוילעטש
און גיב דאָס אים אין האַנט אַרײַן. יוסף הצדיק לאָזט אַראָפּ
קונציק דאָס שטיקל קוילעטש אין קעשענע אַרײַן און טוט
מיר אַ קוועטש בײַ דער האַנט:

— „ביסט אַ וואוילער ייִנגל, געבן זאָל דיר גאָט אַל־
דאָס גוטס!"

אַלדאָס גוטס	טויט־הונגעריק	מאַכט צו מיר
נאָך אין מויל ניט געהאַט		

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער זײַנען געווען פּורים־שפּילערס?
2. וואָס האָבן זיי געשפּילט?
3. ווער איז געווען דער ייִנגל וואָס האָט געשפּילט יוסף הצדיק?
4. איז עס „גנבֿענען" דאָס געבן דעם ייִנגל אַ שטיקל קוילעטש?
5. ווי אַזוי זײַנען ביידע ייִנגלעך גיך געוואָרן פֿרײַנד?

יוסף הצדיק	(Yoysef Hatsadik)	אָוועקכאַפּן	to grab
שפּילער, דער	player	טויט־הונגעריק	starving
אויסשיסן, דאָ	to burst out, to shout	קונציק	tricky
מאַכן — זאָגן		פֿאַרטיפֿט	absorbed
קוילעטש — גרויסע חלה		וואויל	good
בייזערן זיך	to be angry	קוועטשן	to squeeze
		אַלדאָס	all, everything

ב.

— „אפשר ווילט איר, מיר זאָלן אײַך שפּילן 'מכירת־
יוסף' אויך?" — זאָגט דער קיניג אַחשורוש און טוט אויס
די גילדענע קרוין און טוט אָן אַ פּראָסטן היטל.

— „גענוג, גענוג" — מאַכט דער זיידע און ער גיט דעם

קיניג אַחשורוש אין האַנט אַרײַן אַ זילבערנע מטבע. די משפּחה האַלט אין זעצן זיך צוריק אויף די ערטער, כאַפּ איך מיך אַרויס אויף אַ מינוט באַגלייטן די „חבֿרה".

— „קום!" — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק, און נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט, — „קום מיט מיר, איך האָב דיך ליב, ביסט אַ וואוילער יינגל, זייער אַ וואוילער".

— „וואוהין?" — זאָג איך און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר.

— „צום קיניג אַחשורוש" — מאַכט ער צו מיר — „מיר שפּילן שוין מער הײַנט ניט. דאָס גייען מיר צום קיניג אַחשורוש צו דער סעודה".

יוסף הצדיק נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און מיר שפּאַנען איבער דער בלאָטע.

די נאַכט רוקט זיך אָן נענטער און נענטער, די בלאָטע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ טיפֿער. עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פֿליגל, עס טראָגט מיך אין דער לופֿט, אָט הייב איך אָן פֿליִען...

— „איך האָב מורא", — זאָג איך צו יוסף הצדיק און האַלט אים צו בײַ דער האַנט.

— „וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע?" — זאָגט יוסף הצדיק און קײַט דאָס שטיקל קוילעטש וואָס איך האָב אים געגעבן. — „דאָרט וועט זײַן אַ סעודה, נאַרעלע. דאָרט וועסטו הערן ווי מיר זינגען לידער... אוי, וואָס פֿאַר אַ קוילעטש בײַ אײַך איז! צעגייט זיך אין מויל ווי פּוטער!"

— „אַ טײַערע מציאה!" — זאָג איך — „בײַ אונדז עסט מען אַלע טאָג קוילעטש".

— „אַלע טאָג, קוילעטש?" — זאָגט יוסף הצדיק און באַלעקט זיך. — „און פֿלייש?"

— „אַלע טאָג", — זאָג איך.

— „אַלע טאָג" — מאַכט ער און טוט אַ שלונג, — „און איך עס פֿלייש נאָר איין מאָל אין וואָך, שבת; אי דאָס ניט אַלע שבת".

— „וואו איז דײַן טאַטע?" — פֿרעג איך אים.
— „איך האָב ניט קיין טאַטן".
— „וואו איז דײַן מאַמע?"
— „איך האָב ניט קיין מאַמע".
— „דער זיידע? די באָבע?"
— „איך האָב ניט קיין זיידן, איך האָב ניט קיין באָבע".
— „אַ פֿעטער? אַ מומע?"
— „איך האָב ניט קיין פֿעטער, איך האָב ניט קיין מומע".
— „אַ ברודער? אַ שוועסטער?"
— „איך האָב ניט קיין ברודער, איך האָב ניט קיין שוועסטער, איך האָב קיינעם ניט, קיינעם ניט, איך בין אַ יתום, בין איך!"

איך כאַפּ אַ קוק אויף זײַן פּנים און אויף דער לבֿנה, און עס דאַכט זיך מיר אַז ער און די לבֿנה האָבן איין קאָליר... איך רוק מיך צו צו אים נאָך נענטער און מיר לויפֿן נאָך דער „חבֿרה".

(לויט שלום-עליכם)

כאַפּן אַ קוק	אַרויסכאַפּן זיך
חבֿרה	עס צעגייט זיך אין מויל

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שפּיל „מכירת יוסף"?
2. וואָס פֿאַר אַ סעודה איז עס בײַם קיניג אַחשורוש?
3. פֿאַרוואָס דאַרף מען שפּאַנען איבער דער בלאָטע?
4. ווי פֿילט זיך דער רײַכער ייִנגל וואָס דערציילט די מעשׂה?
5. ווי לעבט זיך דעם אָרעמען ייִנגל?
6. ווי, מיינט איר, ענדיקט זיך שלום-עליכמס מעשׂה?

מכירת יוסף	(mekhiras Yoysef)
אַרויסכאַפּן זיך	to sneak out
בלאָטע, די	mud
אָנרוקן זיך, דאָ	to approach
נענטער	nearer
מציאה	(metsi-e) bargain
באַלעקן זיך	to lick one's lips
אי דאָס	even that
קאָליר, דער	color
צורוקן זיך	to come closer

פורים־ליד

אַלע שטיבער זײַנען אָפֿן.
קלײנע קינדער וואַרטן, האָפֿן
אַז די פּורים־שפּילערס וועלן
קומען שפּילן בײַ די שוועלן;
און זיי וועלן שפּילן, זינגען,
טאַנצן פֿריילעך, פֿריילעך שפּרינגען.
קלײנע קינדער וואַרטן, האָפֿן —
האָט עס טאַקע באַלד געטראָפֿן.
פּלוצעם הערט זיך אַזאַ לויפֿן
איבער גאַסן, איבער הויפֿן.
טיר און טויער זײַנען אָפֿן,
פּורים־שפּילערס אָנגעלאָפֿן!
מאַסקעס רויטע, בלויע, ווײַסע,
מיט אַ שפּיל און מיט אַ מעשׂה.
ס'איז אַ מעשׂה גאָרניט פֿריילעך,
מיט אַ גרויסן נאַר אַ מלך
און זײַן הויפּט, דעם רשע המן —
אַלע האָבן פֿײַנט זײַן נאָמען.
קלײנע קינדער וואַרטן, האָפֿן
אַז דער סוף וועט זײַן ניט ביטער —
האָט עס טאַקע באַלד געטראָפֿן
ווײַל ס'איז גאָט דאָך אונדזער היטער.
באַלד פֿאַלט המן, ס'פֿאַלט דער רשע,
און דער סוף איז גאָר נישקשה:
אַלע זײַנען מיר צופֿרידן,
ס'איז אַ יום־טובֿ הײַנט בײַ ייִדן.

(אלחנן אינדלמאַן)

שוועל	threshold
נישקשה	not bad

שווער לעבן

די נויט

אין ברוקלין אין אַ שטיבל,
אָן ווענט און אָן אַ דאַך
האָט זיך געוואוינט אַן אָרעמאַן
מיט קינדערלעך אַ סך.

און דאָרט בײַ זיי אין שטיבל
איז ניט געווען קיין ברויט,
ווײַל דאָרט אין שטיבל, האָט מיט זיי
געוואוינט די בייזע, גרויע נויט.

דער אָרעמאַן פֿלעגט אויפֿשטיין
אַז שלאָפֿן פֿלעגט די וועלט
און גיין צו פֿוס ביז אין ניו־יאָרק
פֿאַרדינען עפּעס געלט.

און אַז די זון פֿלעגט אויפֿגיין
און ביז די זון פֿאַרגייט —
די קינדער פֿלעגן וויינען שטאַרק:
— „אוי, מאַמע, מאַמע, ברויט!״



די גרויע נויט פּלעגט זיצן
בײַם אויוון אויף אַ שטיין
און זען אַלץ און פֿרייען זיך
און שאַרפֿן זיך די ציין.

די מאַמע פּלעגט דאָס זען
און ווײנען שטילערהייט
און טרייסטן אירע קינדערלעך:
„וואָס דאַרפֿט איר, קינדער, ברויט?“

איר ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע
איז אין ניו־יאָרק אַוועק,
ער וועט אײַך ברענגען פֿון ניו־יאָרק
צוויי גרויסע, פֿולע זעק, —

צוויי פֿולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלעך און מיט שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק זיס.

די קינדער פּלעגן הערן,
זיי האָבן זיך געפֿרייט,
און פּלעגן שוין דעם גאַנצן טאָג
ניט בעטן מער קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע
געוואַרט ביז שפּעט בײַנאַכט,
צו זען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיים געבראַכט!

דער אָרעמאַן פּלעגט קומען
בײַנאַכט, פֿאַרזאָרגט און מיד,

און זאָגן צו די קינדערלעך:
— „היינט האָב איך גאָרנישט ניט".

די קינדער נעמען וויינען:
— „אוי, ברויט, אַ שטיקל ברויט!"
דער טאַטע שווייַגט, די מאַמע זיפֿצט
און ווינטשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט בייַם אויוון —
זי זיצט זיך אויף איר שטיין,
און זעט אַלץ, און פֿרייט זיך אַלץ,
און שאַרפֿט זיך אַלץ די ציין.

נאָר איין מאָל האָט געטראָפֿן,
געשלאָפֿן איז די וועלט,
דער אָרעמאַן גייט אין ניו־יאָרק
פֿאַרדינען עפּעס געלט.

אָט ערשט איז ער פֿון שטיבל
צו פֿוס אַזוי אַוועק, —
און פּלוצלינג קומט ער באַלד צוריק
און טראָגט צוויי פֿולע זעק,

צוויי פֿולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלעך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק זיס.

און נעמט די קינדער וועקן,
ער וועקט זיי און ער לאַכט:
— „שטייט אויף, איר ליבע קינדערלעך,
זעט וואָס איך האָב געבראַכט!"

נו, האָט מען דאָס אין שטיבל
אַ ביסל זיך געפרייט!
נאָר ניט געפרייט האָט זיך מיט זיי
די בייזע, גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרן
אַ קליינע, קליינע גריל,
און איז פאַרקראָכן אונטערן דיל
און האָט צעוויינט זיך שטיל.

(מאַני לייב)

שאַרפן	to sharpen
האָניק, דער	honey
פאַרגיין	to set
זיפצן	to sigh
גריל, די	cricket
פאַרקראָכן	crept (under)

די מאַמע און די קינדער

א.

לאהס מאַן איז געשטאָרבן. זי איז געבליבן אַן אָרעמע אַלמנה מיט צוויי קליינע קינדער. דער זון ניסן איז געווען דער עלטערער, ער איז שוין געווען ניין יאָר אַלט. און דאָס קליינע טעכטערל רחלע איז נאָר געווען פינף יאָר.

לאה האָט געדאַרפט אַליין פאַרדינען פאַר זיך און פאַר די קינדער. האָט זי אָנגעהויבן נייען קליי־דעלעך פאַר קינדער. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן איינגע־בויגן איבער דער אַרבעט. זי האָט קוים פאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט.

אין אָוונט, ווען ניסן קומט פון דער יידישער שול, בלייבט ער זיצן מיט דער מאַמען און מיט דער שוועסטער אין שטוב. די חברים לויפן אַרום אין דרויסן, אָבער ניסן איז מיט זיין שוועסטערל. ער שניידט איר אויס פייגעלעך פון

פּאַפּיר און פֿון שטיקעלעך שטאָף מאַכט ער איר קליינע ליאַלקעס. ער איז גליקלעך, ווען ער זעט ווי די קליינינקע האָט פֿאַרגעניגן פֿון די שפּילעכלעך וואָס ער מאַכט. ער בעט אויך אויס פֿאַרן שוועסטערל דאָס בעטעלע. ער טוט איר אויס די שיכלעך און פֿאַרן שלאָף דערציילט ער איר אַ מעשה.

די גאַנצע צײַט זיצט די מאַמע אײַנגעבויגן בײַ דער נײַ־מאַשין. אַמאָל טרעפֿט זיך אַז די מאַמע זינגט בײַ דער אַר־בעט. ווערן בײדע קינדער שטיל און הערן זיך צו צו דער מאַמעס זינגען.

עלטערער — ייִנגערער	
אײַנגעבויגן	אויסבעטן אַ בעט

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווער איז אַן אַלמנה? ווער זײַנען יתומים?
2. פֿון וואָס האָט לאה פֿאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט?
3. וואָס האָט ניסן געטאָן פֿאַר זײַן שוועסטערל?
4. איז ניסנס לעבן געווען אַ שווער לעבן?
5. איז דער אַלמנהס לעבן געווען אַ שווער לעבן?

געשטאָרבן	died
ליאַלקע, די	doll
שטאָף	material
שפּילכל, דאָס	toy
ניימאַשין	sewing machine
אויסבעטן	to make a bed
אײַנגעבויגן	bent down

ב.

עס איז שוין געווען נאָך פּורים. אין אַלע הײַזער האָט מען זיך געגרייט צו פּסח. אין דער צײַט איז דאָ אַ סך אַר־בעט, ווײַל אויף פּסח נייט מען נײַע קליידלעך פֿאַר קינדער. אָבער גראָד דעמאָלט איז די מאַמע קראַנק געוואָרן. זי האָט געמוזט זיך לייגן אין בעט.

זײַנען ניסן און רחלע געשטאַנען בײַ דער מאַמעס בעט,

געקוקט אויף איר און געשוויגן. דער מאַמעס אויגן זײַנען פֿאַרמאַכט. זי אָטעמט שווער. די באַקן זײַנען רויט. דאָס שלאָפֿט זי אַזוי?

אָבער אָט עפֿנט די מאַמע די אויגן און קוקט אויף אי־רע קליינע יתומים און זיפֿצט. פֿרעגט ניסן שטילערהייט:

— „דו ווילסט עפּעס, מאַמע? זאָג, וועל איך דיר געבן".

— „ניין", — ענטפֿערט די מאַמע.

— „וואָס זשע זיפֿצסטו?" — פֿרעגט ווידער ניסן.

— „דער גרויסער יום־טובֿ פּסח קומט אָן. ווער וועט פֿאַר אײַך אַלץ צוגרייטן?"

ניסן האָט אַ קוש געטאָן די מוטער אויפֿן שטערן און געזאָגט:

— „זאָרג זיך ניט, מאַמע. איך וועל גיין און זיך אַוועק־שטעלן לעבן די קראָמען. אַז אַ פֿרוי וועט קויפֿן אַ פּעקל סחורה, וועל איך עס אָפּטראָגן און פֿאַרדינען אַ ביסל געלט".

— „און איך וועל אויפֿראַמען דאָס הויז", — האָט די קליינע רחלע געזאָגט.

די קראַנקע מוטער האָט געשמייכלט:

— „קינדערלעך, איך וועל מיט גאָטס הילף אויף פּסח געזונט ווערן. דו, ניסן לערן אויס רחלען די פֿיר קשיות. מיר וועלן אָפּריכטן אַ שיינעם סדר".

און אַזוי איז טאַקע געווען. לאָה איז געזונט געוואָרן און זי האָט אַלץ צוגעגרייט אויף פּסח. עס איז געקומען די ערש־טע נאַכט פֿון סדר. רחלע האָט געפֿרעגט די פֿיר קשיות. ניסן האָט ווי אַ גרויסער געזאָגט פֿאַר דער מוטער און דער שוועסטער די הגדה. עס איז געווען אַ סדר ווי בײַ אַלע ייִדן, אַ סדר ווי גאָט האָט געבאָטן.

מע האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר דעם טײַערן גאַסט אליהו הנביא. די קינדער האָבן געקוקט אויף דעם פֿולן כּוס מיט ווײַן וואָס מע האָט געשטעלט פֿאַר אים.

— „ער איז דאָ געווען, ער איז דאָ געווען!" — האָט רחלע אויסגערופֿן און געפּאַטשט מיט די הענטלעך. — „זעסט, מאַמע, אין כּוס איז געוואָרן אַ ביסעלע ווייניקער ווײַן".

לאה האָט אַרומגענומען אירע בײדע קינדער און אַלע דרײַ האָבן געזונגען דאָס ליד „אליהו הנביא". ניסן און רחלע האָבן גענומען טאַנצן און די מוטער, אַ פֿריילעכע, האָט צו־געפּאַטשט מיט די הענט.

(ש. בן־ציון, יידיש: ח. באַרקאַן)

קשיות	סדר	אליהו הנביא
ווי גאַט האָט געבאָטן		הגדה

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס איז געוואָרן גאָר שווער דאָס לעבן פֿון דער אָרעמער משפּחה?
2. האָט די קראַנקע מאַמע געזיפֿצט, ווײַל עס האָט איר ווייי געטאָן?
3. וואָס האָט דער יינגל געזאָגט דער קראַנקער מוטער?
4. ווי האָט די קראַנקע געטרייסט אירע קינדער?
5. איז געווען בײַ דער אָרעמער משפּחה אַ סדר ווי גאָט האָט געבאָטן?
6. ווער האָט געזאָגט די הגדה?
7. ווען האָבן די קינדער געטאַנצט?

גראָד דעמאָלט	just then
אָטעמען	to breath
פּעקל, דאָס	package
אָפּריכטן, דאָ:	to conduct
געבאָטן	commanded
הגדה	(hagode) Haggadah
פּאַטשן מיט די הענט	to clap hands

מײַן ייִנגעלע

איך האָב אַ קלײנעם ייִנגעלע,
אַ זונעלע — גאָר פֿײַן!
װען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע װעלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מײַן שײנעם, װען ער װאַכט;
איך טרעף אים תּמיד שלאָפֿנדיק,
איך זע אים נאָר בײַנאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פֿרי אַרױס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
אָ, פֿרעמד איז מיר מײַן אײגן לײַב,
אָ, פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהײט אַהײם,
אין פֿינצטערניש געהילט;
מײַן בלײכע פֿרוי דערצײלט מיר באַלד,
װי פֿײַן דאָס קינד זיך שפּילט;

װי זיס עס רעדט, װי קלוג עס פֿרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
װען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?"

איך שטײ בײַ זײַן געלעגערל
און זע און הער און — שאַ!
אַ טרױם באַװעגט די ליפּעלעך:
„אָ, װאו איז, װאו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך.
זיי עפֿענען זיך: „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך,
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט דײַן פּאַפּאַ, טײַערער,
אַ פּענעלע דיר נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלײַב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פֿאַרביטערט און איך קלער:
ווען דו וואַכסט אויף אַמאָל, מײַן קינד,
געפֿינסטו מיך ניט מער.

(מאָריס ראָזענפֿעלד)

וואַכן	to be awake	געהילט	wrapped up in
לײַב, דאָס	body	שליסן	to close
בליק, דער	glance	טרוים, דער	dream
צעקלעמט(ערהייט)	depressed	געלעגער, דאָ:	place to sleep
פֿינצטערניש	darkness	צעווייטיקט	in pain
		פֿאַרביטערט	embittered

משל

משה

איר אַרבעט פֿון פֿרי,
איר אַרבעט ביז שפּעט
בײַ ציגל און ליים;
איר גראָבט און איר קנעט,
און מויערט פֿאַר פּרעהן
פּאַלאַצן און שטעט.

איך פֿיל אײַער קנעכטשאַפֿט,
איך פֿיל און איך ווייס,
איך זע אויפֿן שטערן
די טראָפּנס פֿון שווייס.
זיי רינען, די טראָפּנס,
אַרײַן אין דעם ניל,
ער ברויזט דאַן און קאָכט
און קען ניט זײַן שטיל.

און דאָרט אין דער ווײַטן
געפֿינט זיך אַ לאַנד.
ווי זײַד איז דער הימל,
ווי פּערל דער זאַמד.
דאָרט רוישן די ווינטן
ווי לויטער מוזיק.
דאָרט זינגען די פֿייגל
פֿון אייביקן גליק...
און איר שטייט געבונדן
אין קייטן, אין שטריק.

(אַבֿרהם רייזען)

ציגל	brick(s)
מויערן	to build in stone or brick
קנעכטשאַפֿט	slavery
רינען	to flow, to run
ברויזן	to roar
דאַן — דעמאָלט	
אין דער ווײַטן	far away
זײַד	silk
שטריק	rope(s)

די מעשה פֿון פּסח

א.

עס איז געווען אַ הונגער איבער דער וועלט, אָבער אין לאַנד מצרים איז געווען ברויט. זײַנען ייִדן געקומען אין לאַנד מצרים. זיי זײַנען שוין דאָרטן געבליבן אַ לאַנגע צײַט.

פּרעה, דער קיניג פֿון מצרים, האָט פֿון די ייִדן געמאַכט שקלאַפֿן. ייִדן האָבן געמוזט שווער אַרבעטן: מאַכן ציגל און בויען שטעט און פּיראַמידן פֿאַר פּרעהן, דעם קיניג פֿון מצרים.

די ייִדישע שקלאַפֿן האָבן געוואוסט אַז זיי זײַנען אַמאָל געווען פֿרײַע מענטשן. זיי האָבן געוואָלט ווידער ווערן פֿרײַ. אָבער פּרעה איז געווען זייער שטאַרק. האָבן ייִדן ניט געוואוסט ווי זיי קענען ווערן פֿרײַ.

פּרעה האָט מורא געהאַט: טאָמער וועט צווישן די שקלאַפֿן געבאָרן ווערן איינער וואָס וועט זיי באַפֿרײַען. האָט דער בייזער פּרעה אַרויסגעגעבן אַ געזעץ:

אַלע ייִנגלעך וואָס ווערן געבאָרן בײַ ייִדן זאָל מען אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך.

בײַ אַ ייִדישער מוטער, וואָס האָט געהייסן יוכבֿד, איז געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגל. דער ייִנגל איז געווען זייער שיין. האָט די מוטער אים באַהאַלטן דרײַ חדשים צײַט. מער האָט זי אים ניט געקענט באַהאַלטן.

האָט די מוטער געמאַכט אַ קעסטעלע פֿון האָלץ און האָט דאָס אַרומגעקלעפּט אַז וואַסער זאָל ניט קענען אַרײַן אין אים. און זי האָט דאָס קינד אַרײַנגעלייגט אין קעסטעלע.

דאָס קעסטעלע מיטן קינד האָט די מוטער אַוועקגעשטעלט בײַם ברעג טײַך. זײַן עלטערע שוועסטער מרים איז געשטאַנען פֿון דער ווײַט צו וויסן וואָס וועט געשען מיט דעם קינד.

פּרעהס טאָכטער איז אַראָפּ צום טײַך זיך באָדן. צו־זאַמען מיט איר זײַנען געווען אירע מיידלעך. דערזעט פּרעהס טאָכטער אַ קעסטעלע בײַם ברעג טײַך. שיקט זי איינע פֿון אירע מיידלעך: — „ברענג מיר דאָס קעסטעלע אַהער״.

האָט די מיידל געבראַכט.

עפֿנט פּרעהס טאָכטער דאָס קעסטעלע און שרײַט אויס: — „אַ קינד!״

און דאָס קינד שמייכלט צו איר און שטרעקט אויס זײַנע הענטלעך צו איר.

האָט פּרעהס טאָכטער זיך דערבאַרעמט אויפֿן קינד.

— „סאַראַ שיין קינד!״ — האָט איינע פֿון די מיידלעך געזאָגט.

— „דאָס מוז זײַן פֿון די קינדער פֿון די ייִדן״, — האָט פּרעהס טאָכטער געזאָגט.

— „אָבער ווער וועט זייגן דאָס קינד?״ — האָט איינע פֿון אירע מיידלעך געפֿרעגט.

איז צוגעגאַנגען צו זיי דעם ייִנגלס שוועסטער, די קלוגע מרים, און זאָגט צו פּרעהס טאָכטער: — „זאָל איך גיין און רופֿן אַ ייִדישע פֿרוי, אַז זי זאָל זייגן פֿאַר דיר דאָס קינד?״

— „גיי״, — האָט פּרעהס טאָכטער געענטפֿערט.

איז די מיידל געגאַנגען און גערופֿן די מוטער פֿון קינד. און פּרעהס טאָכטער האָט איר געזאָגט: — „נעם דאָס קינד און זייג עס און איך וועל דיר באַצאָלן. אַז דאָס קינד וועט מער ניט דאַרפֿן זייגן, ברענג עס צו מיר״.

— „גוט״, — האָט געענטפֿערט די מוטער פֿון קינד.

אַוועקשטעלן	אַרײַנלייגן, אַרײַנוואַרפֿן

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס זײַנען ייִדן געקומען קיין מצרים?
2. וואָס האָבן פּרעהס שקלאַפֿן געמוזט טאָן?

3. האָבן ייִדן געהאָפֿט צו ווערן פֿרײַ?
4. וואָס פֿאַר אַ בייז געזעץ האָט פּרעה אַרויסגעגעבן?
5. וואָס האָט יוכבֿד געטאָן, ווען זי האָט מער ניט געקענט באַהאַלטן איר קינד?
6. ווי אַזוי האָט פּרעהס טאָכטער געפֿונען דאָס קינד?
7. ווי אַזוי האָט זי געוואוסט אַז דאָס איז פֿון די קינדער פֿון די ייִדן?
8. וואָס איז געווען מרימס קלוגער פּלאַן?

to bathe	באָדן זיך	Yoykheved	יוכבֿד
to have pity	דערבאַרעמען זיך	Miryam	מרים
to feed (a suckling); to suckle	זייגן	to throw in	אַרײַנוואַרפֿן
		to paste on all sides	אַרומקלעפּן

בּ.

אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, האָט די מוטער געבראַכט איר אייגן קינד צו פּרעהס טאָכטער. פּרעהס טאָכטער האָט ליב געהאַט דעם ייִנגל און ער איז געווען בײַ איר אַזוי ווי אַן אייגן קינד. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן משה (דאָס וואָרט משה הייסט אַרויסגעצויגן), ווײַל זי האָט געזאָגט: — „איך האָב אים פֿון וואַסער אַרויסגעצויגן".

משה איז געוואַקסן אין פּרעהס הויז. ער איז געוואָרן אַ קלוגער און שטאַרקער מאַן. איז ער אַרויסגעגאַנגען זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. האָט ער געזען ווי שווער עס אַרבעטן די ייִדישע שקלאַפֿן און ווי ביטער עס לעבט זיך זיי. און ער האָט שוין אויך געוואוסט אַז ער אַליין איז אַ ייִד.

איין מאָל זעט ער ווי אַן אויפֿזעער שלאָגט אַ ייִדישן שקלאַף. משה האָט געוואָלט העלפֿן דעם שקלאַף. אין געשלעג מיטן בייזן אויפֿזעער האָט משה אים דערהרגעט און זײַן טויטן קערפּער באַהאַלטן אין זאַמד.

אַ צווייט מאָל זעט ער ווי אַ שטאַרקער ייִד שלאָגט אַ שוואַכערן ייִד. האָט ער געזאָגט צו דעם אומגערעכטן: — „פֿאַרוואָס שלאָגסטו דײַן חבֿר?"

האָט יענער געזאָגט: — „ווער ביסטו עס? ווער האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ ריכטער איבער אונדז? ווילסטו מיך

אויך דערהרגענען ווי דו האָסט דערהרגעט אַ מצרישן אויפֿ־זעער?"

האָט משה געזען אַז מע ווייסט וועגן דער זאַך. אויך פּרעה האָט זיך דערוואוסט. איז משה אַנטלאָפֿן פֿון לאַנד מצרים און ער איז געקומען אין אַ פֿרעמד לאַנד.

דאָרטן האָט ער חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַ פּאַס־טעך פֿון שאָף בײַ דעם פֿאָטער פֿון זײַן ווײַב.

איין מאָל פֿירט משה זײַנע שאָף, זעט ער פֿון דער ווײַט — עס ברענט אַ דאָרן. קומט ער צו נענטער און זעט — דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פֿאַרברענט.

שטייט משה און וואונדערט זיך, פֿאַרוואָס דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פֿאַרברענט. און פּלוצלינג הערט ער אַ שטים: — „משה! משה!"

הערט ער ווײַטער די שטים: — „גאָט האָט געהערט דאָס געשריי פֿון די ייִדישע שקלאַפֿן אין מצרים. גאָט וועט זיי ראַטעווען. דו וועסט דער פֿירער פֿון די שקלאַפֿן! פֿיר זיי אַרויס פֿון מצרים! דו גיי צו פּרעהן און זאָג, ער זאָל אַרויס־לאָזן די ייִדישע שקלאַפֿן!"

האָט משה געפֿילט אַז ער מוז אַזוי טאָן. און ער איז אַוועק אין לאַנד מצרים. צוזאַמען מיט זײַן עלטערן ברודער אַהרן איז ער געקומען צו פּרעהן:

— „לאָז אַרויס די ייִדן!"

אָבער פּרעה האָט ניט געוואָלט זיך צוהערן צו משהס רייד. האָט משה געוויזן וואונדער און זיין שטעקן איז גע־וואָרן אַ שלאַנג און פֿון שלאַנג איז ווידער געוואָרן אַ שטעקן. אָבער פּרעה האָט אַלץ ניט געוואָלט זיך צוהערן צו משהס רייד.

און פּרעה האָט נאָך שווערער געמאַכט דאָס לעבן פֿון די ייִדישע שקלאַפֿן. צו מאַכן ציגל דאַרף מען שטרוי. פֿריִער האָט מען די שקלאַפֿן געגעבן שטרוי. איצט האָט מען זיי

געזאָגט: — „גייט און זוכט אַליין שטרוי! אָבער די צאָל ציגל וואָס איר מוזט מאַכן זאָל בלײַבן ווי געווען!"

און פּרעה האָט געזאָגט: — „ייִדן זײַנען פֿויל. זאָלן זיי אַרבעטן שווערער, וועלן זיי פֿאַרגעסן צו טראַכטן וועגן פֿרײַהייט".

אַרויסציִען, אַרויסגעצויגן	אַרויספֿירן
ברענען, פֿאַרברענען	אַרויסלאָזן

פֿראַגעס:

1. פֿאַרוואָס האָט פּרעהס טאָכטער אָנגערופֿן דאָס קינד משה?
2. פֿאַרוואָס האָט משה דערהרגעט אַ שלעכטן מצרישן אויפֿזעער?
3. פֿאַרוואָס איז משה אַנטלאָפֿן פֿון מצרים?
4. וואָס איז געווען דער וואונדער פֿון דעם ברענענדיקן דאָרן?
5. וואָס האָט גאָט געזאָגט משהן?
6. וואָס האָט משה געטאָן?
7. ווי אַזוי איז דאָס לעבן פֿון די שקלאַפֿן געוואָרן נאָך שווערער?
8. איז עס טאַקע ריכטיק, אַז ווען מען אַרבעט שווערער פֿאַרגעסט מען צו טראַכטן וועגן פֿרײַהייט?

אַרויסגעצויגן	pulled out	פֿאַרברענען	to burn up
אויפֿזעער	overseer	שלאַנג, די	snake
געשלעג	fight	שטרוי, דאָס	straw

ג.

האָט גאָט געשטראָפֿט מצרים. פֿון אַלע וואַסערן און אַלע טײַכן איז געוואָרן בלוט. אַלע פֿיש זײַנען אויסגע־שטאָרבן. אָבער פּרעה האָט אַלץ ניט געוואָלט באַפֿרײַען די ייִדן.

האָט גאָט געשטראָפֿט מצרים מיט פֿרעש. פֿרעש האָבן גענומען קריכן אין אַלע הײַזער, אין די בעטן, אין די אויוונס, אין די עסנס. האָט פּרעה געזאָגט אַז ער וועט באַפֿרײַען די ייִדן. אָבער ווי נאָר די פֿרעש זײַנען אויסגעשטאָרבן, האָט פּרעה ווידער זיך ניט צוגעהערט צו משהס רייד.

עס זיינען געווען נאָך אַנדערע שטראָפן. אָבער פּרעהס האַרץ איז געווען האַרט ווי שטיין.

איז געוואָרן אַ גרויס פינצטערניש איבער דעם לאַנד מצרים. איינער האָט דעם צווייטן ניט געקענט זען. מע האָט ניט געקענט זיך אויפהייבן פון אָרט. נאָר בײַ ייִדן איז געווען ליכטיק. און ווען פּרעה האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט באַפרײַען די ייִדן, איז געקומען אַ טויט אויף אַלע ערשט־געבוירענע אין לאַנד מצרים.

אין יעדער פאַמיליע איז געשטאָרבן דער עלטסטער זון. אויך פּרעהס עלטסטער זון, וואָס האָט געזאָלט זיצן אויף זײַן טראָן, איז געשטאָרבן. אין אַלע הײַזער פון די מיצרים האָט מען געקלאָגט און געוויינט.

אָבער אין די ייִדישע פאַמיליעס איז קיינער ניט געשטאָרבן. דער טויט האָט אַריבערגעשפּרונגען איבער די ייִדישע הײַזער. דערפאַר טאַקע האָט שפּעטער דער יום־טוב באַקומען דעם נאָמען פּסח, ווײַל פּסח הייסט — אַריבערגעשפּרונגען.

און פּרעה איז אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט. און ער האָט גערופן משהן און געזאָגט:

— „שטייט אויף און גייט אַלע אַרויס פון מצרים! גייט וואָס גיכער אַרויס!"

און אַלע מיצרים האָבן געזאָגט צו די ייִדישע שקלאַפן:

— „גייט וואָס גיכער אַרויס פון מצרים, אַניט וועלן מיר אַלע שטאַרבן!"

און די ייִדישע שקלאַפן זײַנען אַרויס פון דעם לאַנד מצרים.

זיי האָבן געמוזט גיך אַרויסגיין. האָבן זיי ניט געקענט צוגרייטן שפּײַז. זייער טייג איז נאָך ניט געוואָרן זויער. האָבן

זיי פֿון דעם ניט־געזײַערטן טייג געבאַקן מצות, דאָס הייסט ניט־געזײַערט ברויט. דערפֿאַר טאָקע עסן ייִדן אין דעם יום־טובֿ פּסח — מצות, אַזוי ווי זייערע עלטערן וואָס זײַנען אַרויס פֿון מצרים.

משה און די ייִדן זײַנען געגאַנגען די גאַנצע נאַכט. דאָס איז געווען די נאַכט פֿון ווערן פֿרײַ. און אין אָט דער נאַכט פּראַוועט מען איצט דעם סדר. און די באַפֿרײַטע שקלאַפֿן זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען און געקומען צום ברעג פֿון ים־סוף.

אָבער ווען עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר טעג, האָט פּרעה פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן די ייִדישע שקלאַפֿן. זיי האָבן דאָך אַזוי פֿיל געאַרבעט פֿאַר אים! האָט פּרעה גענומען זײַנע בעסטע פֿערד און זײַנע בעסטע רײַטערס און ער האָט נאָכגעיאָגט די ייִדן.

אַריבערשפּרײַזן	צוגרייטן	
פֿאַרדריסן, פֿאַרדראָסן	נאָכיאָגן	אַרויסגיין

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. די שטראָפֿן וואָס גאָט האָט געשיקט אויף מצרים רופֿט מען מכּות. וואָס איז געווען די ערשטע מכּה? די צווייטע מכּה?
2. דער חומש דערציילט וועגן צען מכּות. וואָס איז געווען די נײַנטע מכּה? וואָס איז געווען די צענטע מכּה?
3. פֿאַרוואָס הייסט דער יום־טובֿ פֿון באַפֿרײַאונג פּסח?
4. פֿאַרוואָס עסט מען מצות?
5. פֿאַרוואָס האָט פּרעה נאָכגעיאָגט די ייִדן?

פֿרעש	frogs	ניט־געזײַערט	unleavened
קריכן	to crawl	רײַטער	horseman
ערשט־געבוירענע	first born	ים־סוף	(Yam-suf) Red Sea
אַריבערשפּרײַזן	to pass over	נאָכיאָגן	to chase after
טייג	dough		

ד.

ווען פּרעה מיט זײַנע רײַטערס איז געקומען נעענטער, האָבן די ייִדן זיי געזען. די ייִדן האָבן זיך געשראָקן און האָבן געזאָגט צו משהן:

— „וואָס האָסטו אונדז אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים, מיר זאָלן שטאַרבן אָט דאָ?"

האָט משה געזאָגט: — „שרעקט זיך ניט! הײַנט וועט איר צום לעצטן מאָל אײַערע אונטערדריקערס!"

און די ייִדן זײַנען געווען בײַם ברעג ים־סוף און פּרעה מיט זײַנע רײַטערס קומען אַלץ נעענטער און נעענטער.

האָט משה אויפֿגעהויבן זײַן שטעקן און געשפּאָלטן דעם ים. און די ייִדן זײַנען אַרײַן אין ים ווי אויף דער טריקעניש. און די וואַסערן זײַנען געווען אַזוי ווי אַ מויער פֿון דער רעכטער זײַט און אַזוי ווי אַ מויער פֿון דער לינקער זײַט.

און פּרעה און די מיצרישע אונטערדריקערס האָבן נאָכגעיאָגט און אַלע זייערע רײַטערס זײַנען אַרײַן אין ים. אָבער די וואַסערן האָבן זיך אומגעקערט און האָבן צוגעדעקט פּרעהן און זײַנע רײַטערס. קיין איינציקער איז פֿון זיי ניט געבליבן.

האָבן די ייִדן זיך זייער געפֿרייט. איצט האָבן זיי שוין געוואוסט אַז זיי זײַנען פֿרײַ, פֿרײַ אויף שטענדיק. און מרים, משהס שוועסטער, האָט גענומען אַ פּויק און אָנגעהויבן צו טאַנצן און זינגען און אַלע פֿרויען נאָך איר:

זינגט צו גאָט,
אונדזער הילף איז גאָט,
דאָס פֿערד און זײַן רײַטער
האָט ער געוואָרפֿן אין ים!

ייִדן האָבן אַ סך יאָרן געוואַנדערט אין מדבר און משה

איז געווען זייער פֿירער. און משה האָט אָנגעזאָגט די ייִדן:
— „היט אָפּ דעם יום־טובֿ פּסח!"

און ייִדן היטן אָפּ דעם יום־טובֿ פּסח. און דאָס איז דער יום־טובֿ פֿון פֿרײַהייט, דער יום־טובֿ פֿון ווערן אויס שקלאַפֿן. דאָס איז דער יום־טובֿ פֿון פֿרילינג, דער יום־טובֿ פֿון אַ סך פֿרייד.

ווען מע פּראַוועט דעם סדר, פֿרעגט דאָס קינד, פֿאַר־וואָס איז דער סדר. דערציילט מען אים, ווי ייִדן זײַנען געוואָרן פֿרײַ און ווי מיר גלייבן אַז ייִדן און אַלע מענטשן וועלן ווערן פֿרײַ פֿון אַלע שקלאַפֿערײַען.

און מען עסט מצות פּסח—און איר ווייסט שוין פֿאַר־וואָס. און מען עסט בײַם סדר ביטערע קרײַטעכער — ווײַל די מיצרישע אונטערדריקערס האָבן ביטער געמאַכט דאָס לעבן פֿון די ייִדן. און מע טרינקט ווײַן — ווײַל עס איז אַ גרויסער און פֿריילעכער יום־טובֿ.

(יודל מאַרק)

דער איינציקער, קיין איינציקער	
דער ברעג ים	בלײַבן, געבליבן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס האָבן די באַפֿרײַטע שקלאַפֿן געזאָגט משהן, ווען זיי האָבן געזען ווי די מיצרים יאָגן זיי נאָך?
2. וואָס איז געווען דער נס פֿון ים־סוף?
3. פֿאַרוואָס עסט מען ביטערע קרײַטעכער בײַם סדר?
4. פֿאַרוואָס טרינקט מען ווײַן בײַם סדר?
5. קען מען זאָגן אַז פּסח איז דער יום־טובֿ פֿון פֿרײַהייט און פֿון פֿרילינג?
6. זײַנען אַלע מענטשן איצט פֿרײַ?
7. פֿון וועלכע שקלאַפֿערײַען דאַרפֿן מענטשן נאָך ווערן פֿרײַ?

אונטערדריקער — oppressor
געשפּאָלטן — split
טריקעניש — dry land
מויער, דאַ — brick wall
אומקערן זיך — to return
קיין איינציקער — not a single one
פּויק — drum
וואַנדערן — to wander
קרײַטעכער — herbs

צינד אָן די ליכט

צינד אָן די ליכט פֿון עק ביז עק,
באַקראַנץ דעם טיש מיט פֿרישע בלומען,
דרײַ שענסטע רויזן — העל און פֿײַן —
קלײַב אויס, מײַן קינד, און שטעק אַרײַן
אין מרור, כּרפּס און חרוסת.

און מיט דעם רײנסטן, בעסטן װײַן
גיס אָן ביז פֿול די כּוסות.
מיט פֿרײד און ליבע אָן אַ מאָס,
מיט הײסן גלױבן, טיפֿער טרײַהײט,
הײב אויף, מײַן קינד, דעם ערשטן כּוס
פֿאַר אונדזער אַלטער, זיסער פֿרײַהײט!

(ש. פֿרוג)

באַקראַנצן	to place a wreath
רויז, די	rose
מרור — ביטערע קרײַטעכער	(morer)
כּרפּס	(karpes) vegetable used at the Seder
מאָס, די	measure
טרײַהײט, די	loyalty
חרוסת	(kharoyses) mixture of nuts, apples or other fruits, wine and spices, used as a symbol of the mortar made by the Jewish slaves in Egypt..



אליהו הנבֿיאס כּוס

מאָל האָט געלעבט אַ רײַכער מאַן מיטן נאָמען עזריאל. ער און זײַן פֿרוי חנה זײַנען געווען גוטהאַרציקע מענטשן. זיי האָבן אַלע מאָל געהאָלפֿן אָרעמע־לײַט.

עס האָט געטראָפֿן אַז עזריאל האָט פֿאַרלױרן זײַן געלט און איז געוואָרן זייער אָרעם. וואָס וועלן מיר געבן די אָרעמע־לײַט וואָס וועלן קומען צו אונדז? האָט עזריאל געטראַכט. וואו וועלן עסן די אָרעמע־לײַט? — איז חנה געווען פֿאַרזאָרגט.

צוויי חדשים פֿאַר פּסח האָט עזריאל געזאָגט צו זײַן ווײַב: — „איך וועל אַוועקפֿאָרן צו מײַנע גוטע פֿרײַנד און בעטן בײַ זיי הילף“.

— „זאָל זײַן אַזוי, מײַן מאַן“, — האָט אים חנה געענטפֿערט. עזריאל איז אַוועקגעפֿאָרן. האָט זי באַקומען אַ בריוו פֿון אים. ער האָט איר געשריבן: „איך בין שוין געווען אין עטלעכע שטעט. איך האָב זיך געזען מיט מײַנע פֿרײַנד און געבעטן בײַ זיי הילף. אָבער אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיר צו העלפֿן. בײַ אונדז איז נאָך דאָ דער גאָלדענער בעכער, אליהו הנבֿיאס כּוס. פֿאַרקויף דעם גאָלדענעם בעכער און קויף די נייטיקע זאַכן אויף פּסח“.

מיט טרערן אין די אויגן האָט די פֿרוי געלייענט דעם בריוו און זי האָט געטראַכט: ניין, איך וועל אליהוס כּוס ניט פֿאַרקויפֿן. איך האָב בטחון אין גאָט.

אַ וואָך פֿאַר פּסח איז צו חנהן אין שטוב אַרײַנגעקומען אַן אַלטער מאַן. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע ווײַסע באָרד און אַ שיין פּנים. ער איז געגאַנגען אין צעריסענע קליידער.

— „אפֿשר וועל איך קענען פּסח זײַן בײַ דיר?“ — האָט דער אַלטיטשקער געפֿרעגט.

— „ניין", — האָט די פֿרוי אומעטיק געזאָגט, — „איך האָב נאָך אַפֿילו ניט קיין מצות אויף יום־טובֿ". דער אַל־טיטשקער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן קעשענע אַ גאָלדן רענדל. ער האָט דערלאַנגט חנהן און געזאָגט: — „דאָס וועט דיר זײַן גענוג אויף אַלץ וואָס דו דאַרפֿסט אויף יום־טובֿ".

חנה איז אַוועק קויפֿן מצות. זי האָט באַצאָלט מיטן גאָלדענעם רענדל. ווען זי איז געקומען אַהיים, האָט זי אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע און איז געוואָרן זייער פֿאַרוואונדערט — אין קעשענע ליגט דאָס גאָלדענע רענדל! איז חנה אַוועק קויפֿן ווײַן. אַזוי האָט זי געקויפֿט אַלע אַנדערע זאַכן אויף יום־טובֿ.

דאָס גאָלדענע רענדל איז ווידער געווען בײַ איר אין קעשענע.

אָרעמאַן, אָרעמע־לײַט	כּוס, כּוסות
אליהו הנביא	בטחון

פֿראַגעס:

1. וואָס ווערט דערציילט וועגן עזריאלן און חנהן, ווען זיי זײַנען געווען רײַך?
2. וועגן וואָס האָבן זיי געזאָרגט, ווען זיי זײַנען געוואָרן אָרעם?

3. וואָס האָט עזריאל באַשלאָסן צו טאָן צוויי חדשים פֿאַר פּסח?
4. וואָס האָט עזריאל געשריבן חנהן?
5. פֿאַרוואָס האָט חנה ניט פֿאַרקויפֿט אליהו הנבֿיאס כּוס?
6. פֿון וואַנען האָט חנה געהאַט געלט צו קויפֿן אַלע נייטיקע זאַכן אויף פּסח?
7. וואָס פֿאַר אַ וואונדער איז געשען מיטן גאָלדענעם רענדל?

עזריאל (Azri-el)	אָפּזאָגן זיך to refuse
גוטהאַרציק — מיט אַ גוט האַרץ	נייטיק necessary
אָרעמע־לײַט — אָרעמע מענטשן	בטחון (bitokhn) confidence

ב.

ערבֿ פּסח איז עזריאל געקומען צוריק אַהיים. ער איז געקומען מיט לײדיקע הענט. ווען ער איז אַרײַן אין שטובֿ, האָט ער דערזען ווי די טישן זײַנען פֿול מיט אַלע גוטע זאַכן וואָס מע דאַרף אויף פּסח. צווישן די כּוסות האָט ער דערזען ווי עס פֿינקלט אליהו הנבֿיאס כּוס. עזריאל האָט זיך זייער געוואונדערט און חנה האָט אים דערציילט וועגן דעם אַלטיטשקן און וועגן דעם גאָלדענעם רענדל.

עס איז געקומען די ערשטע נאַכט פֿון פּסח. עזריאל איז געגאַנגען דאַווענען אין שול. ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַהיים עטלעכע אָרעמע־לײַט וואָס זאָלן צוזאַמען מיט אים פּראַווען אַ פֿריילעכן סדר.

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן האָט מען אָנגעגאָסן אַלע כּוסות און חנה איז געגאַנגען עפֿענען די טיר פֿאַר אליהו הנבֿיא. פּלוצלינג זעט זי דעם זעלביקן אַלטיטשקן וואָס האָט איר געגעבן דאָס גאָלדענע רענדל. אַלע וואָס זײַנען געזעסן אַרום טיש זײַנען אײַנגעשלאָפֿן. דער אַלטיטשקער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט געטרונקען פֿון דעם כּוס פֿאַר אליהו הנבֿיא און איז אַוועק. חנה האָט אויפֿגעוועקט דעם מאַן און אַלע געסט. זי האָט זיי דערציילט וואָס זי האָט געזען. אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען אַז אליהו הנבֿיא האָט זיך באַוויזן צו חנהן, נאָר צו חנהן.

בײַנאַכט האָט עזריאל געזען אין חלום אליהו הנבֿיא. האָט ער אים געפֿרעגט:

— „פֿאַרוואָס איז נאָר מײַן חנהן באַשערט געווען דאָס גליק דיך צו זען?"

האָט אים אליהו געענטפֿערט: — „ווען דו האָסט זיך געפֿונען אין נויט, האָסטו געוואָלט פֿאַרקויפֿן מײַן כּוס. אָבער דײַן חנה האָט געהאַט בטחון אין גאָט. דעריבער איז איר באַשערט געווען מיך צו זען. צוליב דײַן חנהן וועט דער מזל זיך אומקערן צו דיר אין שטובֿ".

ערבֿ פּסח	ערבֿ יום־כּיפּור
באַשערט זײַן	אָנגיסן, אָנגעגאָסן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. פֿאַרוואָס האָט עזריאל זיך געוואונדערט?
2. ווען עפֿנט מען בײַם סדר די טיר פֿאַר אליהו הנבֿיא?
3. ווי אַזוי האָט נאָר חנה אים געזען?
4. פֿאַרוואָס האָט נאָר חנה געזען אליהו הנבֿיא?
5. וואָס באַטײַט עס: „דער מזל וועט זיך אומקערן"?
6. ווער געדענקט נאָך אַ מעשׂה מיט אליהו הנבֿיא?

ערבֿ פּסח — דער טאָג פֿאַר פּסח (erev)
אָנגעגאָסן — filled, poured in
באַווײַזן זיך — appeared



דער בוים און דער סדר

דער בוים קוקט אַרײַן דורכן פֿענצטער
און זעט דאָרט אַ פֿריילעך געזינד.
ער הערט ווי דער ייִנגסטער, דער קלענסטער,
פֿרעגט די פֿיר קשיות אַצינד.

ער הערט די הגדה דאָרט קלינגען
מען עסט און מע טרינקט און מע לאַכט.
אַ ליד פֿון באַפֿרײַאונג זיי זינגען,
וואָס זינגט זיך אַרײַן אין דער נאַכט.

דער בוים גיט אַ פֿריידיקן ציטער
און זינגט דאָס געזאַנג מיט זיי מיט,
ער טרייסט זײַנע נאַקעטע ריטער
מיט בלעטער מיט גרינע און צוויט:

„אויך מיר זײַנען פֿרײַ איצט געוואָרן
פֿון שנייען, פֿון שטורעמס און פֿראָסט.
פֿון הימל, דעם בלויען און קלאָרן,
אַ ווינטל אַ וואַרעמס עס בלאָזט״.

פֿון סדר דערטראָגט זיך אַ ברומען,
וואָס שטראָמט אַזוי איידל און לינד —
עס איז אליהו געקומען
צו גאַסט און ער בענטשט זיי אַצינד.

דער בוים קוקט זיך צו מיט כּוונה
און פּאָרכטיק ער בייגט אָן דעם קאָפּ.
די שטערן און אויך די לבֿנה
קוקן אַהינצו אַראָפּ.

דעם סדר אַ לידל פֿאַרענדיקט
מיט טיפֿן און אייביקן מיין —
עס ווערט דאָרט באַזונגען, ווי שטענדיק,
חד־גדיא, דאָס ציגעלע קליין.

דער בוים דרימלט אײַן און אין דרימל
ער זעט אין דער לענג און דער ברייט —
עס שפּאַנט אליהו אין הימל
און נאָך אים דאָס ציגעלע גייט.

(אַלף כּץ)

גערזינד, דאָס	family
פֿריידיק	joyful
נאַקעט	naked
רוט, ריטער	twig(s), rod(s)
צוויט	bloom
שטורעם, דער	storm
דערטראָגן זיך, דאַ	to come up
שטראָמען	to stream
כּוונה	(kavone) devotion, intention
פֿאָרכטיק	fearful, pious
מיין, דער	meaning
אײַנדרימלען	to fall asleep, to doze
דרימל, דער	nap
לענג, די	length
פֿאַרענדיקן — ענדיקן	

אליהו הנביא

א.

ניט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד. דאָ — ניט שטײ, דאָרט — ניט גײ, דאָס — ניט עס, דאָס — ניט טרינק, דעם קאָפּ — דעק צו, דעם האַלדז — פֿאַרבינד, די הענט — באַהאַלט, די נאָז — שנײַץ אויס. אַך, ניט גוט, ניט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד. און נאָך אַ נגידס אַ ייִנגל דערצו.

עס קומט פּסח. קלײדער האָט מען מיר געמאַכט װי עס פּאַסט פֿאַר אַ נגידס אַ ייִנגל. װאָס האָב איך דערפֿון? אַז איך טאָר ניט אַרומשפּרינגען אין דרױסן — איך װעל זיך פֿאַרקילן. איך טאָר ניט אַרומלױפֿן מיט אַלע קינדער — איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל. אַזעלכע שײנע קלײדער — ניטאָ פֿאַר װעמען צו באַרימען זיך. אַ פֿולע קעשענע מיט ניס — ניטאָ מיט װעמען צו שפּילן.

ניט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד, און נאָך אַ נגידס אַ ייִנגל דערצו.

דער טאַטע איז אַװעק אין שול דאַװנען, זאָגט צו מיר די מאַמע: — „װײסטו װאָס? לײג זיך צו, שלאָף זיך אויס, װעסטו קענען זיצן בײַם סדר, װעסטו פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות". משוגע בין איך? פֿאַרן סדר װעל איך גײן שלאָפֿן! „געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען ניט שלאָפֿן. װאָרעם טאַמער, חלילה, װערסטו אַנטשלאָפֿן בײַם סדר, אַזױ קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלײצעס און קוקט: װער עס שלאָפֿט בײַם סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַרײַן"...

כאַ־כאַ. איך װעל אַנטשלאָפֿן װערן בײַם סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפֿילו ביז װײַסן

טאָג אַרײַן? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פֿאַראַיאָרן? „פֿאַראַ־יאָרן ביסטו אַנטשלאָפֿן געוואָרן באַלד נאָך קידוש". — „פֿאַרוואָס זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיטן זאַק?"... „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קליינינקער, הײַנט ביסטו אַ גרויסער, הײַנט דאַרפֿסטו פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות, הײַנט דאַרפֿסטו זאָגן מיטן טאַטן די הגדה, הײַנט דאַרפֿסטו עסן מיט אונדז פֿיש און יויך און קניידלעך... שאַ, אָט גייט דער טאַטע פֿון שול!"

— „גוט יום־טובֿ!"

— „גוט יום־טובֿ!"

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כּוס, איך אויך. און דווקא אַ פֿולן כּוס. „זע נאָר, אַ פֿולן כּוס!" — זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי: — „אַ פֿולן בעכער מיט ווײַן? וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן"... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפֿן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַפֿילו ביז ווײַסן טאָג אַרײַן? אַנו, פֿרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך געפֿרעגט די פֿיר קשיות! ווי אַזוי איך זאָג די הגדה! און די מאַמע לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פֿון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: — „וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן"... עך, מאַמע, מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זײַן מיט אַכצן קעפּ, קען מען פֿון דעם אַליין אַנט־שלאָפֿן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך זעצן אײַך אַנטקעגן און זינגען אײַך אין אויער: — „אַנטשלאָפֿן ווערן, אַנטשלאָפֿן ווערן".

פֿאַרשטייט זיך אַז איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן...

פֿאַרשטייט זיך	אַ נגידס אַ ייִנגל
דעם נגידס ייִנגל	בן־יחיד

פֿראַגעס:

1. ווער איז דער ייִנגל וואָס דערציילט די מעשׂה?
2. פֿאַרוואָס איז ניט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד?
3. פֿאַרוואָס איז ניט גוט צו זײַן אַ נגידס אַ ייִנגל?
4. פֿאַרוואָס הייסט די מאַמע איר בן־יחיד זיך לייגן אַ ווײַלע שלאָפֿן פֿאַרן סדר?
5. וואָס דערציילט זי וועגן אליהו הנבֿיא?
6. ווי האָט דער ייִנגל זיך געפֿירט בײַם סדר?
7. פֿאַרוואָס, זאָגט ער, איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן?

בן־יחיד	(benyokhid) only son
פֿאַרבינדן	to wrap around
אויסשנײַצן	to blow one's nose
נגיד	(nogid) rich man
אַנטשלאָפֿן ווערן	fall asleep
יויך, די	soup
קניידל, דאָס	matzo ball
לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פֿון מיר	is watching me all the time

ב.

אַנטשלאָפֿן געוואָרן, חלומט זיך מיר אַז די מאַמע אַליין שטייט אויף פֿון טיש, גייט עפֿענען די טיר פֿאַר אליהו הנבֿיא. שוין וועט זײַן, טאָמער קומט טאַקע אליהו הנבֿיא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום, בחור!"... און ווער וועט זײַן שולדיק אין דעם, אַז ניט די מאַמע אַליין מיט איר „שלאָף ניט, שלאָף ניט!"... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר, אַהאַ! איך קוק מיך אײַן צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַמעלעך, קוים וואָס מע הערט. אַ שיינער ייִד אליהו הנבֿיא, אַן אַלטער מאַן, מיט אַ גרויסער באָרד ביז די קני. דאָס פּנים אַלט, נאָר שיין און גוט. און אויגן, אַך אויגן! גוטע, ווייכע, פֿרײַנדלעכע, ליבע אויגן. ער גייט אײַנגעבויגן, מיט אַ גרויסן שטעקן און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. און שאַ, שטיל, אָן ווערטער — און גלײַך צו מיר.

— „נו, ייִנגעלע, אַרײַן צו מיר אין זאַק אַרײַן און קום!"

— אַזוי זאָגט ער צו מיר און דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פֿרעג איך אים: „וואוהין ?" מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין זען"... וויל איך ניט. זאָגט ער מיר נאָכאַמאָל. בעט איך מיר בײַ אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל ?" זאָגט ער: „און אַז אַ נגידס אַ ייִנגל, איז

וואָס ?״ זאָג איך : „איך בין בײַ טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד״... זאָגט ער : „בײַ מיר ביסטו ניט קיין בן־יחיד״. זאָג איך : „אַז טאַטע־מאַמע װעלן דערזען אַז איך בין ניטאָ, װעלן זיי דאָס ניט אויסהאַלטן, זיי װעלן שטאַרבן. און איבערהויפּט די מאַמע״...

קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער, מיט גוטן און מאַכט צו מיר װייך און זיס װי פּוּטער : „גייסטו ניט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר װער אַנטשלאָפן אויף אייביק״. הייב איך אָן צו װיינען : „הייסט עס אַז איך זאָל שטאַרבן ? טאַטע־מאַמע װעלן דאָס ניט אויסהאַלטן... דערהויפּט די מאַמע״... „װילסטו ניט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר״... „װי קען איך גיין, אַז איך בין אַ בן־יחיד ?״ מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער : „צום לעצטן מאָל, יינגעלע, קלײַב זיך אויס איינס פון די צוויי : אָדער קום מיט מיר, אָדער בלײַב דאָ און װער אַנטשלאָפן אויף אייביק, אויף אייביק״...

װאָס טוט מען דאָ ? אַװעקגיין מיט דעם אַלטן, גאָט װייס װאוהין, פאַרפאַלן װערן — װעלן טאַטע־מאַמע שטאַרבן. בלײַבן דאָ און אַנטשלאָפן װערן אויף אייביק הייסט דאָס אַז איך אַליין זאָל שטאַרבן... צי איך אויס צו אים ביי־דע הענט מיט טרערן אין די אויגן. „אליהו הנביא ! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו ! גיב מיר איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך !״

דרייט ער אויס צו מיר דאָס שיינע פּנים מיט דער גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זײַנע שיינע, ליבע, געטרײַע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל : „איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך — גיב איך דיר, מײַן קינד, אָבער ניט מער װי איין מינוט״...

***

פרעגט זיך : װאָס האָב איך געדאַרפט אין דער מינוט

צוטראַכטן, אַז איך זאָל ניט דאַרפֿן ניט גיין מיטן אַלטן און ניט אַנטשלאָפֿן ווערן אויף אייביק? אַנו, ווער וועט טרעפֿן?

(שלום־עליכם)

שיין וועט זײַן טאָמער (אויב)		
וואָס טוט מען?	ניט אויסהאַלטן	צוטראַכטן

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָט אויסגעזען אליהו הנבֿיא?
2. פֿאַרוואָס, האָט דער ייִנגל געזאָגט, קען ער ניט גיין מיט אליהו הנבֿיא?
3. וואָס האָט דער ייִנגל געקענט אויסקלײַבן?
4. וואָס איז געווען זײַן לעצטע בקשה צו אליהו הנבֿיא?
5. קענט איר עפּעס זאָגן וועגן דעם ייִנגלס כאַראַקטער?
6. קענט איר צוטראַכטן אַ מעשׂה מיט אַ חלום?

קני, די — **knee**

דווקא, דאָ — (davke) in spite of all

דערהויפּט — especially

פֿאַרפֿאַלן ווערן — to get lost

אויסציִען — to stretch out

באַטראַכטן זיך — to consider, to think over

אויסדרייען זיך — to turn (toward)

צוטראַכטן — to devise, to make up

יזכּור־ליכט

נישט קיין ליכט פֿון שבת־יום־טובֿ
צינדן מיר בײַ אונדז הײַנט אָן —
ליכט פֿון טרויער, פֿון דערמאָנונג
נאָך די קדושים זעקס מיליאָן.

זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס
מיט די קינדערלעך באַנאַנד —
אַלע, אַלע אומגעקומען
פֿון דעם רשעס מערדער־האַנט.

גרויסע, ווײַסע זעקס ליכט ברענען
און אין שטוב איז חושך־שוואַרץ.
טײַערע געשטאַלטן, נעמען —
לויכטן אויף אין ייִדנס האַרץ.

מיר געדענקען שוועסטער, ברידער,
יזכּור־ליכט מיר צינדן אָן.
זאָלן אויפֿלעבן דאָ ווידער
אין אונדזער מיט — די זעקס מיליאָן.

(מאַשע שטוקער־פּאַיוק)

יזכּור	(yizker) memorial prayer for the dead
דערמאָנונג, די	commemoration
קדוש, קדושים	(kodesh, kdoyshim) martyr
אומקומען	to perish
מערדער, דער	murderer
חושך — פֿינצטער, פֿינצטערניש	(khoyshekh)
אויפֿלעבן	to live anew, to revive
מיט, די	midst

דאָס פּעקעלע „פּוטער״

א.

דײַטשן האָבן אײַנגענומען װאַרשע. זײ האָבן אַלע ייִדן פֿאַרטריבן אין אַ קלײנער צאָל גאַסן. אַרום די גאַסן האָבן זײ אױפֿגעשטעלט אַ מױער. נאַצים מיט ביקסן האָבן געהיט אַז קײן ייִד זאָל ניט אַרױס פֿון מױער אָן זײער דערלױבעניש. דאָס איז געװען דאָס געטאָ.

װי זאָלן איצט אונדזערע מענטשן קריגן געװער? כּדי צו קריגן געװער האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַז אונדזערע

מענטשן זאָלן זײַן נישט אין געטאָ, נאָר אויף דער פֿרײַ, אויף יענער זײַט מויער. האָט מען אויסגעקליבן אַזעלכע וואָס האָבן נישט אויסגעזען ווי ייִדן. איך, וולאַדקע, האָב אויך ניט אויסגעזען ווי אַ ייִדישע מיידל. האָט מען מיר געזאָגט:

— „בלײַב נישט אין געטאָ. לעב אויף דער צווייטער זײַט פֿון מויער. דו וועסט אונדז קענען העלפֿן".

אין געטאָ איז געווען זייער שלעכט. אַ סך ייִדן זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער און פֿון קראַנקייטן. נאָך מער ייִדן האָבן די נאַצים אַרויסגענומען פֿון געטאָ און געפֿירט צום טויט אין לאַגערן וואָס זיי האָבן אויפֿגעבויט. מע האָט די ייִדן פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט.

עס זײַנען שוין געבליבן ווייניק ייִדן אין געטאָ. העלדישע, יונגע ייִדן האָבן באַשלאָסן: מע מוז מאַכן אַן אויפֿשטאַנד.

איך האָב געדאַרפֿט העלפֿן אַרײַנברענגען אין געטאָ דינאַמיט. דאָס איז געווען פֿאַרטאָג אין איינעם פֿון די לעצטע טעג פֿאַרן אויפֿשטאַנד. איך בין געווען אָנגעטאָן ווי אַ הענדלערין. כ'האָב געהאַלטן אין האַנט אַ פּעקל. דאָס פּעקל איז געווען פֿאַרפּאַקט אין פּאַפּיר. דאָס פּאַפּיר איז געווען מיט פֿעטע פֿלעקן, עס זאָל אויסזען אַז עס ליגט דאָרטן פֿוטער. מײַנע חבֿרים האָבן צוגעשטעלט אַ לייטערל צו דער מויער און איך האָב גענומען קלעטערן אויפֿן לייטערל.

אַז איך בין שוין געווען אויף דער מויער, האָב איך גענומען קוקן אויף אַראָפּ. דאָרטן האָבן געזאָלט שטיין מײַנע חבֿרים וואָס האָבן געדאַרפֿט צונעמען פֿון מיר דאָס פּעקל. אָבער קיינער איז ניט געווען.

וואָס זאָל איך טאָן? צו לאַנג טראַכטן קען מען ניט. איך האָב שוין געוואָלט גיין אויף צוריק, אָבער עס האָבן זיך דערהערט שאָסן. די חבֿרים אויף יענער זײַט האָבן צוגעכאַפּט דאָס לייטערל און אַנגעהויבן לויפֿן.

איך בין געבליבן זיצן אויף דער מויער. מיט איין האַנט האָב איך זיך צוגעהאַלטן איך זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן. מיט דער צווייטער האַנט האָב איך געהאַלטן דאָס פּעקל דינאַ־מיט.

פֿ ר אַ ג ע ס :

1. ווער זײַנען געווען די נאַציס?
2. וואָס איז אַ געטאָ?
3. וואָס האָבן די נאַציס געטאָן מיט די ייִדן פֿון געטאָ?
4. צוליב וואָס איז וואָלאַדקע געבליבן אויף יענער זײַט מויער?
5. ווען האָבן די יונגע העלדישע ייִדן באַשלאָסן צו מאַכן אַן אויפֿשטאַנד?
6. פֿאַרוואָס האָט מען ניט געמאַכט דעם אויפֿשטאַנד פֿריִער?
7. ווי האָט וואָלאַדקע געטראָגן דינאַמיט אין געטאָ?
8. וואָס איז געשען ווען וואָלאַדקע איז געווען אויף דער מויער פֿון געטאָ?

פֿאַרגאַזן	to kill by poison gas	צושטעלן	to put, to place
פֿאַרטאָג	dawn	קלעטערן	to climb
פֿאַרפּאַקט	packed up	שאָס, דער	shot

ב.

זאָל איך אַראָפּשפּרינגען אין געטאָ? די סכּנה איז צו גרויס. איך קען נאָך פֿאַלן און מײַן פּעקלע „פּוטער" קען אויפֿרײַסן. בלײַבן זיצן אויף דער מויער קען מען אויך ניט. די נאַציס וועלן מיך דערזען און וועלן מיך דערשיסן.

ניטאָ קיין אויסוועג! איך מוז אַראָפּשפּרינגען און זאָל געשען וואָס עס וועט געשען.

אָבער דאָ דערהער איך אַ באַקאַנטע שטים פֿון אַ חבֿר:
„וואָלאַדקע, שנעלער!"

שנעל גליטש איך זיך אַראָפּ פֿון מויער און איך בין שוין אויף זײַנע פּלייצעס. איך בין שוין אין געטאָ צוזאַמען מיט מײַן פּעקל. דערזע איך פֿון ווײַטן ווי עס קומען אָן נאַציס. מײַן חבֿר הייבט אָן לויפֿן. איך נאָך אים.

מיר לויפֿן אַרײַן אין אַ פֿאַרלאָזן הויז. די וואָס האָבן גע־וואוינט אין דעם הויז האָט מען שוין לאַנג אַוועקגעפֿירט צום טויט.

מיר לויפֿן שנעל אויף די טרעפּ. מיר הערן נאָך זיך שווערע טריט. מיר זײַנען שוין אויפֿן בוידעם. אין אַ פֿינצ־טערן ווינקל ליגן צעריסענע ציכלעך מיט אַ גאַנצן באַרג פֿעדערן. מיר קריכן אַרײַן אין דעם באַרג פֿעדערן און דעקן זיך צו מיט זיי ביז איבער די קעפּ.

די שווערע טריט קומען אַלץ נעענטער און נעענטער. מיר הערן רייד. מע זוכט אונדז. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר. וועלן די נאַציס צוגיין צו אונדזער בערגל פֿעדערן? וועלן זיי אונדז געפֿינען?

זיי גייען דורך דעם בוידעם. אויף אונדזער ווינקל קוקן זיי גאָרנישט. אַ לאַנגע צײַט זײַנען מיר ביידע געזעסן אויף דעם בוידעם און מורא געהאַט אַראָפּצוקריכן. דורך אַ פֿענצ־טערל אין בוידעם קוקן מיר אַראָפּ אויף דער גאַס. עס איז שטיל. קיינער גייט ניט. מיר שאָקלען אָפּ די פֿעדערן פֿון זיך און מיר גייען אַראָפּ.

מיר שאַרן זיך בײַ די ווענט. פֿון צײַט צו צײַט באַהאַלטן מיר זיך אין הײַזער. מיר קריכן דורך הויפֿן, דורך לעכער, דורך בוידעמס — ביז מיר קומען צו דעם אָרט וואו אונדזערע חבֿרים זײַנען דאָ.

איך גיב אָפּ דאָס פּעקל מיט דינאַמיט. (וולאַדקע)

פֿראַגעס:

1. וואָס איז געווען די סכּנה בײַם אַראָפּשפּרינגען פֿון דער געטאָ־מויער?
2. וואָס איז געווען די סכּנה בײַם בלײַבן זיצן אויף דער מויער?
3. ווי איז וולאַדקע אַראָפּ פֿון געטאָ־מויער?
4. וואָס איז געווען די נײַע סכּנה?
5. וואו האָבן זיך באַהאַלטן וולאַדקע און איר חבֿר?
6. ווי זײַנען זיי געקומען צום אָרט וואו עס זײַנען געווען די וואָס האָבן געגרייט דעם אויפֿשטאַנד?
7. ווי, מיינט איר, האָט מען גענוצט דעם דינאַמיט וואָס וולאַדקע האָט געבראַכט?
8. בײַ וועמען, מיינט איר, האָט וולאַדקע באַקומען דינאַמיט?

אויסוועג, דער	way-out	טרעפּ	stairs
אַראָפּגליטשן זיך	to slide down	פֿעדערן	feathers
פֿאַרלאָזן	deserted, abandoned	אָפּשאָקלען	to shake off
		שאַרן זיך	to shuffle

אליהו הנבֿיא אין געטאָ

דער אַלטיטשקער נבֿיא
איז אומעטיק הײַנט,
נאָך גרויער ווי תּמיד,
די אויגן פֿאַרוויינט

ער שפּאַנט איבער אַש־בערג,
עס בריט אים זײַן טראָט.
— „ווי האָסטו דערלאָזט
אַזאַ חורבן, מײַן גאָט ? !

מע הערט ניט קיין שאָרך דאָ,
עס וויינט ניט קיין קינד.
עס קלאָגט נאָר און וואָיעט,
עס יאָמערט דער ווינט.

ווער וועט מיר דערלאַנגען
מײַן אייביקן כּוס ?
פֿאַרוואָס האָט מען קינדער
פֿאַרטיליקט, פֿאַרוואָס ? !“

דער גרײַז־גרויער נבֿיא,
דער אַלטיטשקער מאַן,
בלײַבט שטיין ווי פֿאַרשטיינערט.
פֿאָרויס מער קיין שפּאַן . . .

(אלחנן אינדלמאַן)

אַש	ashes
בריִען	to burn, to boil, to scald
דערלאָזן	to permit, to allow
חורבן	(khurbn) destruction
שאָרך	rustle
וואָיען	to howl
יאָמערן	to lament
פֿאַרטיליקן	to exterminate, to annihilate
גרײַז־גרוי — גרוי	
פֿאַרשטיינערט	petrified

אַ ייִדיש קינד מיט אַ צעטעלע



אַלד נאָך דער מלחמה האָט מען געוואוסט אַז די נאַציס האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען ייִדן, מענער און פֿרויען, אַלטע לײַט און קינדער. אָבער דאָך האָט מען געהאָפֿט — אפֿשר איז עמעצער פֿון דער משפּחה אויף יענער זײַט ים געבליבן לעבן? אפֿשר האָט זיך פֿאַרט עמעצער געראַטעוועט?

אין אַ ייִדיש הויז איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון יענער זײַט ים. דעם בריוו האָט קיינער ניט געקענט לייענען. עס איז געווען אויף אַ מאָדנער שפּראַך. נאָר אונטן איז געווען אָנגעשריבן אויף ייִדיש איין איינציקע שורה: „אַלץ וואָס אין דעם בריוו איז געשריבן איז אמת".

מע האָט געזוכט אַ מענטשן וואָס זאָל קענען פֿאַרשטיין וואָס דער בריוו דערציילט. מע האָט געזוכט און געפֿונען. דער בריוו איז געווען אויף ליטוויש. און אַ מענטש וואָס פֿאַרשטייט ליטוויש האָט איבערגעזעצט דעם בריוו. דער בריוו איז געווען פֿון אַ פּויערטע פֿון אַ דאָרף אין ליטע. און דער בריוו האָט דערציילט:

די פּויערטע איז געווען אין פֿעלד. עס איז געווען אַ זומערדיקער פֿאַרנאַכט, אַ באַן מיט אַ סך וואַגאָנען איז דורכגעפֿאָרן. אין דאָרף האָבן אַלע געוואוסט — מיט אַזעלכע באַנען, אין פֿאַרשלאָסענע וואַגאָנען, פֿירט מען ייִדן. די נאַציס פֿירן זיי צו פֿאַרגאַזן און צו פֿאַרברענען.

פּלוצלינג האָט די פּויערטע דערזען אַז עפּעס אַ פּעקל האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אַ וואַגאָן. דאָס פּעקל איז געבליבן ליגן אויף דער ערד.

אויפֿן פֿעלד איז געוואָרן שטיל. קיינער איז ניט געווען אַרום. די פּויערטע איז צוגעגאַנגען צו זען וואָס מע

האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון וואַגאָן. האָט זי געפֿונען אַ קינד. אַ קליין קינד איז געווען אײַנגעוויקלט אין אַ טוך. דאָס קינד האָט געלעבט. זײַנע אויגן זײַנען געווען גרויס און אָפֿן. די פּויערטע האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט. האָט זי דערזען אַז אויפֿן קינדס העלדזל הענגט אַ צעטעלע. דאָס צעטעלע איז געשריבן אין ליטוויש: „גוטע מענטשן, האָט רחמנות אויפֿן קינד. דאָס בעט אײַך זײַן מאַמע. אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, שרײַבט מײַן שוועסטער אין אַמעריקע. מײַן שוועסטער וועט אײַך פֿאַר אַלץ באַלוינען".

און עס איז געווען צוגעשריבן דער אַדרעס.

איצט האָט די פּויערטע שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען. דאָס האָט אַ ייִדישע מאַמע אַרויסגעוואָרפֿן איר עופֿעלע. אפֿשר וועט דאָס קינד געראַטעוועט ווערן. מע פֿירט די מאַמע צוזאַמען מיט אַלע ייִדן זיי אומצוברענגען, צו פֿאַרגאַזן און צו פֿאַרברענען. האָט די מאַמע אײַנגעוויקלט דאָס עופֿעלע אין אַ טוך און אַרויסגעוואָרפֿן אין פֿעלד. אפֿשר וועט עס געפֿינען אַ מענטש וואָס וועט רחמנות האָבן אויפֿן קינד. אָבער רחמנות אַליין איז ווייניק. האָט זי צוגעזאָגט, מע וועט באַלוינען פֿאַרן ראַטעווען דאָס קינד.

די פּויערטע האָט געבראַכט דאָס קינד צו זיך אַהיים. זי האָט געוואוסט אַז עס איז אַ סכּנה פֿאַר איר צו האַלטן און צו האָדעווען דאָס קינד. זי האָט אויך דאָס צעטעלע גוט באַהאַלטן. עס וועט צו ניץ קומען.

און אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט די פּויערטע אַרויסגענומען דאָס באַהאַלטענע צעטעלע מיט דעם אַמע-ריקאַנער אַדרעס. זי האָט אָנגעשריבן דעם בריוו צו דער אַמעריקאַנער שוועסטער. זי האָט געשריבן אַז זי האָט אויסגעהיט איר שוועסטערס קינד פֿון די דײַטשן. און זי האָט געשריבן צום סוף: זי וויל ניט קיין געלט, זי וויל ניט

קיין מתנות. זי וויל אַז מע זאָל זי צוזאַמען מיט אירע קינ־
דער ברענגען קיין אַמעריקע.

די שוועסטער אין אַמעריקע האָט געטראַכט: איר גאַנצע משפּחה איז ניטאָ. איר שוועסטער איז ניטאָ. אָבער עס איז געבליבן לעבן איר שוועסטערס קינד. איר האָפֿענונג איז ניט געווען אומזיסט.

די שוועסטער אין אַמעריקע האָט געבראַכט אַהער די גאַנצע משפּחה פֿון דער פּויערטע. דאָס קינד האָדעוועט זיך בײַ דער מומען. עס איז אַ פֿײַן, שיין ייִדיש ייִנגעלע.

(יעקב פּאַט)

צושרײַבן, צוגעשריבן		
צו ניץ קומען	האָרעווען	אומברענגען

פֿ ר אַ ג ע ס:

1. ווי האָבן די נאַציס געפֿירט ייִדן אין די לאַגערן זיי אומצוברענגען?
2. פֿאַרוואָס האָט אַ מאַמע אַרויסגעוואָרפֿן איר עופֿעלע?
3. ווער האָט געפֿונען דאָס קינד?
4. וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויפֿן צעטעלע?
5. פֿאַרוואָס האָט די פּויערטע געראַטעוועט דאָס קינד?
6. וואָס איז געווען געשריבן אין דעם בריוו אויף ליטוויש?
7. איז די פּויערטע באַלוינט געוואָרן?
8. וואָס איז דער סוף פֿון דער מעשׂה?
9. מיינט איר אַז עס איז געווען נאָר איין קינד מיט אַ צעטעלע? וואָס האָט געקענט געשען מיט אַזעלכע קינדער?
10. מיט וואָס איז די מעשׂה ענלעך (similar) צו דעם וואָס מיר ווייסן פֿון חומש וועגן משה רבינו?

to destroy, to kill	אומברענגען
strange	מאָדנע
Lithuanian	ליטוויש
peasant woman	פּויערטע
locked	פֿאַרשלאָסן
shawl	טוך
to bring up, to nourish	האָדעווען
to come in handy	צו ניץ קומען

כ׳נעם מיר מיט אַ שטיינדל

כ׳נעם מיר מיט אַ שטיינדל
פֿון דער געטאָ־וואַנט.
כ׳בוי אַ הויז מיר זוניק
אין דעם ווײַטן לאַנד.

כ׳מויער אײַן דאָס שטיינדל
פֿון דער געטאָ־וואַנט
אין מײַן הויז דעם ווײַסן
אין דעם ווײַטן לאַנד.

ס׳זאָל אַ טראָפּן טרויער
פֿון ישׂראלס לייד
זײַן אין ווײַסן מויער,
אין מײַן גרויסער פֿרייד.

ס׳זאָל אַ זכר בלײַבן
פֿון די געטאָ־טעג
אין מײַן היים דער נײַער
אויפֿן ווײַטן ברעג.

(אלחנן אינדלמאַן)

אײַנמויערן	sunny
זוניק	to immure, to put into a brick wall
לייד	suffering
זכר	(zeykher) remembrance, trace

זײַט געגריסט

פֿון אַ לאַנד וואָס ליגט ווײַט איבער ימען
כ'שיק אַ האַרציקן, וואַרעמען בריוו
צו די ברידער און שוועסטער מײַנע
אין ירושלים, חיפֿה און תּל־אָבֿיבֿ.

עס האָבן די זיידעס און טאַטעס
אַ ליכטיקן חלום געהאַט —
אַ היים פֿאַר די זין פֿון ישׂראל,
צו לעבן געזיכערט און זאַט.

עס האָבן די זיידעס געחלומט,
געחלומט בײַטאָג און בײַנאַכט,
און איר האָט גענומען דעם חלום,
און חלום פֿאַר אמת געמאַכט.

איר האָט מיטן אייגענעם אָטעם
געטריקנט די זומפּן פֿון לאַנד,
די שטיינער און דערנער געריסן
מיט מידער, מיט בלוטיקער האַנט.

געווייקט און געבאָדן די זאַמדן,
ביז וואַנען די ערד האָט דערוואַכט,
און ס'האָבן די פֿרוכטן און גרינסן
זיך זוניק און פֿריידיק צעלאַכט.

געהאַפּט און געבעטן אויף שלום,
נאָר מוטיק און זיכער און פֿעסט
געגרייט זיך אַנטקעגן דעם שונא
צו שיצן די אייגענע נעסט.

איצט קוועלט אָן מײַן האַרץ פֿון דער ווײַטנס
און ס'רײַסט זיך אַרויס פֿון מײַן בריוו:
מײַן ברכה אויף אײַך, מײַנע ליבע,
אין ירושלים, חיפֿה און תּל־אָבֿיבֿ.

(י. גויכבערג)

פֿ ר אַ ג ע ם :

1. וועגן וועלכן חלום רעדט זיך אין ליד?
2. ווער האָט דעם חלום געחלומט און ווער האָט אים „געמאַכט פֿאַר אַן אמת"?
3. פֿאַרוואָס ווערן דאָ דערמאָנט די דרײַ שטעט: ירושלים, חיפֿה, תּל־אָבֿיבֿ?
4. אין וועלכע שורות ווערט באַשריבן: א) די שווערע אַרבעט פֿון די בויערס פֿון לאַנד? בּ) דער קאַמף צו באַשיצן ישׂראל? ג) די פֿרייד מיטן ייִדישן לאַנד?

האַרציק	hearty	בלוטיק	bloody
געזיכערט	secure, safe	ווייקן	to soak
אָטעם, דער	breath	אַנקוועלן	to rejoice
טריקענען	to dry	פֿון דער ווײַטנס	from far away
זומפּ, דער	swamp		

בײמער בליִען אין מדבר

א.

אין אַ קאַלטן פֿרימאָרגן זײַנען אָנגעקומען חלוצים און האָבן אָנגעהויבן אויפֿשטעלן געצעלטן. דרײַ אַראַבער אויף אייזלען האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט:

— „וואָס טוט איר דאָ, ייִדן?"

— „דאָ וועט זײַן אַ ייִדיש דאָרף", — האָבן די חלוצים געענטפֿערט.

האָבן די אַראַבער געלאַכט: — „דאָ אין מדבר אַ דאָרף? מײַלן ווײַט איז ניטאָ קיין גראָז, איז ניטאָ קיין בוים. די ערד איז דאָ פֿול מיט זאַלץ. ניט ווײַט איז דער טויטער ים און אַלץ אַרום איז טויט".

האָבן די חלוצים און חלוצות געענטפֿערט: — „קומט צוריק אין דרײַ יאָר אַרום, וועט איר זען".

די אַראַבער האָבן געלאַכט און זײַנען אַוועק.

עס זײַנען אַריבער טעג און חדשים. די חלוצים און חלוצות האָבן שווער געאַרבעט פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

עס זײַנען געקומען טוריסטן פֿון אַמעריקע און האָבן געפֿרעגט די חלוצים:

— „וואָס טוט איר דאָ?"

— „מיר וואַשן די ערד", — האָבן די חלוצים געענטפֿערט.

— „איר וואַשט די ערד?! ווי וואַשט מען ערד?" — האָבן די אַמעריקאַנער געפֿרעגט. און די חלוצים האָבן געענטפֿערט: — „צוויי מײַל פֿון דאַנען איז דער ירדן. ברענגען מיר וואַסער אין עמערס און גיסן אויף דער ערד. דאָס וואַסער וואַשט אויס די זאַלצן פֿון דער ערד. שפּעטער וועלן

מיר פֿאַרפֿלאַנצן ביימער און פֿאַרזייען גראָז". האָבן די טוריסטן געענטפֿערט: — „מיר קומען פֿון אַמעריקע. אין אַמעריקע קען מען אַלץ טאָן. אָבער אַזאַ זאַך ווי וואַשן ערד — דאָס האָבן מיר ניט געהערט".

האָבן די חלוצים געענטפֿערט: — „קומט צוריק אין דרײַ יאָר אַרום. וועט איר זען אַז ביימער וועלן דאָ בליִען און אַז פֿעלדער וועלן דאָ גרינען".

די טוריסטן זײַנען אַוועק און האָבן געזאָגט איינער דעם צווייטן: — „זיי זײַנען וואוילע יונגען, די חלוצים. עס איז אַ רחמנות אויף זיי. זייער מי איז אומזיסט".

פֿון ירושלים האָט מען געשיקט אַ באַרימטן אַגראָנאָם, אַ פּראָפֿעסאָר, ער זאָל זען ווי עס גייט די אַרבעט בײַ די חלוצים.

ער האָט גענומען אַ ביסעלע ערד אין אַ פֿלעשעלע מיט אַ פֿליסיקייט. ער האָט גענומען אַן אַנדער ביסל ערד אין אַן אַנדער פֿלעשעלע מיט אַן אַנדער פֿליסיקייט. ער האָט געשאָקלט די פֿלעשעלעך. ער האָט דערנאָך גענומען אַ ביסל ערד אויף דער לינקער האַנט און עס אַ לעק געטאָן. דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן און ער האָט אויסגעשריִען: — „עס איז סם, די ערד איז אַ פֿאַרסמטע. גיט מיר אַ גלאָז וואַסער". דער פּראָפֿעסאָר האָט אויסגעוואַשן דאָס מויל און דערנאָך געזאָגט די חלוצים: — „אײַער מי איז אומזיסט. דאָ וועט גאָרניט ניט וואַקסן!"

די חלוצים און חלוצות האָבן געשוויגן. נאָר איינער, דוד האָט ער געהייסן, האָט געזאָגט: — „הער פּראָפֿעסאָר, קומט צו אונדז אין דרײַ יאָר אַרום. איר וועט דאָ געפֿינען גרינע פֿעלדער און ביימער וואָס בליִען".

חלוץ, חלוצים	ירדן
חלוצה, חלוצות	מדבר

פּראַגעס:

1. ווער זײַנען געווען די חלוצים און די חלוצות?
2. וואָס האָבן זיי אויפֿגעטאָן פֿאַרן לאַנד?
3. וואָס ווייסט איר וועגן דעם ירדן און וועגן דעם טויטן ים?
4. וואָס האָבן די אַראַבער געזאָגט וועגן אויפֿשטעלן אַ ייִדישן דאָרף אין מדבר?
5. וואָס האָבן געזאָגט די אַמעריקאַנער טוריסטן?
6. וואָס האָט געזאָגט דער באַרימטער פּראָפֿעסאָר פֿון ירושלים?
7. פֿאַרוואָס האָבן די חלוצים און די חלוצות זיך ניט צוגעהערט צו די רייד אַז זייער מי איז אומזיסט?

חלוץ, חלוצים (Kholuts, Kholutsim) pioneer(s) in Palestine, in Israel
פֿאַרזייען, פֿאַרפֿלאַנצן to sow, to plant
אַגראָנאָם agronomist, farm expert
זאַלץ salt
פֿליסיקייט fluid
סם (som) poison

ב.

די חלוצים און חלוצות האָבן שוין זעקס חדשים געאַרבעט. זיי האָבן געוואַשן די ערד.

איין מאָל אין ווינטער איז געקומען אַ שטורעם און האָט אומגעוואָרפֿן די געצעלטן. פֿון די לאָמפּן מיט נאַפֿט איז געוואָרן אַ פֿײַער. דאָס פֿײַער האָט פֿאַרברענט אַלע זאַכן. דער שטורעם האָט פֿאַרטראָגן די געצעלטן אין מדבר. די חלוצים און חלוצות זײַנען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איינע פֿון די חלוצות, לאה די לאַבעדיקע, האָט אָנגעהויבן וויינען: — „מער קען איך ניט. מער קען איך ניט!"

אָבער דוד האָט געזאָגט: „ניין, חבֿרים, מיר וועלן ניט אַוועק פֿון דאַנען! מיר בלײַבן דאָ! מיר זײַנען געקומען מלחמה האַלטן מיטן מדבר. מיט פֿופֿציק יאָר צוריק איז גאַנץ ארץ־ישׂראל געווען אַ מדבר. וואָס איז געווען דער גליל? — אַ מדבר. וואָס איז געווען די שטאָט תּל־אָבֿיבֿ? — אַ מדבר! מע האָט באַזיגט דעם מדבר. מיר וועלן אים אויך דאָ באַזיגן".

דוד האָט געענדיקט ריידן און אַלע ווי איין מענטש האָבן זיך אויפֿגעהויבן און געשוואָרן: „מיר בלײַבן דאָ!" און אין מיטן נאַכט האָבן די חלוצים און חלוצות גענומען זינגען:

אין לאַנד געקומען
אַקערן און בויען,
פֿלאַנצן און זייען —
דעם מדבר אײַנגענומען!

עס איז אַוועק אַ יאָר. מע האָט געבראַכט פֿון ירושלים צען יונגע ביימלעך. מיט פֿרייד האָט מען זיי פֿאַרפֿלאַנצט. אָבער די ביימלעך זײַנען נישט געוואַקסן. זיי זײַנען פֿאַר־דאַרט געוואָרן.

דוד איז אַוועק קיין ירושלים און האָט געבראַכט פֿרישע ביימלעך. אָבער אויך זיי זײַנען נישט געוואַקסן.

צום דריטן מאָל האָט מען געבראַכט פֿון ירושלים פֿרי־שע צען ביימלעך און זיי פֿאַרפֿלאַנצט. עס זײַנען אַריבער אַ פּאָר חדשים און די ביימלעך האָבן גענומען גוט וואַקסן.

— „נו" — האָט דוד געזאָגט — „דאָס יאָר וועלן מיר שוין קענען אַ הוליע טאָן, ווען עס וועט קומען ט״ו בשבט".

עס איז אָנגעקומען דער חודש שבט. די חלוצים און חלוצות האָבן געשיקט בריוו איבערן גאַנצן לאַנד: „קומט צו אונדז זיך פֿרייען מיט אונדזערע צען ביימלעך וואָס וואַקסן

לעבן טויטן ים". זיי האָבן אויך געשריבן צום פּראָפעסאָר אין ירושלים: „קומט און זעט דעם וואונדער".

ט"ו בשבֿט זײַנען געקומען אַ סך מענטשן. מען איז געקומען פֿון די קאָלאָניעס, עס זײַנען געקומען אויך טור־ריסטן. עס איז געקומען אויך דער פּראָפעסאָר פֿון ירושלים. אַלע האָבן געקוקט און זיך געוואונדערט. צען ביימלעך זײַנען געשטאַנען אין האַרץ פֿון מדבר. זיי האָבן געבליט. עס זײַנען געקומען אויך אַראַבער און זיי האָבן געזאָגט:

„כּישוף־מאַכערס זײַנען זיי. די ייִדן זײַנען כּישוף־מאַ־כערס". דער פּראָפעסאָר האָט געדריקט דורן די האַנט און געזאָגט: „איך געדענקט דאָך וואָס ד"ר הערצל האָט גע־זאָגט? 'אויב איר ווילט — איז עס ניט קיין לעגענדע'."

און די אַמעריקאַנער טוריסטן האָבן אויסגערופֿן: — „לאַנג לעבן זאָלן די חלוצים און די חלוצות!"

(מ. א.)

אײַננעמען, אײַנגענומען	פֿאַרדאַרן, פֿאַרדאַרט ווערן
אַ הוליע טאָן	גליל

פ ר אַ ג ע ס:

1. וואָס איז געשען אין אַ ווינטער־נאַכט?
2. וואָס באַטײַטן לאהם ווערטער 'מער קען איך ניט'?
3. וואָס קענט איר זאָגן וועגן דודס כאַראַקטער?
4. פֿאַרוואָס זײַנען די ערשטע צען ביימלעך פֿאַרדאַרט געוואָרן?
5. ווען האָבן די חלוצים שוין געקענט אַ הוליע טאָן?
6. פֿאַרוואָס האָט מען באַשטימט דעם יום־טובֿ פֿון די צען ביימלעך אויף ט"ו בשבֿט?
7. וואָס האָבן געזאָגט די אַלע וואָס האָבן פֿריִער ניט געגלייבט אין דער אַרבעט פֿון די חלוצים?
8. ווער איז געווען ד"ר הערצל? וועגן וואָס האָט ער געזאָגט „אויב איר ווילט — איז עס ניט קיין לעגענדע"?

אומוואַרפֿן	to overturn
פֿאַרדאַרן	to dry up
הוליען	to be merry
כּישוף־מאַכער	sorcerer
דריקן, דאָ:	to shake
לעגענדע, די	legend

דודל

א.

עס איז געווען אין די טעג פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די נאַציס האָבן געזען אַז עס איז שווער צו באַזיגן די ייִדן. האָבן זיי געבראַכט גרויסע טאַנקען.

— „אַ גלית, אַ גלית!“ — האָבן ייִדן געשריִען, ווען זיי האָבן דערזען אַ גרויסן טאַנק, — „וואָס קען מען טאָן קעגן אַזאַ גלית?“

דער פֿערצן־יאָריקער דודל וואָס איז געווען צווישן די קעמפֿערס פֿון געטאָ האָט געענטפֿערט: — „דוד האָט באַזיגט גליתן מיט אַ שטיינדל“. און ער האָט געטראַכט: „איך בין דאָך דוד, איך דאַרף אַרויס קעגן גליתן“.

און דודל איז אַרויס מיט אַ פֿלאַש, פֿול מיט גאַזאָלין. ער האָט אַזוי גוט אַ וואָרף געטאָן די פֿלאַש מיט גאַזאָלין אַז איין טאַנק איז אויפֿגעריסן געוואָרן.

אָבער ייִדן האָבן ניט געקענט זיגן. זיי האָבן געהאַט זייער ווייניק געווער. קיין פֿלעשער מיט גאַזאָלין זײַנען שוין אויך ניט געווען. ייִדן האָבן זיך געשלאָגן ווי לייבן. אַ סך נאַציס זײַנען געפֿאַלן, אָבער עס זײַנען געקומען אַלץ מער און מער נאַציס. זיי האָבן אונטערגעצונדן גאַנצע גאַסן.

מע האָט געמוזט אַרויס פֿון די ברענענדיקע הײַזער און זיך באַהאַלטן. ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען אינגאַנצן חרובֿ, האָבן די נאַציס געזוכט און געפֿונען די ייִדן אין די באַהעלטענישן. אַ סך ייִדן האָבן זיי גלײַך דערשאָסן, אַנדערע האָבן זיי אַוועקגעשיקט צו אַרבעטן ווי שקלאַפֿן אין לאַגערן.

דודלען האָט מען געשיקט פֿון איין לאַגער אין צווייטן, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ לאַגער טיף אין דײַטשלאַנד. דאָרטן איז געווען אַ גרויסע פֿאַבריק פֿון אַמוניציע. ווען די

באַצים האָבן געזען אַז אַ ייִד אַרבעט ניט גוט אָדער האָט ניט קיין כּוח צו אַרבעטן, האָט מען אים גלייך דערשאָסן. דודל האָט גוט געאַרבעט. ער האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט די אַלע מינים געווער וואָס די פֿאַבריק האָט אויסגע־אַרבעט.

— „וואָס דאַרפֿסטו דאָס?" — האָט אים געפֿרעגט אַן עלטערער ייִד.

— „איך וויל וויסן אַלץ וועגן געווער. דאָס וועט מיר צו ניץ קומען", — האָט דוד געענטפֿערט מיט אַן ערנסט פּנים. און ער האָט געטראַכט: דער ייִדישער דוד דאַרף האָבן אַזאַ קונציק געווער וואָס זאָל קענען באַזיגן דעם נאַ־צישן גלית.

עס זײַנען געקומען אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען און האָבן געשאָסן אויף דער פֿאַבריק פֿון אַמוניציע. אַ סך נאַצים זײַ־נען אומגעקומען, אָבער אויך אַ טייל פֿון די ייִדישע שקלאַפֿן. דודל איז געבליבן לעבן.

די לעבן־געבליבענע ייִדן האָט מען איצט געטריבן אין אַן אָרט, וואו מען האָט זיי געוואָלט אַלעמען אומברענגען. אָבער עס זײַנען שוין געקומען די אַמעריקאַנער. די נאַצים זײַנען גיך אַנטלאָפֿן. די ייִדישע שקלאַפֿן זײַנען געוואָרן פֿרײַ. דודל האָט זיך געקושט מיט זײַנע באַפֿרײַערס. וויניק ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט.

דודל האָט ווידער גענומען זיך אינטערעסירן מיט גע־ווער, איצט מיט דעם געווער וואָס די אַמעריקאַנער האָבן געהאַט. ער האָט זיך אויסגעלערנט פֿונאַנדערצונעמען און ווידער צונויפֿצושטעלן אַמעריקאַנער קוילנוואַרפֿערס. די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן זיך געוואונדערט:

— „ער איז דאָך אַ גאַנצער מעכאַניקער, דער ייִנגל. ער איז אַ גרויסער קענער פֿון געווער".

דודל איז איצט געווען אין אַ לאַגער פֿאַר די ייִדן וואָס זײַנען געבליבן לעבן. אין לאַגער זײַנען געקומען ייִדישע

סאָלדאַטן פֿון ארץ־ישׂראל, סאָלדאַטן פֿון דער ייִדישער ברי־גאַדע. דודל איז געוואָרן אַ גוטער פֿרײַנד מיט זיי און זיי האָבן גיך דערזען אַז דער בחור פֿאַרשטייט אַ סך וועגן געווער.

— „אַזאַ בחורל איז זייער גוט פֿאַר דער הגנה“, — האָט געזאָגט איינער פֿון די ייִדישע סאָלדאַטן. — „ער וועט קענען אַרבעטן בײַם גרייטן געהיים געווער. לאָמיר אים ברענגען צו אונדז אין לאַנד“.

דודלס פּנים האָט געשײַנט: — „נעמט מיך מיט, איך וויל קומען מיט אײַך קיין ארץ־ישׂראל. איך שווער אײַך אַז איך וועל אײַך צו ניץ קומען!“

גלית	(Golyas)
אונטערגעצונדן	set fire to
חרובֿ	(khorev) destroyed
אַמוניציע	ammunition
מין, דער	kind, sort
אויסאַרבעטן	to produce
קוילנוואַרפֿער	machine-gun
פֿונאַנדערנעמען	to take apart
צונויפֿשטעלן	to put together
קענער, דער	expert
געהיים	secret
הגנה	(Hagana') secret Jewish army in Palestine

ב.

דודל איז אָנגעקומען אין אַ קיבוץ אין גליל. אין קיבוץ איז געווען אַ גרויסער וואַרשטאַט וואו מע האָט פֿאַרריכט טראַקטאָרס און אַנדערע מאַשינען. געהיים האָט מען דאָרטן אויך געמאַכט געווער פֿאַר דער הגנה. דודל האָט געאַרבעט אין דעם וואַרשטאַט.

עס איז אויפֿגעקומען די פֿרײַע מדינת ישׂראל. אָבער גלײַך זײַנען שׂונאים באַפֿאַלן פֿון אַלע זײַטן. מע האָט גע־דאַרפֿט וואָס מער געווער. דער וואַרשטאַט אין קיבוץ האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. דודל האָט די גאַנצע צײַט געאַר־בעט איבער עפּעס אַ נײַעם מאָדעל פֿון אַ קליין האַרמאַטל.

— „דודל“, — האָט אים געזאָגט דער עלטסטער פֿון וואַרשטאַט, — „פֿאַרגעס ניט אַז מע דאַרף איצט וואָס מער

געווער. איצט איז ניט די צײַט פֿאַר נײַע מאָדעלן. יעדע מינוט איז טײַער."

— „יאָ, יאָ", — האָט געענטפֿערט דודל — „יעדע מינוט איז טײַער, זייער טײַער. לאָזט מיך, לאָזט מיך, חבֿרים!"

און דודל האָט ניט גערוט. גאַנצע טעג איז ער געווען פֿאַרנומען מיט זײַן אַרבעט.

די מלחמה איז געוואָרן אַלץ ביטערער. די שׂונאים האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט צפֿת, ניט ווײַט פֿון דודלס קיבוץ. אַלע פֿון קיבוץ, אַפֿילו די וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם וואַרשטאַט, האָבן געמוזט אַלץ אַוועקוואַרפֿן און גיין ראַטעווען די ברידער פֿון צפֿת.

דודל און זײַנע חבֿרים פֿון קיבוץ האָבן מיטגענומען צום פֿראָנט אַ קליינעם האַרמאַט, געמאַכט לויט דודלס פּלאַן. די שטאָט צפֿת איז געווען אַרומגערינגלט פֿון טויזנטער אַראַבער. מע האָט געדאַרפֿט זיך דורכרײַסן דורך זיי און קומען אין שטאָט.

דודל האָט אַוועקגעשטעלט זײַן אייגן געווער אויף אַ באַרג — און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ דונערן. דודלס געווער האָט געמאַכט אַזאַ טומל אַזוי ווי הונדערט האַרמאַטן וואָלטן געשאָסן מיט איין מאָל. די אַראַבער זײַנען געוואָרן צעשראָקן. איינער האָט אויסגערופֿן:

— „ס׳איז די אַטאָמישע באָמבע! די ייִדן האָבן די אַטאָמישע באָמבע!"

— „די אַטאָמישע באָמבע! די אַטאָמישע באָמבע!"

— האָבן די אַראַבער איצט געשריִען פֿון אַלע זײַטן. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק. טויזנטער אַראַבער האָבן געוואָרפֿן זייער געווער און גענומען לויפֿן. די שטאָט צפֿת איז געוואָרן פֿרײַ פֿון שׂונא.

— „ס׳איז דודלס אַרבעט!" — האָבן געזאָגט זײַנע חבֿרים. דערנאָך האָבן אויך אַנדערע אין דער ייִדישער אַרמיי זיך דערוואוסט וועגן דעם נײַעם געווער.

— „דודל, ווי רופֿסטו דײַן דונער־מאַשין?" — האָט אים געפֿרעגט אַן אָפֿיציר פֿון דער אַרמיי.

— „איך ווייס ניט, איך האָב וועגן אַ נאָמען ניט געטראַכט", — האָט דודל געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, — „אויב איר ווילט, רופֿט עס גאָר דודל. עס איז אַזוי ווי דאָס שטיינדל וואָס דוד האָט געוואָרפֿן אויף גליתן און אים געטייט".

— „ביסט גערעכט, דודל", — האָבן אַלע געזאָגט, — „עס איז אַזוי ווי אין דער מעשׂה מיט דודן און גליתן".

און עס איז אַוועק דאָס דודל אָדער — ווי מע האָט אַ ביסל שפּעטער עס גערופֿן — די דאַווידקע, איבער אַלע טיילן פֿון דער ייִדישער אַרמיי. די דאַווידקע האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויפֿן שונא. די דאַווידקע האָט געראַטעוועט אַ סך ייִדישע לעבנס. דודל האָט באַזיגט גליתן.

(פֿייגל שאַפּראַן)

קיבוץ, דער	(Kibuts) collective colony of pioneers in Palestine, in Israel
וואַרשטאַט, דער	workshop
פֿאַרריכטן	to repair
האַרמאַט, דער	cannon
אַרומרינגלען	to encircle, to surround
צפֿת	(Tsfas)
דורכרײַסן זיך	to break through

ל״ג בעומר

דאָס איז געווען אין די צײַטן ווען די רוימער האָבן געהערשט איבער ארץ־ישׂראל. עס האָט דעמאָלט געלעבט אַ גרויסער גע־לערנטער. ער האָט געהאַט אַ סך תּלמי־דים און זײַנע תּלמידים האָבן אים זייער ליב געהאַט.

איז מען געקומען צו די רוימער און מע האָט זיי גע־זאָגט אַז דער געלערנטער רעדט שלעכטס קעגן זיי. האָט דער רוימישער קייסער געהייסן טייטן דעם געלערנטן. איז דער געלערנטער אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט זײַן זון און האָט זיך באַהאַלטן אין אַ הייל.

בײַם אַרײַנגאַנג פֿון הייל זײַנען אויסגעוואַקסן טייטל־ביימער און פֿײַגנביימער. פֿון אונטער דער ערד האָט זיך געעפֿנט אַ קוואַל וואַסער. דער געלערנטער מיט זײַן זון האָבן געגעסן די פֿרוכט פֿון די ביימער און געטרונקען דאָס וואַסער פֿון קוואַל. זיי זײַנען געווען אין הייל דרײַצן יאָר.

די רוימער האָבן ניט געוואוסט וואו דער געלערנטער געפֿינט זיך, ווײַל די ביימער האָבן פֿאַרשטעלט די הייל. נאָר די תּלמידים פֿון דעם געלערנטן האָבן געוואוסט וואו דער געלערנטער געפֿינט זיך. איין טאָג אין יאָר, ל״ג־בעומר, פֿלעגן זיי שטילערהייט קומען זען דעם רבין. זיי פֿלעגן נעמען מיט זיך פֿײַל־און־בויגנס און שפּײַז אויפֿן וועג.

פֿלעגן זיי טרעפֿן רוימישע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיי געפֿרעגט — וואוהין גייט איר? איז דער ענטפֿער געווען:
— מיר גייען שיסן חיות אין וואַלד.

אָבער זיי זײַנען געקומען צום רבין און אַ גאַנצן טאָג געהערט תּורה. דערנאָך איז מען געגאַנגען צוריק אַהיים.

דעריבער פֿײַערן ייִדישע קינדער דעם יום־טובֿ ל״ג־בעומר ביזן הײַנטיקן טאָג.

**
*

דער נאָמען פֿון דעם גרויסן געלערנטן איז געווען רבי שמעון בן יוחאי.

ל״ג בעומר — דרײַ און דרײַסיקסטער טאָג נאָך דער צווייטער נאַכט פֿון פּסח.
עומר (oymer) איז אַ מאָס גערשטן, וואָס מע פֿלעגט יעדן טאָג ברענגען אין בית־המדש, 49 טעג, פֿון פּסח ביז שבֿועות.

הערשן	to dominate	פֿאַרשטעלן	to screen
אַרײַנגאַנג	entrance	פֿײַל־און־בויגן	bow and arrow
קוואַל, דער	spring, well		



שבועות

זומער־לעב, זומער־לעב,
זוניקע פֿרייד,
בּרענגסט אונדז דעם שבֿועות
אין גרינעם געקליידט.

ליכטיקער יום־טובֿ,
וואָס זינגט אונדז אַ ליד
פֿון ייִדישער תּורה,
פֿון ליבשאַפֿט און פֿריד.

ליבשאַפֿט אין האַרצן
און בּלומען אין פֿעלד,
וואָס פֿאַר אַ פֿרישע
און ליכטיקע וועלט!

זומער־לעב — ליבער, טײַערער זומער.
געקליידט — אָנגעטאָן אין אַ קלייד.
פֿריד — פֿרידן.

די היטערס פֿון דער תּורה

ווען גאָט האָט באַשלאָסן צו געבן די תּורה צו ייִדן, האָט ער געוואָלט זײַן זיכער אַז ייִדן וועלן טאַקע אָפּהיטן די תּורה. האָט גאָט גערופֿן אַלע ייִדן און זיי געזאָגט:

— „איך וועל אײַך געבן די תּורה, אויב איר וועט געבן אַ גאַראַנטיע אַז איר וועט זי טאַקע היטן".

ייִדן האָבן געוואָלט קריגן די תּורה, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס פֿאַר אַ גאַראַנטיע צו געבן.

האָט איינער געזאָגט: — „לאָמיר נעמען דאָס גאַנצע גאָלד און דאָס זילבער און אַלע טײַערע שטיינער וואָס מיר האָבן און דאָס וועט זײַן אונדזער גאַראַנטיע".

האָבן אַלע אים פֿון געלאַכט: „צו וואָס דאַרף גאָט גאָלד אָדער זילבער, אָדער טײַערע שטיינער?"

האָט אַן אַנדערער געזאָגט: — „לאָמיר געבן אַלץ וואָס מיר האָבן: אונדזערע שאָף, אונדזערע קליידער — אַלץ".

האָט מען ווידער פֿון אים געלאַכט: „גאָט דאַרף דען די קליידער אָדער די שאָף? די גאַנצע וועלט איז דאָך זײַנע".

איז מען געזעסן טרויעריק און נים געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַן אַלטער מאַן און האָט געזאָגט:

— „לאָמיר געבן ווי אַ גאַראַנטיע אַן אייביקע זאַך. אויב מיר וועלן נים היטן די תּורה, זאָלן די שטערן פֿאַר אונדז מער נים שײַנען". און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געשוואָרן בײַ די ליכטיקע שטערן אַז זיי וועלן היטן די תּורה.

האָט גאָט געזאָגט: — „איך קען נים אָננעמען אַזאַ

שבועה. די שטערן זײַנען אויך ניט אייביק. עס זײַנען דאָ פֿינצטערע נעכט, ווען מע זעט ניט די שטערן. וועט איר פֿאַרגעסן אײַער שבֿועה".

האָט אַן אַנדער מאַן געזאָגט: — „לאָמיר שווערן בײַ דער שיינער לבֿנה". אָבער גאָט האָט געזאָגט: — „איך קען אַזאַ שבֿועה ניט אָננעמען. ווען די לבֿנה איז ניטאָ אויפֿן הימל אָדער זי איז באַהאַלטן אונטער וואָלקנס, וועט איר פֿאַרגעסן אײַער שבֿועה".

האָבן זיך עטלעכע אויפֿגעשטעלט און אויסגערופֿן: — „אָבער מיר שווערן בײַ דער זון, בײַ דער ליכטיקער זון. אַזאַ שבֿועה וועט גאָט אָננעמען".

אָבער גאָט האָט געזאָגט: — „איך קען אַזאַ שבֿועה ניט אָננעמען. אין די לאַנגע נעכט, ווען איר וועט ניט זען די זון, קענט איר פֿאַרגעסן אײַער שבֿועה".

איז דאָס גאַנצע פֿאָלק געזעסן טרויעריק. קיינער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. האָט אַ קלוגער מאַן געזאָגט: — „ווייסט איר פֿאַרוואָס גאָט נעמט ניט אָן אונדזערע שבֿועות? ווײַל מיר לייגן פֿאַר זאַכן וואָס געהערן ניט צו אונדז. לאָמיר פֿאַרלייגן דאָס וואָס געהערט צו אונדז".

— „יאָ, אָבער דאָס וואָס מיר האָבן האָט קיין ווערט ניט", — האָבן אַנדערע געזאָגט.

האָט קיינער ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. אַלע האָבן געשוויגן. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ פֿרוי און האָט געזאָגט:

— „איך ווייס וואָס מיר וועלן געבן. מיר וועלן געבן ווי אַ גאַראַנטיע אונדזערע קינדער. אונדזערע אייגענע קינדער וועלן זײַן די גאַראַנטיע".

אַלע זײַנען געבליבן שטיל. אַלע האָבן געטראַכט: וועט גאָט אָננעמען די קינדער ווי אַ גאַראַנטיע? וועט גאָט האַלטן אַז די קינדער זײַנען גוטע היטערס פֿון דער תּורה? האָבן זיי דערהערט גאָטס שטים: — „יאָ, אײַערע קינ-

דער נעם איך אָן ווי אַ גאַראַנטיע. זאָלן אײַערע קינדער זײַן די היטערס פֿון דער תּורה. נעמט זי, אָבער געדענקט: אײַערע קינדער דאַרפֿן זײַן די היטערס פֿון דער תּורה!"

און אַזוי האָט גאָט געגעבן ייִדן די תּורה.

(לויט אַן אַגדה)

גאַראַנטיע	guarantee	פֿאָרלייגן	to propose
שבֿועה	(shvue) oath	ווערט	value

דער באַהעלפֿער און דער וואָלף

דער יונגער ישׂראל האָט קיין טאַטן ניט געהאַט און האָט קיין מאַמע ניט געהאַט. ער געדענקט ניט די מאַמע. זי איז געשטאָרבן, ווען ער איז געווען נאָך אַ קליין קינד. דעם טאַטן געדענקט ער זייער גוט.

ער איז דעמאָלט געווען זעקס יאָר אַלט. דער קראַנקער פֿאָטער איז געלעגן אין בעט און ישׂראל איז געזעסן לעבן בעט און האָט געוויינט. מיט דער ביינערדיקער האַנט האָט דער פֿאָטער געגלעט זײַן ייִנגעלע, אים געטרייסט און אים געזאָגט:

— „מײַן ליב קינד, שרעק זיך נישט. גאָט וועט זײַן מיט דיר. זאָלסט קיינמאָל אין לעבן פֿאַר קיינעם און פֿאַר קיין שום זאַך ניט מורא האָבן".

דער פֿאָטער איז געשטאָרבן. טיף אין האַרצן זײַנען אַרײַן זײַנע לעצטע ווערטער. ישׂראל האָט זיי קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. ער איז געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט. מענטשן האָבן אים געהאָלפֿן, אָבער דאָך איז אים געווען שלעכט. ער איז אָפֿט געווען הונגעריק. ער האָט געליטן פֿון קעלט. אָבער אין די אויערן האָבן שטענדיק געקלונגען די לעצטע ווערטער פֿון זײַן פֿאָטער: שרעק זיך ניט, גאָט איז מיט דיר. זאָלסט קיינמאָל אין לעבן פֿאַר קיינעם און פֿאַר קיין שום זאַך ניט מורא האָבן!

ישראל איז געוואַקסן אין אַ קליין שטעטל. די מענטשן פֿון שטעטל האָבן אים געשיקט לערנען אין אַ חדר און האָבן געצאָלט פֿאַר אים דעם מלמד. דער יינגל האָט ליב געהאַט דעם מלמד און האָט ליב געהאַט דאָס לערנען. ער איז געווען אַ שטילער, אַ פֿאַרטראַכטער און האָט ניט אַלע מאָל געהערט וואָס דער מלמד רעדט.

ישראל האָט ליב געהאַט דאָס לערנען, אָבער נאָך מער האָט ער ליב געהאַט די פֿעלדער און די וועלדער אַרום דעם שטעטל. ער פֿלעגט אַוועק אויף גאַנצע טעג פֿון חדר און זיצן אונטער אַ בוים. מע האָט געדאַרפֿט אים גיין זוכן. ווען מע האָט אים געפֿונען, האָט מען אים געפֿרעגט: — „פֿאַרוואָס אַנטלויפֿסטו אין וואַלד?"

דער יינגל האָט ניט געענטפֿערט. ער איז שטיל געגאַנגען צוריק אין חדר. עס פֿלעגן אַוועקגיין עטלעכע טעג, און ער איז ווידער געלאָפֿן אין וואַלד.

די מענטשן פֿון שטעטל האָבן געזען אַז זייערע רייד העלפֿן ניט. שלאָגן אים האָבן זיי ניט געטאָרט — ער איז דאָך אַ יתום. האָט מען אים געלאָזט צו רו. ער זאָל טאָן וואָס ער וויל. אַזוי איז ישראל געוואַקסן ביז ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר.

ישראל האָט איצט געוואָלט אַליין פֿאַרדינען פֿאַר זיך. נאָר וואָס קען טאָן אַ צוועלף־יאָריקער יינגל? האָט מען געטראַכט ביז מע האָט פֿאַר אים געפֿונען אַרבעט. ער איז געוואָרן אַ באַהעלפֿער פֿון זײַן מלמד.

וואָס טוט אַ באַהעלפֿער פֿון אַ מלמד? ער דאַרף קומען צו די קינדער אַהיים, ער דאַרף העלפֿן זיי אָנטאָן זיך. ער דאַרף זאָגן מיט זיי די ברכות. ער דאַרף זיי צונויפֿנעמען און פֿירן אין חדר אַרײַן. אין אָוונט דאַרף ער זיי פֿירן אַהיים.

ווען עס זײַנען געווען בלאָטעס נאָך אַ רעגן, אָדער דער שניי איז געווען צו טיף, האָט ישראל געטראָגן די קלע־נערע קינדער אויף די פּלייצעס. ער האָט זייער ליב גע־

האָט די קינדער. די קינדער האָבן ליב געהאַט דעם יונגן באַהעלפֿער. דער באַהעלפֿער פֿלעגט גיין מיט די קינדער און זינגען שיינע לידער. אין זוניקע טעג איז מען ניט גלייך געגאַנגען אין חדר. מען איז געגאַנגען אַ ביסל איבער פֿעל־דער, מען איז אַ ביסל געגאַנגען דורכן וואַלד. די פֿעלדער און דער וואַלד זיינען פֿול געוואָרן מיט געלעכטער און מיט לידער פֿון די קליינע קינדער.

עס איז געווען ווינטער. דער שניי האָט באַדעקט די וועלט. עס איז אָבער געווען אַ שיינער טאָג. ישׂראל האָט געפֿירט די קינדער דורכן וואַלד.

איין מאָל איז אַ וואָלף אַרויס פֿון דעם טיפֿן וואַלד, געקומען נענטער צום שטעטל, ווייל ער איז געווען זייער הונגעריק. די קינדער האָבן דערזען דעם וואָלף און זיך זייער דערשראָקן. ישׂראל האָט זיך ניט דערשראָקן. ער האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פֿון זיין פֿאָטער: זאָלסט קיינמאָל אין לעבן פֿאַר קיין שום זאַך ניט מורא האָבן.

ישׂראל האָט געהאַט אַ שטעקן אין האַנט. ווען דער וואָלף איז זיי באַפֿאַלן, האָט ישׂראל מיטן שטעקן געגעבן דעם וואָלף אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ. ער האָט געקלאַפּט מיט אַלע זיינע כּוחות. דער וואָלף איז געפֿאַלן אַ טויטער.

וועגן דעם יונגן באַהעלפֿער, דעם העלד, האָט מען דערנאָך גערעדט אין שטעטל. פֿון דאָרטן איז די מעשׂה געוואָרן באַוואוסט אומעטום.

ווען דער באַהעלפֿער ישׂראל איז אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן זייער אַ באַרימטער מאַן. דאָס איז ר׳ ישׂראל בעל־שם־טובֿ.

(י. מ. לויט אַ לעגענדע)

באַהעלפֿער	teacher's helper	צונויפֿנעמען	to gather, to take together
ביינערדיק	bony	בלאָטע(ס)	mud
געליטן	suffered	בעל־שם־טובֿ —	(balshemtov)
מלמד —	(melamed)	דער וואָס האָט אַ גוטן נאָמען	
לערער פֿון אַ חדר			

דער כּישוף־רינג

ע ס האָט געלעבט אַמאָל אַ גרויסער סולטאַן וואָס זײַן נאָמען איז געווען סאַלאַדין. דער ייִדישער חכם נתן איז געווען זײַן פֿרײַנד. איין מאָל האָט סאַלאַדין גערופֿן צו זיך נתן דעם חכם און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— „פֿאַראַן אויף דער וועלט דרײַ גרויסע רעליגיעס: די ייִדישע, די קריסטלעכע און די מוסולמענישע. וואָסער רעליגיע איז די אמתע? עס קען דאָך נאָר זײַן איין אמתער גלויבן. וועלכער איז דער אמתער?"

נתן האָט זיך פֿאַרטראַכט און ער האָט דערציילט דעם סולטאַן אַזאַ מעשה:

— „אַמאָל האָט געלעבט אין אַ מזרח־לאַנד אַ מאַן וואָס האָט געהאַט אַ טײַערן רינג. דער רינג איז געווען אַ כּישוף־רינג. ווער עס האָט אים געטראָגן איז געווען באַליבט בײַ אַלע מענטשן. דערפֿאַר האָט דער מאַן קיינמאָל ניט אַראָפּגענומען זײַן רינג פֿון זײַן פֿינגער און האָט אים געהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿון אויג. ווען דער מאַן האָט דערפֿילט אַז ער האַלט בײַם שטאַרבן, האָט ער אַרײַנגערופֿן זײַן באַליבטסטן זון און האָט אים איבערגעגעבן דעם רינג. אַזוי איז עס געגאַנגען פֿון דור צו דור.

ביז דער רינג איז געקומען צו אַ מאַן וואָס האָט געהאַט דרײַ זין און ער האָט אַלע דרײַ זין ליב געהאַט. וועמען זאָל ער אָפּגעבן דעם רינג? האָט דער מאַן געטראַכט און ער האָט געפֿונען אַן עצה. ער האָט גערופֿן אַ גאָלדשמיד און האָט אים געזאָגט:

— „מאַך מיר נאָך צוויי רינגען וואָס זאָלן זײַן פּונקט אַזוי ווי אָט דער רינג".

דער גאָלדשמיד איז געווען זייער אַ גוטער מײַסטער און ער האָט געמאַכט נאָך צוויי רינגען וואָס זײַנען געווען פּונקט ווי דער כּישוף־רינג. דער מאַן אַליין האָט שוין ניט געקענט וויסן, וועלכער רינג איז דער עכטער און וועלכע זײַנען די נאָכגעמאַכטע. דער מאַן האָט אַרײַנגערופֿן יעדערן פֿון די זין באַזונדער און יעדער זון האָט באַקומען אַ רינג. יעדער זון האָט זיך געפֿרייט מיט דעם רינג און יעדער זון האָט געטראַכט:

— „מיך האָט דער פֿאָטער אויסגעקליבן אָפּצוגעבן זײַן כּישוף־רינג".

ווען דער מאַן איז געשטאָרבן, האָט יעדער זון אָנגעטאָן אַ רינג און יעדער זון האָט געטראַכט אַז ער איז דער הויפּט פֿון דער משפּחה. האָבן די דרײַ זין אָנגעהויבן זיך צו קריגן

איינער מיטן צווייטן. יעדערער האָט באַשולדיקט די אַנ־דערע צוויי ברידער אַז זיי טראָגן פֿאַלשע רינגען.

זײַנען אַלע דרײַ ברידער אַוועק צו אַ קלוגן ריכטער. דער ריכטער האָט זיי אַלעמען אויסגעהערט און ער האָט געזאָגט:

— „אַלע דרײַ רינגען זײַנען גלײַכע. קיינער קען ניט דערזען אַן אונטערשייד צווישן זיי. אָבער איינער פֿון די רינגען איז דער כּישוף־רינג. דער ברודער וואָס אַלע וועלן אים ליב האָבן איז דער וואָס טראָגט דעם כּישוף־רינג. דע־ריבער גייט און זעט אַז אײַער אייגענע משפּחה, אַז אַלע אײַערע שכנים, אַז אַלע מענטשן זאָלן אײַך ליב האָבן. וואַרט ביז מענטשן וועלן זאָגן: אָט דער ברודער טראָגט דעם כּישוף־רינג. ער איז דער קליגסטער, ער איז דער בעסטער, אים האָבן אַלע ליב“.

פֿראַגעס:

1. נתן דער חכם איז געווען אַ ייִד. פֿאַרוואָס האָט ער ניט געזאָגט דעם מוסולמענישן סולטאַן אַז די ייִדישע רעליגיע איז די אמתע?
2. וואָס לערנט אונדז די מעשׂה וואָס נתן דער חכם האָט צוגעטראַכט?

נתן	(Nosn)	גאָלדשמיד	goldsmith
חכם	(khokhem) wise man, sage	עכט	genuine
באַליבט	loved, beloved	נאָכגעמאַכט	imitated, counterfeited
שוואַרצאַפּל	pupil of the eye	הויפּט, דער	head
עצה	(eytze) advice a way out	באַשולדיקן	to accuse
		אונטערשייד	difference

וואונדער

וואונדער איבער וואונדער,
אומעטום, אין אַלץ!
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווײַסן זאַלץ.

און אין דעם בלויען וואַסער
וואָס שטילט דעם דאָרשט אונדז אײַן.
און אין דעם רויטן פֿײַער
וואָס וואַרעמט אונדז מיט שײַן.

און אין דעם קינדס געלעכטער
וואָס הילכט פֿון מאַמעס שויס,
און אין די קליינע קינדער
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אוי, וואונדער איבער וואונדער,
וואונדער אָן אַ שיעור!
און פֿון אַלע וואונדער,
קינדער, זינגען מיר.

(מאַני לייב)

צו די לערערס

דאָס בוך „ייִדישע קינדער ג׳" איז באַשטימט פֿאַרן דריטן לערניאָר. דאָס איצטיקע בוך איז אַ גרינטלעכע איבעראַרבעטונג פון דעם פֿריִערדיקן בוך פֿאַרן דריטן לערניאָר „דאָס לעבעדיקע וואָרט". מיר האָבן פֿון דאָרטן אַרײַנגענומען דעם גרעסטן טייל מאַטעריאַל, אָבער דורכגעלאָזט די דערציילונגען און לידער וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן צו שווער פֿאַרן דריטן לערניאָר, ווי אויך דעם מאַטעריאַל, וואָס זײַן דערציִערישער ווערט איז אונטער אַ ספֿק. דאָס וואָס מיר האָבן יאָ אַרײַנגענומען פֿון „דאָס לעבעדיקע וואָרט" האָבן מיר איבערגעשריבן, כּדי צו מאַכן דאָס לשון פּשוטער און דעם סיפּור המעשׂה קאָנדענסירטער. אין דעם איצטיקן בוך גייען אַרײַן נײַע מאַטעריאַלן וואָס זײַנען אין די פֿריִערדיקע לערנביכער ניט געווען און עטלעכע דערציילונגען און פּאָעמעס פון דעם בוך „דאָס ייִדישע וואָרט".

„ייִדישע קינדער ג׳" איז אַ דירעקטער המשך פון „ייִדישע קינדער ב׳". אונדזער בוך איז געבויט אויף דעם זעלביקן יסוד פון אַ קאָנטראָלירטן וואָקאַבולאַר. די אַלע נײַע ווערטער וואָס קומען צו צו אַ דערציילונג אָדער צו אַ ליד ווערן געגעבן און פֿאַרטײַטשט גלײַך נאָך דעם טעקסט. אויב מע האַלט זיך שטרענג בײַם סדר פֿון לערנבוך, קענען ניט זײַן קיין שוועריקייטן בנוגע וואָקאַבולאַר. אויב דעם לערער קומט אויס צו לערנען אין אַן אַנדער סדר, דאַרף ער אויסגעפֿינען וועלכע נײַע ווערטער עס וועט אים אויסקומען צו פֿאַרטײַטשן. לײדער האָבן מיר איבער טעכנישע און מאַטעריעלע טעמים ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוצוגעבן צום סוף לערנבוך אַ ווערטערביכל, ווי מיר האָבן עס געטאָן בײַ „ייִדישע קינדער ב׳". מיר פּלאַנעווען ווי אַ צוגאָב אַ באַזונדער ווערטערביכל פֿאַר דעם בוך.

מיר האָפֿן אַז „ייִדישע קינדער ג׳" וועט גרינגער מאַכן די אַרבעט פֿון די חבֿרים־לערערס אין דעם דריטן לערניאָר און מיר ווינטשן זיי אַ פּעולה אין לערנען. מיר בעטן אונדז אַרײַנשיקן קריטישע אָנווײַזונגען, וואָס מע וועט זיי קענען נעמען אין אַכט בײַ אַ שפּעטערדיקער אויפֿלאַגע.

מיר באַדאַנקען אַלע חבֿרים וואָס האָבן אונדז מיטגעהאָלפֿן מיט זייערע עצות. מיר באַדאַנקען אַלע מחברים וואָס מיר האָבן אַרײַנגענומען זייערע דערציילונגען און לידער אין מיר בעטן אַז זיי זאָלן אונדז מוחל זײַן, ווען אונדז איז אויסגעקומען צו קירצן אָדער אַרײַנצוברענגען שפּראַכיקע פֿאַרגרינגערונגען אין זייערע טעקסטן. מיר באַדאַנקען די אַלע וואָס מיר האָבן אויסגעניצט זייערע אילוסטראַציעס און ספּעציעל די מאָלערין צירל וואַלעצקי וואָס האָט געמאַכט פֿאַר אונדז אַ צאָל נײַע אילוסטראַציעס. לסוף דאַנקען מיר דעם בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג וואָס גיט אַרויס דאָס לערנבוך.

זלמן יעפֿרויקין
יודל מאַרק

אינהאַלט

זייט

אותיות — י. ח. ראַדאָשיצקי . . 3

קינדער

1. מאַרש־ליד — יצחק קאַצענעלסאָן 4
2. אַ פֿייגעלע — לויט שלום־עליכם 5
3. פֿאַרוואָס טרעפֿט ער — לויט יהודה שטיינבערג 7
4. דרײַ ייִנגעלעך — י. גויכבערג 9
5. אַ גוטער בירגער — ל. פּורעס 11

יום־טובֿ מעשׂיות

1. לשנה טובֿה — י. גויכבערג . 16
2. דעם זיידנס שופֿר — בערל סיגאַל 17
3. יום־כּיפּור — מ. אַליצקי . . . 22
4. דער רבֿ וואָס איז געקומען שפּעט צו כּל נדרי (פֿאָלקס־מעשׂה) 23
5. אַ סוכּה פֿון שלום — לויט י. האַלפּערין 28
6. תּורה איז די בעסטע סחורה (אַגדה) 30
7. שׂמחת־תּורה — ה. באַרקאַן . 32

אַמעריקע

1. אַמעריקע איז ווײַט, ווײַט . . . 33
2. צו אַ נײַער וועלט, לויט דבורה פּעסין 36
3. דאָס ציכל — דזשעראַלד בלידשטיין 41

מעשׂיות

1. אַמאָל איז געווען (פֿאָלקס־ליד) 44

זייט

2. דאָס בעסטע איז צו זײַן פֿריילעך 45
3. צוויי ברידער (אַגדה) 46
4. דרײַ קלוגע עצות 48
5. דער קלוגער משפּט (אַגדה) . . 50

שבת

1. דער שבת קומט 54
2. יוסף דער שבת־היטער (פֿאָלקס־מעשׂה) 55
3. אַ מעשׂה מיט אַ מטבע — לויט ש. י. עגנון 58
4. דער פֿירשט און דער ייִד (פֿאָלקס־מעשׂה) 62

אונדזער שול

1. די ייִדישע שול — אַבֿרהם רייזען 56
2. אַבֿרהם רייזען צו גאַסט אין אַ ייִדישער שול — י. מלאַטעק 66
3. חנהלעס טאַטע — לויט דניאל פּערסקי 69
4. משהלע קאַפּיטאַן — מאַשע שטוקער פּאַיוק . . . 71
5. מאַמעס האָבן ליב צו וויינען — בערל סיגאַל 79
6. אַ ייִדישע שול — חנן קיעל . 83

חנוכּה

1. אַכט קליינע ברידער—אַלף כּץ 84
2. די מעשׂה פֿון חנוכּה — יודל מאַרק 85
3. דער העלד אלעזר 90
4. חנוכּה־געלט — לויט שלום עליכם 92
5. חנוכּה־שטערן — ש. פּרוג . . 100

זייט
6. חנוכה־ליכט — לויט
אַהרן מגיד 101
7. לכבוד חנוכה—ח. נ. ביאַליק—
יידיש י. גויכבערג 105

אַרבעט

1. דאָס ליד פֿון ברויט —
מאַני לייב 106
2. דער פּויער און דער אוצר . . . 108
3. דרײַ גרויסע מענטשן 110
4. מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל
(פֿאָלקס־ליד) 112
5. מוזסט ווערן בעסער צו דײַן
אַרבעטער (אַגדה) 113
6. איידער גאָט האָט באַשאַפֿן
דעם מענטשן 115
7. דער בריוטרעגער —
וואָלף יונין 119
8. אין ערגעץ־לאַנד —
י. ל. פּרץ 121

יידיש־לשון

1. יידיש לשון — אַ. שינדלער . 128
2. אַ פּאַריזער מיידעלע אין
ניו־יאָרק—אַ. דאַווידאָוויטש 129
3. דער צווילינג — י. מאַניק . . 135
4. דער יונגער דאָקטער —
בערל סיגאַל 137
5. יידיש — ש. טענעראָווסקי . . 142

מעשׂיות

1. קוק ניט אויף דער כּלי —
(אַגדה) 143
2. איך וועל טאָן וואָס מיין טאַטע
האָט געטאָן (פֿאָלקס־מעשׂה) . 144
3. די ביימער און דאָס אײַזן . . . 147
4. אַבֿרהם האָט פֿאַרשטאַנען —
(אַגדה) 147
5. דער זון וואָס וויל לערנען
(אַגדה) 150
6. דער צויבערמאַן — יהואש . 153
7. דאָס וואונדערלעכע פּייפֿל —
(פֿאָלקס־מעשׂה) 155

חמשה עשׂר בשבֿט

1. ט״ו בשבֿט — מ. אַליצקי . . 159

זייט
2. דער טייטלבוים —
י. שטיינבערג 160
3. קינדער גייען (רחל, — יידיש—
שזר) 163

אַמעריקע

1. אַמעריקע — אַבֿרהם רייזען . . 164
2. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און
די יידן פֿון ניו־פּאָרט . . . 165
3. אַ יידישע מיידל און
וואַשינגטאָן (לויט עלמאַ
עהרליך לעווינגער) 168
4. לינקאָלן און אַ יידישער
סאָלדאַט — ל. סילווער . . . 175
5. דער שלעכטער תּלמיד
יאַנקל נאַסקאָוויץ 180

פּורים

1. די מגילה — י. גויכבערג . . 188
2. די מעשׂה פֿון פּורים
לעאָן עלבע 189
3. המנס פּלאַן — חנן קיעל . . . 194
4. צוליב די קינדער 195
5. קום איך אַריין צו שפּרינגען—
(פֿאָלקס־ליד) 196
6. פּורים־שפּילערס — לויט
שלום־עליכם 197
7. פּורים־ליד—אלחנן אינדעלמאַן 201

שווער לעבן

1. די נויט — מאַני לייב 202
2. די מאַמע און די קינדער —
ש. ב. ציון, יידיש:
ה. באַרקאַן 205
3. מײַן יינגעלע —
מאָריס ראָזענפֿעלד 209

פּסח

1. משה — אַבֿרהם רייזען . . . 211
2. די מעשׂה פֿון פּסח —
יודל מאַרק 212
3. צינד אָן די ליכט — ש. פּרוג 221
4. אליהו הנביאס כּוס
(פֿאָלקס־מעשׂה) 222
5. דער בוים און דער סדר —
אַלף כּץ 226
6. אליהו הנביא — שלום עליכם 228

זײַט

אין טרויער

1. יזכור־ליכט — מאַשע שטוקער פּאַיוק 234
2. דאָס פּעקעלע פּוטער — וולאַדקע 235
3. אליהו הנביא אין געטאָ — אלחנן אינדעלמאַן 239
4. אַ יידיש קינד מיט אַ צעטעלע — יעקבֿ פּאַט 240
5. כ׳נעם מיר מיט אַ שטיינדל — אלחנן אינדעלמאַן 243

ישׂראל

1. זײַט געגריסט — י. גויכבערג 244

זײַט

2. ביימער בליען אין מדבר — מ. א. 246
3. דודל — פֿייגל שאַפּראַן 251

ל״ג בעומר

1. ל״ג בעומר (אַגדה) 256

שבֿועות

1. שבֿועות 258
2. די היטערס פֿון דער תּורה (לויט אַן אַגדה) 259
3. דער באַהעלפֿער און דער וואָלף (י. מ. לויט אַ לעגענדע) 261
4. דער כּישוף־רינג 264

וואונדער — פֿון מאַני לייב 267

צו די לערערס 268

די אילוסטראַציעס זײַנען פֿון י. שלאָס: זײַטן 4, 16, 33, 44, 50, 55, 65, 79, 84, (קעפּל), 85, 100, 106, 110, 128, 143, 158, 164, 168, 175, 188, 189, 202, (קעפּל), 211, 212, 222, 223, 240, 251, 258, (בילד), 267.

פֿון צירל גראַבליאַ וואַלעצקי: זײַטן 11, 19, 23, 27, 33 (דער אות), 36, 43, 46, 71, 77, 103, 129, 139, 148, 154, 195, 202, 205, 228, 231, 234, 235, 246, 256 (דער אות), 259, 264.

פֿון פּ. שרון: זײַטן 3, 17, 28, 54, 244.

פֿון שוירלין קנאַרינג (גענומען פֿון בוך: די גאָלדענע פּאַווע״, אַרויסגעגעבן פֿון יוסף כראַמאַוו פֿאָנד): זײַטן 9, 249.

פֿון הערשל דאַנילעוויטש: זײַט 221.

פֿון יואל לעוויט: בילד „די ערשטע טריט״, זײַט 128.

איגנאַצי וויץ (פֿון „לייענבוך״ און פֿון „מײַן לייענבוך״, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, פּוילן) זײַטן 121, 127.

מאַקס באַנד (אַ ייִנגעלע) זײַט 210.